STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03187

REYZELE DEM SHOYHET'S

Aaron Chait

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רייזעלע דעם שוחט׳ס

נאָוועלע פון דער נאָהענטער
אידישער פאַרגאַנגענהייט

פון

אהרן חייט

רייזעלע דעם שוחט׳ס

RAZELE DEM SHOCHET'S

"(FALL AND RISE OF A NATION)

מיין ליבער משפחה, מיין שטעטעלע שטויפץ און אירע
קדושים, מיינע 6 מיליאָן אידישע ברידער און שוועסטער,
קרבנות פון נאצי רעזשים אין אייראָפּע, מיין טייער
פאָלק און אויפגעריכט הימלאנד, — מיט טרייהייט און
עהרפורכט — געווידמעט.

Copyright by Aaron Chait

New York 1957

All rights reserved
נאָכדרוק אָדער געברויך
אינגאנצען אָדער אפילו טיילווייז,
אָן דער שריפטליכער ערלויבעניש פון מחבר,
שטרענג פארבאָטען

AARON CHAIT
529 BEDFORD AVENUE
BROOKLYN 11, N. Y.

אהרן חייט

אהרן חייט — כלל־טוער, שרייבער און ערפינדער

(צו זיין איצטיגען 25־יאָהריגען ליטעראַרישען יובילעאום)

פון דוד סאָהן

רעדאַקטאָר „ביאַליסטאָקער שטימע"

דער יחוס־צעטעל פון אונזערע אידישע קולטורעל־געזעל־שאַפטליכע און ליטעראַרישע יובילאַרען איז לעצטענס באַריי־כערט געוואָרען מיט אַ נייעם נאָמען, אהרן חייט, וועלכער פאַר־צייכענט די טעג זיין 25־יאָהריגען יובילעאום פון געדרוקטען וואָרט אויף ביידע זייטען ים.

יובילאַרען זיינען שוין אייגענטליך ניט קיין פנים חדשות אויף דער אידישער גאַס. אין אונזער איצטיגען פאַל איז עס אָבער אַ מערקווירדיגער טאַלאַנט, וועלכער האָט זיך ענטפּלעקט אין אַן אַלזייטיגקייט אויף אַ סך געביטען, אַ יחיד מיט די מעלות פון אַ „רבים".

***

געבאָרען אין שטופּץ, אַ קליין־שטעטל אין ווייס־רוסלאַנד ביי אָרטאָדאָקסישע עלטערן, אַ טאַטען אַ מלמד, און אַ מאַמען, אַ צנועה און מלומדת, ערצויגען אין די אייראָפּעאישע ישיבות, האָט אהרן חייט שוין אין זיין פריהסטער יוגענט דערפילט דעם דורשט נאָך וועלטליכער בילדונג, און האָט אין האַנט מיט למודי קודש האָט ער ערוואָרבען אַלגעמיינע ידיעות, דורכגע־מאַכט גימנאַזיע, אוניווערזיטעט, שטודירט אַדוואָקאַטור און גראַדואירט פון יורידישען פאַקולטעט ביים ווילנער אוניווערזי־טעט מיט דעם טיטעל פון מאַגיסטער פון יוריספּרודענץ.

שוין אין זיינע אינגעלשע יאָהרען האָט אהרן חייט „צוגע־זינדיגט מיט דער פען״ און זיך געדרוקט אין אַ צאָהל יוגענט זשורנאַלען. אין אויגוסט 1931 איז ער געוואָרען דער שטענדיגער מיטאַרבעטער פון דער אָנגעזעהענער אָרטאָדאָקסישער וואָכענ־שריפט אין ווילנע „דאָס וואָרט״, און שפּעטער אין דער טעגליכער וואַרשעווער רעליגיעזער צייטונג „דאָס אידישע טאָגבלאַט״. ער האָט זיך איןביידע אָרגאַנען באַטייליגט מיט געדרוקטען וואָרט אין פּראָזע און פּאָעזיע, און האָט רעאַגירט מיט זיינע פּאָפּולערע אַרטיקלען און לידער אויף אַלע געשעהענישען פון טאָגטעגליכען אידישען לעבען אין פּוילען. אין יאָהר 1937 האָט ער באַקומען אַ ליטעראַרישע פּרעמיע אין אַ קאָנטעסט פון דער בעסטער אידישער עסעי אין דער דזשאָינט־צייטשריפט „פּאָלקס־הילף״ אין וואַרשע.

באַלד ביי זיין אָנקום אין אַמעריקע אין יאָהר 1938 האָט דער יובילאַר זיך פאַרבונדען מיט דעם „מאָרגען זשורנאַל״, וואו ער האָט אָפּגעדרוקט אַ היפּשע צאָהל לידער, אַרטיקלען און דער־ציילונגען, צווישען זיי אַ גרעסערע נאָוועלע וועגען אַ אידישען מלחמה־העלד אין גוואדאלקאנאל א. ד. ג. „דער העלד פון פּאַ־סיפיק״, וועלכע האָט אָפּגעשפּיגעלט דעם העראָישען אידישען ביישטייער צו די נצחונות פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי אויף דעם פּאַסיפישען פראָנט אין קאַמף מיט דעם יאַפּאַנעזישען שונא.

אין משך פון עטלעכע יאָהר נאָכאַנאַנד האָט אהרן חייט אָנגעפירט אַ וועכענטליכען קאָלום איבער חזנות און אידישער מוזיק אונטער דעם נאָמען „איך דער וועלט פון חזנות״, וועלכע איז געווען זייער אַ פּאָפּולערע פּיטשור אין דער צייטונג.

צו דער זעלבער צייט האָט זיך אהרן חייט אָפט געדרוקט אין „טאָג״, פאָרווערטס״, אין „ניו יאָרקער וואָכענבלאַט״, אין דעם „איד״ און אין „דאָס אידישע וואָרט״. ער האָט זיך אויך באַ־טייליגט מיט זיין וואָרט און פּען אין דער ענגלישער שפּראַך אין די ניו־יאָרקער אידיש־ענגלישע צייטשריפטען: „יאָנג איז־ראַעל וויופּאָינט״, „דזשואיש לאַיף״, „דזשואיש עקזעמינער״, ווי אויך מיט העברעאישע אַרטיקלען אין דעם „קול ישראל״ זשורנאַל, וואָס איז ערשינען אין ירושלים.

היינט צו־טאָג פירט אָן דער יובילאַר אַ וועכענטליכע פּיטשור אין דעם „אַמעריקאַנער" א. ד. נ. „שאַרפזין ווינקעל" פאַר יונג און אַלט, אַ סעריע פון רעטענישען, איינפאַלען, קונצשטיק און אידישען פאָלקלאָר, וועלכע איז זייער פּאָפּולער ביי דעם אידישען לעזער־עולם.

אויסער זיין זשורנאַליסטישע אַרבעט, האָט אהרן חייט פאַר־פאַסט אַ טשיקאַווען ספר׳ל, „שאַרפזין", אַ „כל בו" פון שאלות ותשובות אויף תנ״ך, דינים און מנהגים, ימים טובים, א. א. וו. אין מאַמע־לשון, וואו דער לעזער ווערט באַקענט דורך רעטע־נישען און באַשיידען מיט די אוצרות פון אונזער תורה און טראַדיציע. דאָס מערקווירדיגע ספר׳ל האָט זיך מיט גרויס ערפאָלג פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, און עס ווערט איצט צוגעגרייט אַן ענגלישע ווערסיע פון דעם זעלבען אינהאַלט.

אויסער זשורנאַליסטישער אַרבעט, האָט דער יובילאַר פאַר אַ לאַנגער צייט אָנגעפירט מיט אַ ראַדיאָ־פּראָגראַם פון זעלבסט־פאַרפאַסטע און רעזשיסירטע דראַמאַטישע סקעטשעס איבער דעם לעבען פון די אידישע מלחמה־פליכטלינגע אין די דייטשע קאָנצענטראַציע לאַגערן. דער ראַדיאָ־פּראָגראַם אין אַראַנזשירט געוואָרען דורך דער „צעירי אגודת ישראל" באַוועגונג אויף סטאַנציע „דאַבעליו־אי־ווי־די" מיט אהרן חייט אַלס נאַרראַטאָר.

אין דעם געזעלשאַפטליכען אידישען לעבען, האָט זיך דער יובילאַר, אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונד צווישען די יונגע אידי־שע כלל־טוער אין אַמעריקע מיט זיין ביישטייער צו דעם „יונייטעד דזשואיש אַפּיעל", אַלס רעדנער אויף פאָלקס־מיטינגען, ווי אויך מיט ליטעראַרישער, אַדמיניסטראַטיווער און פּובליסיטי אַרבעט פאַר דעם טראַדיציאָנעלען אידישען חנוך, אַלס אָנגעשטעלטער און עקזעקוטיוו אין אַ צאָהל נאַציאָנאַלע ישיבות אין אַמעריקע. היינט־צו־טאָג איז ער פאַרבונדען מיט דעם ביאַליסטאָקער צענ־טער און מושב זקנים, אַלס געהילפס־עקזעקוטיוו צו דעם שרייבער פון די שורות און ער איז אויך שטענדיגער מיטאַרבעטער פון דער „ביאַליסטאָקער שטימע", אָפיציעלער אָרגאַן פון דער ביאַ־ליסטאָקער לאַנדסמאַנשאַפט אין אַמעריקע.

לעצטענס האָט אהרן חייט אַרויסגערופען די אויפמערקזאַמ־

קייט און אינטערעס פון די נאַציאָנאַלע חנוך־אָרגאַניזאַציעס און פון דעם ברייטען אידישען עולם דורך זיין ערפינדונג פון דעם „ראָד פון תנ״ך“, אַ שפּיל פאַר יונג און אַלט, דורך וועלכער מען קען באַקענען דעם יונגען דור, ווי אויך דערוואַקסענע מענטשען מיט היסטאָרישע אידישע פיגורען און עפּיזאָדען אין דער אַמוזירענדער פאָרם פון פאַרוויילונג און קונץ.

**
*

ווי שוין דערמאָנט, מערקט זיך ביי אהרן חייט די אייגענשאַפט פון אַלזייטיגען טאַלאַנט אויף אַ צאָהל געביטען, וואָס איז אַ זעלטענהייט ביי אונזערע יונגע שרייבער און קינסטלער.

אַ צווייטער וויכטיגער מאָמענט אין זיין ליטעראַרישער אַרבעט איז די מעלה פון פּילשפּראַכיגקייט. באַהערשענדיג פריי אידיש, העברעאיש און ענגליש, גרייכט ער מיט זיין געדרוקטען וואָרט צו אַ ברייטערען צאָהל לעזער און באַקענט זיי מיט זיין מעסעדזש אין אידישען לעבען.

דער יובילאַר פאַראייניגט אין שריפט און אין וואָרט די טיפקייט און ערנסט פון אינהאַלט מיט דער זאַפטיגקייט פון פאָרם. זיין סטיל איז פליסיג, זיין פעדער איז פלינק, זיין שיל־דערונג איז בילדליך און אָנציענד. עס דאַרף דערביי געזאָגט ווערען, אַז ער איז דער בעל הבית פון וואָרט און אויסדרוק און געפינט דעם פאַסיגען שפּראַכליכען נואַנס פאַר פאַרשיידענע געדאַנקען, וועלכע ער ברענגט פאַר. זיין אידיש איז ריין און לויטער, וואָרצעלדיג און קוועליג אָן צומיש פון זייטיגע דרויסענ־דיגע איינפלוסען.

אין זיין שרייבען מערקט זיך די היימישע סענטימענטאַ־ליטעט, די פאַרבענקטקייט פון אַ אידישען שרייבער און דיכטער, וואָס זוכט תיקון, וואָס לעכצט נאָך אַ בעסערען מאָרגען פאַר פאָלק און פאַר מענטשהייט. ער איז תמימות׳דיג־ערליך און דאָס קומט צום אויסדרוק אין זיינע שאַפונגען; ער איז אידעאַליסטיש־געשטימט און דאָס פעדימט זיך דורך אין זיין פּראָזע און דיכטונג.

פאַרהעלטניסמעסיג אַ יונגער מענטש, האָט נאָך פאַר זיך אהרן חייט אַ שיינע און ליכטיגע צוקונפט און מען קען האָפען, אַז ער וועט ווייטער דינען מיט זיין וואָרט און פען דער ברייטער עפענטליכקייט.

רייזעלע דעם שוחט׳ס

נאָוועלע פון דער נאָענטער אידישער פאַרגאַנגענהייט

פאָרוואָרט פון מחבר

„זכור את אשר עשה לך עמלק!" — געדענק וואָס עמלק האָט צו דיר געטאָן.

געשריבען מיט בלוט, מאַרך און טרערען פון אן אבל נאָך 6 מיליאָן קדושים, איז די נאָוועלע אַ סך מעהר ווי אַ בלויזער באַנאַלער ספור המעשה פון ביליגען סאָרט פאר סתם אינטערעס אָדער צייט־פאַרטרייב.

באַצוועקט אַלס היסטאָרישער דאָקומענט און כראָנאָלאָגישער רעקאָרד פון די צוויי גרעסטע געשעהענישען, וואָס עס איז באשערט געוועןגראַד אונזער דור בייצוואוינען און איבערלעבען: די נאַציאָנאַלע קאטאסטראָפע פון דעם חורבן פון אייראָפעישען אידענטום און דער נאַציאָנאַלער נס פון דעם אויפקום פון מדינת ישראל, איז דאָס גע־גענוועטיגע בוך אַ „קדיש" און מצבה פאר די מארטירער פון קדוש השם, און אַ „הלל" צו די העלדען קעמפער און בויער פון אַ ניי אידיש לעבען אין דעם אַלט אידיש לאַנד.

צו דער זעלבער צייט איז דאָס אויך אַ „פּאַטש אין פנים" און באשולדיגונגס־אַקט ניט בלויז געגען דעם גרעסטען טיראַן פון אונזער צייט, היטלער ימ״ש און זיינע ווילדע האָרדעס, נאָר אויך געגען דער בלומרשט ציוויליזירטער פרייער וועלט, וועלכע האָט געזעהן די מאַסען עקידה פון אונזערע שוועסטער און ברידער, קאלטבלוטיג זיך צוגעקוקט און גלייכגילטיג געשוויגען.

אין אַ פסיכאָלאָגישען שטודיום פון מענטשען, פעלקער און ראַסען ווערט אין דעם בוך אויף דער קאַנווע פון ליבע און אינטריגע ארונטערגעריסען די מאסקע פון באַנקראָטירטער וועלטלאכער ציוויליזאציע און קולטור פון דעם „הערען־פאָלק", און אויפגעדעקט די שענדליכע דעגענעראַציע און געפאלענקייט אין איר נאַקעטען אמת.

פון דעם פלאַנטער פון פאסירונגען אין דעם קאפריז פון שיקזאל פאר רייזעלען און די אנדערע העלדען פון דער דערציילונג, וועט דער לעזער זעהן דעם באנקראָט פון אסימילאַציע, דעם אומגליק פון

געמישטע הייראַטען און די ריכטיגע גרונדלאגע פאר אַ נאָרמאַלַ אידיש פאָלק. אויף די הייליגע פרינציפען פון תורה און טראַדיציע, אויפגעריכט היימלאַנד און סאָציאלען יושר ביי ערלאכער און פראָדוקטיווער אַרבעט. זייער ביטער „רבי געלט" איז אונזער וויכטיגער מוסר השכל.

אין די געשטאלטען פון די העלדען, פונקט ווי אין די עפיזאָדען פון דער געגענווערטיגער דערציילונג וועט דער לעזער מעגליך דער־קענען זיך אַליין, זיין היים, זיין טאַטע־מאַמע, זיין סביבה און פראָב־לעמען. עס איז נאָענט, היימיש, אייגען.

כדי לעבעדיג פאָרצושטעלען דאָס אַמאָליגע אידישע קליינשטעטל, די טיפען, געשטאלטען און שטייגער פון אַ פארשוואונדענער וועלט, די טראגעדיע פון אונזער חורבן און די ערשטע פאזען פון אונזער שטופענווייזער גאולה, איז דאָס בוך אויך אילוסטרירט מיט אינטע־רעסאַנטע און זעלטענע בילדער.

באַצוועקט טאַקע דאָס בוך — צו באקאנען, באלויכטען און באלעהרען. פאר אונזער יוגענט, וועלכע ראנגלט זיך צווישען צוויי עקסטרעמען פון די אַלטע ד׳אמות פון אַ פארצאמטער אידישער וועלט אין דער געפאָהר פון אן אָפענעם פרעמדען דרויסען, באמיהט זיך דאָס בוך אָנצייכענען דעם ריכטיגען לעבענס־וועג.

מעג דעריבער דאָס בוך באַטראַכט ווערען מיט דער חשיבות פון אַ ספר, אַ מאָדערנע „איכה" פון אידישען אומגליק, אַן אידילישע „רות" פון צוריקקעהר צו מאַמע ציון׳ס ערד, און אַ האָפערדיגער „שיר השירים" פון אַן אתחלתא דגאולה, אַן אָנהויב פון ערלייזונג.

אויב אָט דאָס ניי, פריש, צאפעלדיג וואָרט, דער וויכטיגער אידיש מענטשלאכער מעסעדזש און די אידעאַלע פיגורען פון אַ נייעם, שטאָלצען, דעמבענעם אידען, זון און טאָכטער פון ישראל אויף די אש און חורבות פון אוישוויץ און מאידאַנעק, זאָלען גרייכען דאָס האַרץ פון לעזער; אויב אָט די הייליגע אויפגאבע פון דערנענטערן ווייטע, מקרב זיין די פארפרעמדעטע, „מגייר זיין אידען" צו דעם ריכטיגען „פינטעלע איד" זאָל געלינגען, דאן האָט שוין דער מחבר זיין געוואונטשענעם שכר מצוה גענצליך פארדינט.

אָט מיט דעם באוואוסטזיין טראָגט צו דעם מחבר זיין בוך צום פאָלק.

זאָל אַ וועלט וויסען; זאָלען מענטשען איינזעהן די געטלאכע אידעאלען און די וויזיע פון אונזערע נביאים; זאָלען אידען פארשטעהן לערנען און געדענקען!

ב"ה, תמוז ה׳תשי"ז — יולי 1957, ניו יאָרק

אהרן חייט

רייזעלע דעם שוחט'ס

געלאַסן און געמיטלאך, מיט דער רואיגקייט און זאטקייט פון פרידלאכע צייטן, איז געפלאָסן דאָס לעבן אין שטילן, פוילישן שטעטל ס., ניט ווייט פון אַסט-פּרײַסן אין יאָר 1925. פון די דערבייאיגע



א מארק־טאָג אין שטעטל.

דערפער פלעגט דער פויער ברענגען אויף מערק און 'ארידן די ברכה פון דער מאמע ערד, די צייטיגע פרוכט פון פעלד און גאָרטן און די שפע פון פולע שייערן. קרעמער פלעגן פויל געניצן ביי זייערע קלייטלאך, ציען לאנגזאם זייער מאָגערע חיונה פון א גראָשנדיגן פדיון, וואס מען האָט געלייזט פון די גויים, בייזערן זיך אויף די אַי-בערדריסיגע קונים פאר זייער נודנער דינגעניש און להוט'קייט נאָך מציאות און שליסלאך פארענדיגן דאָס געשעפטל מיט א שפיי אין האנט אויף מזל און גוטן אנהויב. אין שטיבל, הינטער דער בימה,

„גראַשענער“ פדיון.

דער היימישער וואַסערטרעגער.

פלעגן די שטעטלשע בטלנים דערציילן מעשיות און מופתים פון גוטע אידן, באהאנדלען די פּאָליטיק פון דער וועלט און דערביי רייבן די הענט פון הנאה און געמיטלאכער ווארימקייט. ביי די לאנגע טישן, הינטער דעם גרויסן אויוון, פלעגן זיך צעטראָגן די באנגע טענער פון „אשרי תמימי דרך“ אין א טריבן שבת בין השמשות; פרומע ווייבער מיט שייטלען און צניעות׳דיגע ליפּן פלעגן איז די שבת-פארנאכטן פליסטערן די תפלה פון “גאָט פון אברהם“ און זוכן אין טונקעלן הימל דריי שטערן אלס אָנזאָג אויף א גוטער, מזל׳דיגער וואָך.

צווישן די אידן, וועלכע האבן פארנומען דעם אויבן-אן אויף דער מזרח-וואנט פון שטיבל איז געווען דער אלטער חזן-שוחט, ר׳ יאשע. א הדרת פנים, מיט א זילבער-ווייסער בארד און פאטריארכאלישער געשטאלט, א גרויסער תלמיד-חכם און מומחה אין שטעלן א חלף, אן אנגעזעענער חסיד, פון די מכובדים אין די רביישע הויפן — האט ר׳ יאשע ארויסגערופן ביי אלעמען טיפן רעספעקט.

ר׳ יאשע, דער שטרענגער, ברוגז׳ער טאטע.

געווען איז אבער ר׳ יאשע א איד פון דער אלטער וועלט, א פאנאטיקער. אין זיין קנאות האט ער ניט געדולדעט קיין זאך וואס שמעקט מיט נייעס. דערצו איז ער אויך געווען פון נאטור א כעסן, ברוגזדיג, ניט געקענט פארליידן קיין הויך געלעכטער, ווייל ער האט עס באטראכט אלס פרעך און פארשייט, א זאך וואס פאסט ניט פאר אידן. האט שטענדיג געפריידיגט דרך ארץ אין שטאט.

דעם שוחט׳ס פרוי, חנה, איז שוין אבער געווען גאנץ אנדערש נאך אין אירע מיידלשע יארן האט זי שוין פארזוכט דעם טעם פון וועלטלאכער בילדונג. זי האט דורכגעמאכט א שווימיגע יוגנט און אין אירע אדערן איז געפלאסן הייס, צאפלדיג בלוט איר פאטער, א

פארצייטיגער, חסידישער איד, האָט איר אָן איר צושטימונג פאַר-כנס׳ט צו איר איצטיגן מאַן, דעם חזן-שוחט, און אזוי ארום דער-שטיקט איר לעבנס-לוסט אין דעם קלעם פון כעס און ברוגז.

חנה, „די אייביגע אידישע מאַמע"
סימבאָל פון ליבע, צער און זאָרג.

5

און אין אָט-דער מרה-שחורה׳דיגער היים, צווישן א ברוגז׳ין טאַטן און דערשלאָגענער מאמען, כשושנה בין החוחים, איז געבאָרן געוואָרן און אויפגעוואקסן דעם חזן-שוחט׳ס בת-יחידה, די שיינהייט פון שטעטל, די וואונדערבארע רייזעלע. אין איר הערלאך פּנים, קויל שוואַרצע אויגן און געלאָקטע האָר, אין אירע קאַרשן-ליפּן, שלאַנקער פיגור און געשניצטע גלידער האָט געשפּילט דער חן און צויבער פון איר מיידלשער יוגנט. אירע שיינע שטריכן האָבן אָפּגעשפּיגלט די פּראכט פון איר מאַמען, וועלכע איז פארוועלקט געוואָרן אין דער גרוי-ער מאָנאָטאָניע פון שוחט׳ס הויז.

רייזעלע, אלס קינד.

רייזעלע איז געבאָרן געוואָרן מיט היים בלום און שטארקער אומ-רו. דאָס איז געווען איר מאמעס בייטראָג צו איר כאַראַקטער און צו

איר שפעטערדיגן לעבן. אין איר איז געוואקסן א שטענדיגע בענקשאפט נאך פריערע האריזאנטן, ווי איר טאטנס אומעטיגע בגים. דער ברוגז׳דיגער שוחט, ביי וועמען דאס שטיבל און דער ספר, דאס שלאכטהויז און די גע׳שוחט׳ענע אקסן זיינען שוין געווען די גאנצע וועלט, האט אין רייזעלען געצוימט דעם דראנג צום לעבן. ער האט איר געלערנט אביסל אידישקייט, געגעבן איר אויבערפלעכלאכע ידיעות פון אונזערע גייסטיגע אוצרות, ווייל ער האט געהאלטן אז א מיידל דארף קיין סך ניט וויסן; אמת, די בחורים דארפן טאקע גיין אין ישיבות, אבער פאר נשים איז גענוג, וויפיל זיי וועלן קענען, נשים דעתן קלות. דעם עיקר טראפ האט ער אבער געלייגט אויף שטאט און צניעות. ער האט רייזעלען פארבאטן יעדן נאענטן שריט צו דער אויסערלאכער וועלט, אנגעזאגט צו פאלגן אלץ וואס גוטע, פרומע אידן הייסן און צו זיין אנשטענדיג פאר גאט און פאר לייט.

רייזעלע האט געהאסט דעם בייזן טאטן און זיך געטוליעט צו דער אומגליקלאכער מאמען, וועלכע איז געווען פאר איר א שוים, א קוואל פון טרייסט. נודנע און טריב האבן זיך פאר איר געצויגן די וואכעדיגע טעג.

שבת אין ר׳ יאשע׳ס הויז.

גאנץ אנדערש האט אבער רייזעלע געפילט אין די שבתים און ימים טובים. דעם טאטנס הארציגע שטימע און זיסע טענער האבן פארווישט יעדן גרילץ פון רייבונגען. די זמירות, די זיסע ניגונים פון די ימים טובים, די הארציגע תפלות פון די ימים נוראים האבן געגלעט ווי סאמעט און געטריפט ווי באלזאם אויף רייזעלעס אומרו-

אינגן געמיט. דאן איז איר געוואָרן דער טאַטע הארציגער, נאָענטער און מיט אים צוזאמען איז איר געוואָרן ליבער די אלטע-וועלט. זי האָט זיך געקוויקט און געטוליעט אין דעם שוים פון דורות, געפונען טרייסט און האָפענונג. אין אָט-דער צערטלאכער אטמאָספערע האָט זי זיך דערפילט ווי א רינג אין דער גאָלדענער קייט, פון פאָלק ישראל און זי איז געווען שטאָלץ דערויף. די גרויע וואָך און דעם טאַטנס האַנדלונג פלעגט איר אבער ווידער ברענגען אנטוישונג און פארדרוס.

רייזעלע האָט געבליט שלאנק און דופטיג. אין איר גאנג האָט זיך געצייכנט אזויפיל צויבער און גראציע, אז זי פלעגט וועקן די אויפמערקזאמקייט פון אלע וואס האָבן איר געזען. בחורים האָבן איר נאָכגעפאָלגט ווי א שאָטן, אבער איר אריסטאָקראטישער אויסזען און האלטונג האָט זיי אזוי געפלעפט, אז זיי האבן ניט געוואַגט נאָענט צוצוגיין צו איר. פון מויל צו מויל האָט זיך דאן געטראָגן א לידל

רייזעלע, די יפת־תואר פון שטעטל

„שיין איז רייזעלע דעם שוחט׳ס
ווי דער זוניגער פרימאָרגן,
ס׳איז איר הארץ א קוואַל פון ליבע
גליק אין יעדן גליד פאַרבאָרגן.
ווען פון אירע ווייכע אויגן
פאַלן צאַרטע, מילדע בליקן
ווערן בחורים פאַר׳כשופ׳ט
און מיט פרייד זיך הערצער קוויקן".

רייזעלע האָט אָפט געהערט דאָס לידל און א זעלבסט-געפיל פון מיידלשן דערפאַלג און שטאָלץ האָט זיך אין איר דערוועקט. זי פלעגט דאַן שעה׳ן לאַנגע אָפּשטיין ביי דעם שפּיגל און זיך חנ׳דלען אין איר געטאָקטער געשטאַלט, אבער ווען דער בייזער טאַטע פלעגט עס דערזען, פלעגט ער מאכן סקאַנדאַלן און פאַרוואַרפן איר, אַז זי איז א חצופה, עס פּאַסט ניט פאַר א אידיש קינד, שקר החן והבל היופי. די באַליידיגטע רייזעלע פלעגט דאַן שטילערהייט כליפּען פון באַליי-דיגונג און ווייטאָג און נאָך מער פיינט געקראָגן דעם פאַנאַטישן טאַטן.

אָט אַזוי האָבן זיך אין דער שטיל אונטער איין דאַך געראַנגלט צוויי וועלטן, דער גליוועך פון פאַרצייטיגקייט און דער צאַפּל פון יונגן בלוט, עס איז אַלץ מער פאַרטיפט געוואָרן דער תהום צווישן טאַטע און טאָכטער און עס האָט זיך געטליעט דער פונק פון א שפּעטערדי-גער, גרויסער טראַגעדיע, דער בונט פון אייגן בלוט און פלייש.

נייע צייטן, נייע לידער

אַזוי האָבן זיך געצויגן פויל, גענעצדיג טריבע טעג אין שטעטל. זונען זיינען אויפגעגאַנגען און האָבן זיך אויסגעלאָשן אין דער שטענדיגער גרויער מאָנאָטאָניע ביז... געקומען זיינען טעג שטורעם-דיגע, אָנגעלאָדענע מיט נייע אידייען און ווערטער. דער ווינט פון נייע צייטן האָט אריינגעבלאָזן אין שטעטל.

פון דער גרויסער שטאָט זיינען אַראָפּגעקומען און האָבן זיך גע-נומען באַוועגן יונגעלייט מיט גרויסע האָר-טשופּרינעס, דיקע אויגן-גלעזער און לעדערנע טאַשן אונטער דעם אָרעם. זיי פלעגן פאַררופן מיטינגען פון יונגוואַרג און דערציילן וועגן א נייען, פרייען, זעלבסט-שטענדיגן נאַציאָנאַלן לעבן, וועלכעס בליט אין מזרח, אין אונזער היימלאַנד, וועגן יונגע אַקסלען און פויסטן, אין וועלכע דאָס לאַנד נויטיגט זיך פאַר ברויט און פאַר קאַמף. פון טיר צו טיר, פון פּריזבע צו פּריזבע האָבן אָנגעפאַנגען צו וואַנדערן נייע פראַזן, ווי שוואַלבן פון א נייער וועלט:

פרייהייט... אַרבעטער - באַוועגונג... ארץ-ישראל... החלוץ... קבוצות

די יוגנט האָט אויפגעכאַפּט אָט-די פרישע אידייעז מיט פרייד און באַגייסטערונג. אמת, אין שטאָט איז דאָס שוין ניט געווען קיין נייעס, אָבער די פּראָווינץ האָט נאָך דערפון ניט צופיל געוואוסט. איינצעלנע האָבן אפשר דערפון יאָ געדאַכט, אָבער איצט האָט עס אָנגענומען אן אָרגאַניזירטע פאָרם און א מאַסן-כאַראַקטער. עס איז געשען אן איבערקערעניש. בעל-הבת׳ישע זין און טעכטער האָבן זיך אָנגעפאַנגען צו חבר׳ן מיט שוסטער-יונגען און שניידער-מיידלאך און צוזאַמען געגאַנגען אויף אַרבעט, געטראָגן וואַסער, געהאַקט האָלץ און געטאָן אַנדערע עבודת-פּרך. דאָס האָט געמיינט הכשרה, גייסטיגע צוגרייטונג צו ארץ ישראל. קינדער וואָס האָבן אין זייערע היימען א האַנט אין קאַלטע וואַסער ניט אַריינגעטאָן, זיינען איצט געווען גע-שפּאַנט אין יאָך פון האָרעוואַניע, פון מי און שווייס, און דאָס איז געטאָן געוואָרן פרייוויליג, אָפּפערווויליג. טאַטעס האָבן זיך געבייזערט; מאַמעס האָבן היסטעריש ספּאַזמירט, אָבער עס האָט ניט געהאָלפן. נאָך דער אַרבעט פלעגט חברה פאַרברענגען אָוונטן אין געזאַנג און טענץ, וועלכע האָבן אויסגעצימבלט דעם ריטם פון א נייעם, יונגן לעבן. די ווירטשאַפט איז געווען קאָלעקטיוו, דאָס לעבן איז געווען קאָמו-נאַל, אין קבוצים און הכשרה-פונקטן.

די נייע באַוועגונג האָט זיך ווי א סטיכיע צעגאָסן איבער דעם שטעטל און אין איר פלייץ דערגרייכט אויך צו רייזעלען. אויך זי איז באַגייסטערט געוואָרן מיט דעם געדאַנק און זיך געוואָלט אָנשליסן אָן די „יונגע". עס האָט דאָך געשמעקט מיט דרויסן, מיט פרייהייט און זי האָט נאָך דעם אַזוי שטאַרק געבענקט.

די בעלי-בתים פון שטעטל זיינען געוואָרן זייער באַזאָרגט פאַר דעם שטן, וועלכער האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין זייערע היימען. זיי האָבן ניט דערפילט און אָפּגעשאַצט, אַז אָט-די באַוועגונג איז דער קערן פון א נאַציאָנאַלן רענעסאַנס, דער פאַראַד פון קעמפער און בויער, וועלכע פרישן אויף-א וויסטע היימלאַנד און מאַכן דאָרט א ישוב פאַר פאָלק און דורות. זיי האָבן דערין געזען א געפערלאַכע הפקרות, וועלכע ווירקט שלעכט אויף דער יוגנט, א פריצות גדר צווישן קלאַסן, א פאַרלייקענונג פון יחוס און שטאַט.

אין שטיבל פלעגן עלטערע חסידים טאַדלען די צעלאָזענע מופקרים. מען פלעגט זאָגן, אַז א פינסטערער כח פון קליפּות, רחמנא לצלן, האָט באַהערשט דאָס שטעטל. אָט די שמועסן און קלאַנגען זיינען אויך דערגאַנגען צו ר׳ יאָשע דעם שוחט, וועלכער האָט זיך שוין באַלד געקימערט וועגן זיין רייזעלען, אַז זי זאָל, חלילה, ניט אַריינפאַלן אין דעם פאַרפירערישן נעץ פון אָט-דער סטרא אחרא.

דער שוחט איז געקומען אַהיים און פאַרפירט א געשפּרעך:

„שוין געהערט א פינסטערע העזה, הפקר די וועלט, זיי קערן דאָך

איבע די שטאָט, די ווייסע חברה׳ניקעס. ארץ ישראל, ארבעט, פרייהיט — וואָס זאָגסטו דו אויף זיי? נייע משיחים! אוים שטאַט, אוים יחוס, אוים דרך ארץ פאר א תלמיד חכם. דער שניידער-יונג, די דינסט-מויד און דאָס בעל-הביתישע קינד — אלע גלייך! שיינע צייטן דערלעבט, ווי און ווינד!״

— וואָס איז דער בייז, טאַטע! — האָט זיך רייזעלע אָפּגערופן — זיי זיינען דאָך אידישע קינדער, וואו איז דער אונטערשייד? — אָרים צי רייך, ארבעטער צי בעל-הבית, אלע זיינען דאָך געבאָרן גלייך און זיי שטרעבן דאָך צו אזא וויכטיגער און הייליגער זאַך, ווי בויען ארץ ישראל?

„פון ווען אָן ביזטו דו דאָס געוואָרן אזא אויפגעקלערטע? האָט זיך דער שוחט געבייזערט — יעדער דארף וויסן זיין שטאַם. קבצן איז ניט גביר און ארבעטער איז ניט בעל-הבית. ניט זיי זיינען בארופן צו בויען ארץ ישראל. זע נאָר, מן הסתם ביזטו שוין אויך אָנגעשטעקט מיט דעם נייעם גייסט. איך זאָג דיר אבער אָן מיט א הארבן וואָרט, אז דו זאָלסט ניט וואגן צו חבר׳ן זיך מיט זיי, איך פארלאנג דאָס און איך פאָדער!״

רייזעלע איז ווידער געבליבן פארקלעמט און איינזאַם, אָפּגעריסן פון יעדן קאָנטאקט מיט דעם אידישן לעבן פון גאַס, עלנט און פארוויטאָגט אין איר ביטערן צער.

דער אלטער שוחט איז געשטאַנען אויף דער וואַך און האָט געהיט...

דאָס יונגע מיידל האָט זיך אלץ ווייטער אוועקגעריסן פון שורש און אלץ נענטער געגאנגען צו דער שרעקליכער נעץ, וועלכע איז געווען פארלייגט אויף אָט-דעם אומשולדיגן קרבן...

דער דייטשער שפּיון

דער שוחט האָט נעכט ניט געשלאָפן אין זאָרג, אז זיין בת-יחידה זאל ניט פארשלעפּט ווערן צו די יונגע מופקרים, אין די אָרימס פון טייוול.

אין שטעטל איז געווען א פּוילישע גימנאַזיע, וואו די רייכע קינדער, מערסטנס קריסטלאַכע, פלעגן שעפּן זייער וועלטלאַכע בילדונג. רייזעלעס מאַמע, וועלכע האָט אליין שטודירט אין אירע יונגע יאָרן, האָט זייער געוואָלט, אז אויך איר קינד זאל פארזוכן אָט-דעם זיסן טעם. זי פלעגט אָפּט רעדן מיט דעם שוחט, אז מען דארף דאָס קינד שיקן אהין, וואו עס גייען אלע אנשטענדיגערע טעכטער פון שטעטל און וואו זיי ווערן גוט דערצויגן און געבילדעט. רייזעלע אליין, וועלכע האָט געהאט א שארפע קאָפּ און לופּט צום לערנען, האָט אויך געוואָלט באזוכן די גימנאַזיע. אין איר חשק צו ביכער האָט זי, אגב, געהאָפּט צו דערשטיקן איר אומרו און בענקשאפט נאָך דער גאַס און פרייער לופט. מיט דעם געדרוקטן וואָרט האָט זי געהאָפּט צו פארגיטיגן איר

גרויסן פאַרלוכט אין דעם ברויזענדן לעבן, וועלכן דער בייזער טאַטע האָט פאַר איר אָפּגעשלאָסן. דער שוחט גופא האָט אפילו ניט געהאַלטן פון וועלטלאַכער בילדונג, למודים חיצוניים, אבער אין גימנאַזיע האָט ער געזען א שויץ פאַר זיין בת-יחידה, א גאַראַנטיע, אַז זי וועט ניט אַוועקגיין צו די חלוצים און ניט פאַרקריכן אויף קרומע וועגן. ער האָט מסכים געווען דערויף און רייזעלע איז מיט מזל אַוועק אין גימנאַזיע.

אויסגעפּוצט אין א פיינעם יוניפאָרם, איז דעם שוחט׳ס בת-יחידה איבערגעטראָטן די שוועלן פון דעם קוואַל פון בילדונג, וואָס דאָס שטעטל האָט פאַרמאָגט. מיט איר שיינעם פּנים האָט זי אויך דאָ געצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט און איז געוואָרן דער צענטער פון אינטערעס און דער ליבלינג פון אירע לערער. טראָץ דעם אנטיסעמיטישן קורס אין דאַמאָלסטיגן פּוילן האָט אבער רייזעלע מיט איר שאַרפער פּוילישער אויסשפּראַך און פיינער האַלטונג נושא חן געווע, ביי דער פאַרוואַלטונג און ביי אירע פריינט.

רייזעלע האָט זיך מיט דעם גאַנצן פיבער פון איר יונגער נשמה אַריינגעוואָרפן אין שטודיום און געוואָרן אַן אמת׳ער בוך-וואָרים. מען האָט איר שטענדיג געקענט זען זיצנדיג מיט א בוך אין האַנט. זי האָט זייער ליב געהאַט די דייטשע שפּראַך מיט אירע זאַנפטע אויסדרוקן און דעם שוחט׳ס שראַנק פלעגט פאַרלייגט ווערן מיט פּוילישע און דייטשע ביכער.

אין שטעטל איז דאַן אַריינגעפאָרן א רייכער דייטשער פריץ, אַ גרויסער וואַלד-סוחר, וועלכער פלעגט איינקויפן אין די דערבייאיגע וועלדער געהילץ און טראַנספּאָרטירן עס קיין אָסט-פּרייסן. ער האָט אויך אויסגעבויט א שנייד-מיל, וואו ער האָט אליין אויסגעפּאַרטיגט דאָס געהילץ. דער סוחר האָט געהייסן פרידריך פאָן האָלשוואַנג און האָט געשטאַמט פון אַן אַדעליגער דייטשער משפחה, וועלכע האָט געצויגן איר יחוס-קייט ביז דעם קעניגלאַכן האַבסבורגן שטאַם.

פרידריך פאָן האָלשוואַנג האָט פאַרמאָגט אַ בן-יחיד, האַנס, וועלכער האָט שטודירט אין בערלינער אוניווערזיטעט און ער האָט זיך ספּעציאַליזירט אין דער דייטשער שפּראַך און ליטעראַטור. ווען ער איז צוזאַמען מיט זיין פאָטער און משפחה געקומען אין שטעטל, איז גראָד געווען א פרייער פּאָסטן פאַר א דייטשן לערער אין גימנאַזיע און האַנס איז אויפגענומען געוואָרן אויף דער שטעלע. ער האָט איבערגעריסן זיין שטודיום און זיך באַזעצט אין שטעטל. ער האָט זייער פיין געלערנט זיין געגנשטאַנד און זייער אויפגענומען ביי דער פאַרוואַלטונג פון גימנאַזיע און ביי אַלע שילער.

האַנס איז געווען א יונגער, בלאָנדער שגץ, מיט בלויע אויגן און שיינע האָר-קרויזן; שלאַנק, ווי א פּאַלמע; געזונט, ווי דאָס רייפע קאָרן, וואָס וואַקסט אין פעלד. איבער זיינע זאַפטיגע ליפּן האָבן גע-

שפּראָצט שיטערלאך און חנ׳ודיג גאָלדענע, קליינע וואָנצן. ער איז שטענדיג געווען געקליידעט פיין, פריש און נעט.

אין זיינע לעקציעס פלעגט ער שטענדיג רעדן מיט באגייסטערונג וועגן דעם אידיש-דייטשן פּאָעט, היינע, און וועגן זיין גרויסן טאַלאנט און אומאָפשאצבארן בייטראָג צו דער דייטשער ליטעראטור.

רייזעלע, וועלכע האָט זייער פיל געלייענט, האָט ארויסגעוויזן גרויסע ידיעות אין דער דייטשער ליטעראטור און איר לערער, האַנס באָן האָלשוואנג, איז געווען באגייסטערט מיט איר ליבע פאר דער שפּראך און גייסטיגער־שאפונג פון דעם דייטשן פאָלק. זי פלעגט דעקלאמירן געטע, שילער און היינע, די קאַרפּן-קעפּ פון דער דייטשער פּאָעזיע, מיט אזא טיפן אויסדרוק און זיסן אקצענט, אז האַנס פלעגט פאר׳כשופ׳ט ווערען דערפון. ער האָט איר פאָרגעשלאָגן צו געבן פריוואטע לעקציעס אין דייטש אויסער דער שול-באנק און עפענען פאר איר ברייטער די קוואלן פון דעם דייטשן גייסטיגן פארמעגן. רייזעלע האָט צוגעשטימט.

האַנס, דער דייטשער לערער,
מיט זיין קלאַס אין גימנאַזיע.

זיי פלעגן זיך טרעפן אין דערבייאיגן װעדל, שטענדיג מיט א בוך, אלס באגלייטער און צוזאַמען לייענען און באוואונדערן דעם גע־שליפענעם וואָרט און געדאנק פון דער דייטשער ראסע.

און אזוי האָט זיך צווישן דייטשן לערער און אידישער שילערין געשמידט א געהיימניספולע קייט, וועלכע האָט שפעטער פארפלאָנ־טערט א טרויעריגע געשיכטע פון א שוואַכער פליג אין די נעגל פון א פארדעטערישן, גיפטיגן שפין.

דער הכשר פון בלוט

רייזעלע און־איר דייטשער לערער האָבן זיך אלץ אָפטער געטראָפן גאנצע אָוונטן און טראָץ איר טאַטנס פאָרזיכטיגקייט איז איר געלונגען מיט פארשידענע תירוצים פארווישן די שפורן פון איר אָפוועזנקייט פון דער היים.

האַנס פלעגט פאָרלייענען פאר רייזעלען געטהע'ס ראָמאַן „הערמאַן און דאָראָטהעא" און דאָס פאָרל פלעגט צוזאַמען באַוואונדערן די פשוטע, הארציגע ליבע פון דעם העלד און העלדין פון ראָמאַן, און מערקווירדיג... דאָס בוך האָט זיך אָנגעפאנגען צו פארוואנדלען אין א שטיק, רעאלעם לעבן

רייזעלען האָט אָנגעהויבן דאָס הארץ צופן מיט אומבאקאנטע געפילן און באגערן. די נאָענטקייט פון דעם בלאָנדן דייטש מיט זיין מענערישן חן און געזונטע גלידער, מיט זיין שפרודלדיגן פולס פון לעבן האָט איר זייער אימפאָנירט און זי איז אלץ מער צוגעבונדן גע־וואָרן צו אים מיט פייערדיגע רייפן פון א טראַגישער ליבע. האנס גופא האָט פארגעטערט זיין פייאיגע אידישע שילערין

אָפטמאָל פלעגט איר אָנפאנגען נאָגן דאָס געוויסן מיט טענות און דראָאונג. דאָס פינטעלע איד, דאָס חסידישע וואָרצל פלעגט דאן אין איר אויפוואכן, אויפקומען מיט דעם פראָטעסט פון דורות און זיך באַמיען אָפצוציען דאָס אומשולדיגע מיידל פון דעם פארפירערישן זון פון דער פרעמדער ראסע. אין אזעלכע מאָמענטן פלעגט איר בא־פאלן א טריבער אומעט און א וואָלקן פלעגט זיך פארציען איבער אירע מילדע אויגן. זי פלעגט דאן ציטירן א פערז פון היינעס ליד „די לאָרעליי":

„איך ווייס ניכט, וואס זאל עס בעדויטען,
דאַס איך זאָ טראַוריג בין".

האנס פלעגט פילן איר פארלעגנהייט און זיך באַמיען אויסצו־פּאָרשן, וואס די סבה איז. זי פלעגט אים אבער קיינע דערקלערונגען ניט געבן, בלויז זאָגן, אז דאָס איז האַפּשמעריין אָדער א געוויסע מעלאנכאָלישע שטימונג.

איינמאָל, אין א דופטיגער לבנה נאכט, ווען יוגנט און געגנוס האָבן געשפּילט זייער סימפאָניע אויף דער גרינער האַרפע פון די צווייגן אין וואלד, ווען אלץ ארום האָט געאָטעמט מיט סודות־פולן רייז, האָט זיך האנס דערקלערט רייזעלען אין ליבע. ער האָט איר פארזיכערט, אַז זי איז זיין איינציגער טרוים און גליק, צוגעזאָגט צו מאכן איר גליקלאך, אויב זי וועט ווערן זיין לעבנס־באַגלייטערין און טיילן מיט אים דעם שוים פון יוגנט און דעם אָנבאָט פון דער צוקונפט.

רייזעלע האָט זיך דאַן אנטשלאָסן און אָפן געפרעגט:

„האנס ליבער, האָסטו אמאָל געטראכט דערפון, אז מיר זיינען קינדער פון צוויי באַזונדערע ראסן און גלויבנס, אויפגעצויגן אין שוים פון באַזונדערע היימען? ווייסטו דען ניט, אז א כינעזישע וואַנט פון דורות טיילט אונז פאנאַנדער, א צוים וועלכער איז געשטעמפּלט געוואָרן מיט בלוט און פייער אין משך פון דער מענשלאכער געשיכטע.

— איך בין דאָך א אידיש קינד, און דו א דייטש, א זון פון אַן אַדעליגן שטאַם, ווי קענען מיר גאָר וואגן צו דענקען וועגן א געמיינזאמער צוקונפט?

„ראָוזכען טייערע! — האָט האנס געענטפערט — דארפסט אזוי ניט ריידן. לעבן מיר דען ניט אין דעם צוואנציגסטן יאָרהונדערט, ווען עס הערשן אנדערע באַגריפן? ווייסטו דען ניט, אז פאָלק, גלויבן און ראַסע זיינען שוין אַן אָפּגעריבענע מטבע? מיר שטרעבן צו א וועלט, וואו מענשהייט וועט זיין די איינציגע ראסע און מיר, די יונגע, דארפן זיין די שעפער און בויער פון דער נייער אָרדענונג. עס שיינט אויף דער מאָרגן — האָט האנס פאטעטיש פאָרגעזעצט — ווען איד און דייטש וועלן זיין ברידער און לעבן אין אידעאַלן פרידן, ווי עס פאסט פאר מיטגלידער פון איין משפחה. געדענקסט דו דען ניט, ראָוזכען, די לעקציע אין קלאַס, ווען איך האָב פאָרגעלייענט דאָס גרויסע בוך פון אונזער אומשטערבלאכן דייטשן שרייבער, לעסינג, און דערין די ווערטער פון דעם אידישן חכם, „נאַטהאַן דער ווייזע״:

„וואָס הייסט דען פאָלק? זינד קריסט און יודע עהער קריסט און יודע אלס מענש? אָה! ווען איך איינעם מאַן אין אייך געפונדען האטטע, דעם עס גענוגט איין מענש צו הייסען״.

„יאָ, ראָוזכען! — האָט האנס איבערצייגנד גערעדט, — קיינע לענדער, קיינע פעלקער, די וועלט איז אונזער היים, די מענטשן זיינען אונזערע ברידער און דאָס ריין מענשלאכע בלוט איז אונזער צייכן מיר אלע זיינען גלייך. אין אונזערע אָדערן פליסט דאָס זעלבע רויטע, פרישע בלוט״.

„העכסטעס גליק דער ערדען-קינדער, איזט נור די פערזענליכ-קייט" — האט האנס פארענדיגט זיין שמועס מיט געטהע׳ס א באוואוסטע פראזע.

רייזעלע האט געגאפט. זייענדיג בלויז 16 יאר אלט, יונג און אומדערפארן, וויניג פאראנקערט אין אידישן באדן, מיט קנאפע ידיעות וועגן איר פאלק און מיט א פארהאסטער היים, האט זי זיך אלץ מער און מער געפילט באהערשט פון דעם דייטש׳ס געשליפענעם ווארט און איבערצייגנדע ארגומענטן. דאס פונק, וואס האט נאך געגליט פון דורות, איז ביסלאכוויז אויסגעלאשן געווארן און געלאזן פלאץ פאר דעם אגרעסיוון דייטשן גייסט. זי האט האנסן שטארק געטרויט.

און אזוי זיינען צוויי באזונדערע פעלקער, גלויבנס, ראסן, געווארן נאענטער, באהעפט דורך א מיסטעריע, וועלכער איז אוראלט ווי די וועלט און שטורמיש ווי א ווולקאן, א געפיל, וועלכער באגליקט און אנטוישט, פירט און פארפירט, איר מאיעסטעט — די ליבע.

דער מתמיד.

ר׳ יאשע שוחט האט אנגעקוקט אויף דער איבערקערעניש, וואס „די יונגע" האבן געמאכט אין שטעטל, וועגן די לאזונגען פון קלאסן-קאמף, וואס די הפקר-יונגען האבן געוואָרפן, און וועגן זייער באוועגונג אויפצובויען ארץ ישראל, און ער האט אנגעקוואלן, וואס זיין בת-יחידה, רייזעלע, איז אויסגעהיט געווארן פון את-דעם בייז. זי איז דאך א כשר׳ע, ערלאכע, אידישע טאכטער, פירט א פיינעם שטאט און ער וועט נאך, מיט דער הילף פון דעם טאטן אין הימל, פיל נחת פון איר דערלעבן, שיינעם, אידישן נחת.

דער שוחט האט געפלאנט אריינצונעמען א פיינעם לייטישן איידעם, א בן טובים און תלמיד חכם, אויסלערנען אים שחיטה, האבן אין אים א נחת ביים לעבן און א קדיש איבער הונדערט און צוואנציג יאר.

אין שטעטל איז דאן געקומען א שווארץ-אויגיגער, חנ׳עווידיגער בחור און האט זיך געזעצט לערנען אין שטיבל. ער איז געווען א רונדער יתום. לויט האבן דערציילט, אז מען האט געקענט זיין טאטן, וועלכער איז געווען א פיינער תלמיד-חכם, א מלמד אין א דערבייאיגער געגנט. זיין מאמע איז אויך געווען א צנועה, גאטס-פארכטיג, מיט א גוט הארץ און אפענער האנט. די עלטערן זיינען פרי געשטארבן און זייער קינד, יהודה, איז געבליבן איינער אליין אויף דער וועלט, עלנט ווי א שטיין. אין זיינע קינדער-יארן האט ער געלערנט אין חסידישע ישיבות, געגעסן „טעג" און „געשלונגען טרערן" ווען ער איז אביסל עלטער געווארן, האט ער שוין געגומען לערנען פאר זיך און אזוי, אין זיין נע-ונד, האט ער זיך דערשלעפט צו דער שטעטל ס.. וואו ר׳ יאשע

שוחט האָט געוואוינט. אויך דאָ האָט מען אים באַשטעלט „טעג״. שבתים פלעגט ער עסן ביי ר׳ יאָשע דעם שוחט.

זיין געשמאַקער לערנען און זיסע שטימע פלעגן פאַרקלינגען די שטיבל און טראָגן זיך איבער די גאַסן פון שטעטל, ווי אַ בשורה פון העכערע, לויטערערע וועלטן. פאַר זיין פלייס אין לערנען האָט מען אים אין שטעטל גערופן „יהודה דער מתמיד״. זיין האַלטונג ביי דעם שבת׳דיגן טיש איז געווען אַזוי פיין און אָנשטענדיג, אַז עס פלעגט



יהודה, דער קלויזניק און מתמיד.

אַרויסרופן רעספּעקט און אָנערקענונג. עס האָט זיך אויף אים געשפּירט דער זאַפט פון „שמן זית זך״, די איידלקייט פון אַ תלמיד חכם. זיין ריינע קאַפּאָטע, חסידישע היטל, סאַמעטענער פּנים, שוואַרצע אויגן און געקרייזלטע פּאות האָבן אים צוגעגעבן זיידענע גראַציע און דעליקאַטקייט.

17

ר׳ יאָשע האָט אויף אים געוואָרפן אן אויג מיט אן אויסזיכט אויף ערנסטע פּלענער. ער האָט אים שטארק מקרב געווען, געמאכט מיט אים יעדן שבת נאָך דעם טשאָלנט א קביעות, א געשטעלט צייט, צו לערנען חולין און די דינים פון שחיטה. דערביי פלעגט ר׳ יאָשע נתפּעל ווערן פון דער שארפער, פייערדיגער קאָפּ פון זיין תּלמיד, וועלכער פלעגט בליץ-שנעל פארשטיין די פארפלאָנטערטסטע ענינים. ר׳ יאָשע פלעגט אים אָפט אויך ווייזן, ווי צו „שטעלן א חלף“.

דער רבי און תלמיד פלעגן זיך פאַרטיפן אין לערנען און רייזעלע פלעגט עס צוהערן. אין איר זכרון האָבן זיך איינגעקריצט די באַוואוסטע ווערטער פון חולין „הכל שוחטין ושחיטתן כשרה“ (אַלע מעגן קוילן און זייער שחיטה איז כשר) — א פראזע, וועלכע האָט שפּעטער דורכגעמאכט אזעלכע פאטאלע גלגולים אין איר שטורמישן לעבן.

דער אָרים-בחור פלעגט קוקן אויף רייזעלען מיט זשעדנע אויגן און מיט א פארטייעטער בייִנקשאפט. עס האָט אים געלאָקט די איידעלע בת-מלכה, די שיינהייט פון שטעטל. ווען זי פלעגט אים צוטראָגן צום טיש זיין פּאָרציע פון די שבת׳דיגע געריכטן, פלעגט ער פילן, ווי א גייסט פון העכערע וועלטן שוועבט פארביי אים און צערטלט אים מיט פעדערדיגער ווייכקייט. עס פלעגט אים ווערן דאן אזוי זיס, ווארים און געמיטליך. פאַרשעמטערהייט פלעגט ער אָפּקערן די אויגן, וועלכע זיינען געווען פארבלענדעט פון דעם יונגען רייץ, אָבער באַלד פלעגט ער פון אונטער דעם חסידישן קאשקעטל ווידער אריינ׳גנב׳ענען אַ בליק אויף איר.

יהודה האָט דערפילט, אז עס באהערשט אים אן אומבאקאנטער געפיל, וואס ער קען נאָך ביי דעם נאָמען עס ניט אָנרופן. עס האָט אים געצויגן נאָענטער, נאָענטער צו דעם שוחט׳ס בת-יחידה.

דער קלויזניק האָט זיך דאַן אליין געגומען פייניגן אין געוויסנביסע. ער האָט זיך געמוסר׳ט, פארוואס ער וואגט גאָר צו טראכטן וועגן אזעלכע זאכן. ניט אנדערש די טייוולאָנישע לילית האָט אויף אים שולט געווען און אָנגעצונדן א פייער פון אומרו, וואָס רייסט אים אָפּ אזוי אָפט פון שטענדער און גמרא. ער פלעגט דאן אויף זיך אַליין גוזר זיין תעניתים, געקניפּט זיין לייב און זיך וויי געטאָן פון צער און פאַרדרוס. עס האָט אבער ניט געהאָלפן. רייזעלעס פנים פלעגט ארויפשוועבן אומעטום, וואו ער איז געגאנגען און געשטאַנען, ביטאָג און ביינאכט, און פלעגט אוועקרויבן פון אים דאָס גלייכגעוויכט און רו.

יהודה פלעגט נאָך מיט מער חשק און ברען זיך צעוויגן איבער דעם שטענדער און אָפענער גמרא, אבער ער פלעגט דעם רייצנדן שטן ניט קענען פארטרייבן און דאן פלעגט ער נאָך ווערן טרויעריגער און באַזאָרגטער.

רייזעלע האָט באמערקט, ווי דעם קלויזניקס אויגן פֿאָלגן איר נאָך. זי האָט געפֿילט, וואָס עס טוט זיך ביי אים אין הארצן, ווייל זי אליין האָט שוין פֿארזוכט דעם טעם פֿון יענער גרויסער פֿארבאָטענער, אבער רייצנדער מאכט, וואָס רעגירט די נשמות פֿון יונגע. זי האָט ליב געהאט זיינע זמירות, זיין אידעלע באנעמונג, זיין זיידענע ווייכקייט, אבער עס האָט איר אָפּגעשטויסן זיין אלט-מאָדישער הילוך, אין וועלכן עס איז געלעגן דער שימל פֿון זיינער און איהר טאַטנס פֿארוועלקטע וועלט. אין איר הארצן האָט שוין גענעסטעט א הייסער געפֿיל צו א בלאָנדן דייטש, וועלכער איז אזוי לעבהאפֿט, שפּרודלדיג, געזונט און רייצנד, וועלכער באַט אָן אזוי פֿיל פֿרייהייט, געלעגנהייט, גליק.

און אָט אזוי האָט זיך פֿארקניפּט און געפֿלאָנטערט א טראגישער דריי-עק פֿון א נאיוון, טרוימערישן אָרים-בחור, חסידישע בת-יחידה און בלאָנדן אריסטאָקראטישן שגץ, א בינטל פֿון מענשן, וועלכע האָבן זיך טראגיש געקרייצט אויף די פֿארפּירערישע וועגן פֿון ליבע און אינטריגע אין קאמף אויף לעבן און טויט.

דער טייוולאָנישער פּלאַן

רייזעלע און האנס האָבן גענומען רעדן אָפּטער און ערנסטער וועגן תכלית. האנס האָט געזאָגט, אז דאָ אין קליינעם שטעטל קענען זיי זייער געמיינזאמע לעבנס-קייט ניט שמידן. רעליגיעזע פֿאָר-אורטיילן, משפּחה, עפֿנטלאכע מיינונג וועלן דערצו שטערן. ביידע מוזן אוועק ווייט, ווייט פֿון דער היים, וואו בייזע צינגער קענען נים מישן קיין גיפֿט, וואו טאַטע-מאמעס אויג קען ניט גרייכן. האנס האָט דערציילט רייזעלען, אז ער איז א כטודענט פֿון בערלינער אוניווערזיטעט, וואו ער ספּעציאליזירט זיך אין דייטש און דייטשער ליטעראַטור. ער האָט איבערגעריסן דעם שטודיום צוליב דער שטעלע אין גימנאַזיע. יעצט פּלאנט ער צו פֿאָרן צוריק קיין בערלין פֿארענדיגן דעם שטודיום. ער וועט ארבעטן און פֿארדינען אויף לעבן און לערנען. רייזעלעס נאָענטקייט וועט אים געבן מוט און אויסדויער. זייער פּלאַן און רייזע דארף אָבער בלייבן אין געהיים. ער האָט געבעטן רייזעלען אז זי זאל מיט אים מיטפֿאָרן.

— אנטלויפֿן פֿון דער היים? — האָט רייזעלע צעשראָקן געפֿרעגט?

— נו, איז וואָס, נאריש קינד? — האָט האנס געשפּאָכט, וואָס האָסט דו אזוי מורא? וועסט דאָך זיין מיט מיר צוזאמען, מיט דיין אייביג טרייען האנס׳ן. איך האָב דיר דאָך שוין אמאָל געזאָגט, אז די וועלט איז אונזער היים און מענשן זיינען אונזערע ברידער. מיר וועלן בויען צוזאמען א שיינע, אידעאלע היים, קום מיט מיר, ראָזוכען, מיר האָבן דאָך איינע די אנדערע אזוי ליב.

אנטלויפֿן פֿון דער היים, איבעררייסן אלע פֿעדים מיט טאַטע-מאמע, פֿאָלק, טראַדיציע — אָט דער געדאנק האָט רייזעלען געעגבערט

דעם מח ווי א שארפע נאָדל. זי האָט זיך ניט געקענט אנטשליסן אויף אזא שריט. עס האָט איר דאָך געצויגן צו איר שטאָם, צי איר היים, צו איר שטעטל. און ווי וועט זי טאַטע-מאַמע פארלאָזן אזוי עלנט און צעבראָכן אויף די עלטערע יאָרן, ווי וועט זי זיי אָנטאָן אזוי פיל שאַנדע און ווייטאָג, און אייביגן שאנדפלעק? אָט דאָס איז דער לוין פון א קינד, א בת-יחידה צו אירע עלטערן, וועלכע זיינען נעכט איבער איר וויגעלע געזעסן, וועלכע האָבן איר אזוי ציטערדיג, מיט שוויס און טרערן אויסגעהאָדעוועט?

רייזעלע האָט נעכט ניט געשלאָפן און איר קישן נאַס געמאכט פון זודיגע טרערן. זי האָט אויף איר געוויסן ניט געקענט נעמען אזא ערנסטע האנדלונג. אבער האנס איז צוגעשטאַנען און האָט עס דורכאויס פארלאנגט. סיידן זי וויל פארלירן זיין ליבע. דאָס האָט שוין רייזעלע ניט געקענט ביישטיין. זי איז געווען צוגעבונדן צו אים מיט אלע פעדים פון איר יונג הארץ און אזא קרבן האָט זי שוין ניט געקענט ברענגען. אין איר פארבלענדעניש האָט זי שוין גערנער געוואָלט מקריב זיין טאַטע-מאַמע, היים, פאָלק און גלויבן פאר איר טרייען, אייביג טרייען האנס'ן...

זי האָט זיך אנטשלאָסן, געגעבן האנס'ן אן ענטפער, אז זי שטימט צו און דאָס פּאָרל האָט געפלאנט צו ארראנזשירן די פליטה, דאָס אנטרינען פון הויז ראש-השנה, ווען דער אלטער שוחט און זיין פרוי זיינען אין שול און גיסן אויס זייער הארץ אין געבעט צום טאַטן אין הימל פאר זייער טייער טעכטערל. דאָס איז די בעסטע און פאסינסטע צייט.

אין גימנאַזיע איז די נאָענטקייט פון דייטשן לערער און חסידישער שילערין געוואָרן אויפפאלנד. מיידלאך האָבן אָנגעפאנגען אונטערצומורמלען און קלאנגען זיינען דערגאנגען צו דעם אלטן דייטשן פריץ, פרידריך פאָן האָלשוואנג און צו ר' יאָשע דעם שוחט. דער פריץ האָט אויסגערעדט זיין זון, אז עס טראָגן זיך ארום ווענן אים אומגעוווינשטע נאכריכטן, אבער האנס האָט דערקלערט און פארזיכערט דעם טאַטן, אז עס מיינט גאָרניט. ער גיט בלויז פריוואטע לעקציעס דער אידישער שילערין און ער גערמאניזירט זי, ברענגט זי נאָענטער צו דער דייטשער קולטור. ר' יאָשע האָט געשריען אויף זיין בת-יחידה, פארוואס איז עס, וואס מען האָט וועגן איר ארויסגעלאָזן א שלעכטן נאָמען אין שטאָט. זי פלעגט אים אבער בארואיגן, אז דאָס איז בלויז די מיידעלשע קנאה פון אירע חבר'טעס, וועלכע פארגינען איר ניט אירע אויסצייכענונגען אין גימנאַזיע. אויף דעם טאַטנס פראגע, וואו ווערט זי פארשוואונדן אין די אָוונטן, האָט רייזעלע זיך אויסגעדרייט מיט תירוצים, אז זי פארברענגט די צייט אין דער שטעטלשער ביבליאָטעק, וואו זי נויטיגט זיך אין די ביכער פאר איר שטודיום. דער שוחט, וועלכער האָט זייער געטרויט זיין בת-יחידה,

האָט איר דערויף געגלויבט. ער פלעגט זי שטענדיג זען אין שטוב מיט דעם בוך איז האנט און דער תירוץ האָט זיך געלייגט אויפ׳ן שכל.

דער איינציגער, וועלכער איז טיפער אריינגעדרונגען אין דער פארוועבטער געהיימנים, איז געווען יהודה. אין זיין שטייגענדער אומ־רו פלעגט ער נאָכפאָלגן רייזעלען ווי א שאָטן, כאָטש קוקן אויף איר פונדערווייטנס. עפעס האָט איר אריסטאָקראטישער אויסזען אויס־געצוואונגען ביי אים אזוי פיל רעספעקט, אז ער האָט ניט געוואגט צו איר אָפן צו ריידן.

איינמאָל, ווען ער איז אזוי נאָכגעגאנגען רייזעלען, האָט ער זי באמערקט ארויסקומענדיג פון וועלדל אין באגלייטונג פון דייטשן לערער. זיי האָבן זיך צעזעגנט, צעשיידט און רייזעלע איז פארבליבן אליין.

אויך צו יהודה׳ס אויערן זיינען דערגאנגען פריערדיגע קלאנגען וועגן געהיימניספולע באַציאונגען צווישן רייזעלען און דעם דייטש. ער האָט אבער אין רייזעלען צופיל געטרויט און האָט ניט געגלויבט די פלוידערייען פון בייזע ציינער. דער יעצטיגער צופאַל, אבער, האָט אים אָנגעפאנגען אָנפילן מיט ספקות. טראָצדעם, וואס ער איז קיינמאָל ניט געווען דרייסט גענוג צו ריידן צו איר, יעצט, אבער, אין ניכטערן פארדאכט פון א דראָענדער געפאר איבער דעם שוחט׳ס בת־יחידה האָט ער זיך אנטשלאָסן און איז צוגעקומען צו איר. ריי־זעלע האָט זיך פאררויטלט פון דער פארלעגענער סצענע און פלוצ־לינדיגער באַגעגעניש.

— ווי קומט איר אהער, אין וועלדל? — האָט רייזעלע געפרעגט און זיך באמיט צו מאסקירן איר צעטומלטקייט.

— גלאט אזוי, עס איז א שיינער אָוונט — האָט יהודה געזאָגט — בין איך ארויס אביסל שפאצירן, גראָד ניט דערווארט אייך דאָ צו טרעפן.

— איך האָב געלייענט זייער אן אינטערעסאנטן בוך — האָט זיך רייזעלע באמיט ארויסצודרייען פון פלאָנטער — און איך בין אביסל מיד געוואָרן. בין איך אהער געקומען זיך אָפּצורוען.

— בלויז א בוך? — האָט יהודה גענומען פאָרשן.

— איר זייט מיר דען אין עפעס חושד? — האָט רייזעלע גע־פרעגט און איר פנים האָט אויפגעפלאמט פון פארלעגנהייט און מורא.

לאָמיר זיין אָפנהערציג — האָט יהודה אויסגעקריצט אין זיך א שטארקע דרייסטקייט און געזאָגט — איך בין אייך א גוטער פריינט און איך פיל, אז איר ווערט פארפלאָנטערט אין א נעץ פון געפאר. אייער דייטשער באגלייטער קען זיך אמאָל פארוואנדלען אין א שפין, וואָס זויגט אויס זיין קרבן און ווארפט אים אוועק צעשעדיגט און אויסגענוצט. עס איז מיין חוב אייך צו וואָרענען, איידער עס ווערט, חלילה, צו שפעט.

א קאַלטער שווייס האָט אָפּגעגאָסן רייזעלען. אָט־דער ניכטערער חשבון הנפש איז דאָך אייגנטלאַך געווען די שטים פון איר אייגענעם געוויסן, וואס האָט איר אַזוי געפּלאָגט. אַלעמאָל קומט ער צו איר פון אינווייניג, היינט איז עס געקומען, ווי א שנײַדעוודיגער שפּריץ, גראָד פון דרויסן, פון דעם קלויזניק, וועלכער איז איר ווירקלאַך א גוטער פריינט, און אפשר עפּעס מער, ווי דאָס. זי פילט עס...

זי האָט געפילט, אַז זי קען זיך שוין מער ניט ווערן, זי קען מער אַליין ניט שטיקן אויף דעם הארץ איר גרויס געהיימניש. זי מוז זיך פאַר עמיצן אויסריידן און יהודה׳ן קען זי פאַרטרויען דעם סוד. ער איז דאָך אַליין אַזוי יונג, ער וועט סוף כל סוף פאַרשטיין. אמת, ער אַליין האָט דאָך אויך געפילן צו איר, זי שפּירט עס אויף יעדן שריט און טריט, אבער ער איז דאָך אַזוי גוט, אַזוי איידל. ער קען ליבן און מוחל זיין...

— יאָ, יהודה, אין דער אמת׳ן טוט מיר הנאה, וואָס מיר האָבן זיך געטראָפן, איך נויטיג זיך יעצט ווירקלאַך אין עמיצן, וועלכער זאָל פאַרשטיין, פילן, פאַרצייען און דערמוטינן. איך בין אַזוי גילקליך און דאָך אַזוי צעבראָכן.

און רייזעלע האָט אים דערציילט וועגן אירע באַציאונגען מיט האַנס׳ן, וועגן זייערע אָפטע צוזאמענטרעפן און שמועסן. זי האָט אויך געזאָגט יהודה׳ן, אַז זי איז גרייט צו טיילן מיט האַנס׳ן איר לעבנס־גורל, דערביי אָבער, אין איר זעלבסט־שוץ אינסטינקט, האָט זי שוין אויך פאַרוועבט א ליגן. זי האָט פאַרזיכערט יהודה׳ן, אַז האַנס וועט זיך מגייר זיין. וועגן זייער פּלאַן צו אנטלויפן האָט זי אים אבער נאָך גאָרניט געזאָגט. אָט־דעם שרעקלעכן סוד האָט זי נאָך אַלץ ניט געוואָלט אנטהילן.

יהודה האָט זיך אויף א ווײַלע פאַרלאָרן. ער איז געוואָרן זייער בלייך. פייערדיגע רעדער האָבן גענומען שווינדלען פאַר זיינע אויגן. עס איז פאַר אים צערונען א חלום, וועלכן ער האָט געשפּינט אין לבנה־נעכט אויף זיין הארטן געלעגער אויף דער שטיבל־באַנק. אוים רייזעלע! אוים דער ליכטיגער שטראַל, וועלכער האָט פאַר אים שטענדיג געשיינט. דערצו נאָך די צווייטע אנטוישונג: רייזעלע גייט אוועק אין רשות פון א זון פון א פרעמד פאָלק. יהודה האָט זיך אבער גע־שטאַרקט, איבערגעקומען זיין פאַרלעגנהייט און באַרעכנטע־הייט גע־זאָגט:

רייזעלע, איך מוז אייך וואָרענען. איך, פּערזענלעך, האָב זייער ווייניג צוטרוי צו גויים, באַטראַכט זיך וואס איר טוט.

— זייט זיכער, יהודה, איך בין פאָרזיכטיג גענוג און וועל זיך ניט לאָזן פאַרפירן. האַנס וועט ווערן א איד, א גוטער איד — האָט זי מיט א געמאַכטער שטייפקייט געזאָגט, ווי זי וואָלט וועלן פאַרטויבן דעם גרילץ פון איר פרעכן ליגן.

יהודה איז אוועק אהיים א דערשלאָגענער. זיין לערנען איז גע-וואָרן אומעטיגער, טריבער. א טרויער פלעגט אָטעמען פון זיינע באַנגע טענער אין די שפּעטע נעכט.

רייזעלע מיט האנס'ן האָבן געמאכט פאַרבארייטונגען צו זייער גרויסן, ביטערן סוד. זיי האָבן באַשטעלט א פויערשע פורל, וועלכע זאָל אויף זיי ווארטן אויסער שטאָט און אַוועקפירן זיי צו דעם באַן. האנס האָט געהאט גענוג קוטשערס און פערד אין זיין טאַטנס גוט, ער האָט אבער ניט געוואָלט נוצן זיינע אייגענע, בכדי ניט צו דער-וועקן דעם מינדסטן פארדאכט.

אזוי האָט דער טיוול געפּלאָנטערט זיין ביטערן שפּיצל און טרא-גישע שפּיל.

דער פינסטערער ראש השנה.

עס האָט זיך געשטעלט א הערבסטיגער, רעגנדיגער אלול. א ברוגזער, טריבער הימל איז געהאנגען איבער דעם שטעטל. וואָלקנס האָבן זיך געכמורעט און אין דער לופט האָט זיך שוין געפילט די פאָרכטיגקייט פון אָנקומענדן יום הדין.

וואָס נאָענטער עס איז געוואָרן צו ראש השנה, אלץ בלאסער און אומעטיגער האָט אויסגעזען רייזעלעס פּנים. זי פלעגט אָפט אריינ-פאַלן אין א מעלאנכאָליע און נערוועזן ציטער, פלעגט זייער וויינענ שלאָפן ביינאכט. אין איר גאנצער האלטונג האָט זיך געמערקט א צע-טומלטע פארלעגנהייט.

טאַטע-מאמע האָבן עס געזען און גענומען נאָכטראכטן וועגן דער סבה. ווענדיג פארהוילן די אמת'ע אורזאך און צוגרייטן אַן אויסרייד און שפּיצל פאר א לייכטערער פּליטה פון הויז, האָט זיך ריי-זעלע געקלאָגט אז זי קריגט אָפט קאָפּ-שמערצן. זי גלויבט, אז דאָס קומט איר פון צופיל לייענען. די עלטערן האָבן איר פארבאָטן צו לייענען פאר א קורצער צייט, און ניט געוואוסט האָט קיינער, אז ריי-זעלע ווערט פארצערט פון שרעק און אומרו פאר דעם ריזיקאַלישן שריט, וועלכן זי האלט בסוד.

עס זיינען אָנגעקומען די סליחות-טעג. דער אלטער שוחט פלעגט באַגינען אין שטיבל אויסגיסן דאָס הארץ פאר הקדוש ברוך הוא אין געבעט, אז ער זאל אים דערלענגערן די יאָרן אויסצוגעבן זיין בת-יחידה פאר א וואויל-לערנער און צו דערלעבן פון איר נחת און גליק.

רייזעלע האָט זיך כסדר גענומען קלאָגען אויף קאָפּ-שמערצן. טאַטע-מאמע זיינען שוין ווירקלעך געוואָרן שטארק אומרואיג. אויס מורא, אז די טריבע וועטערן זאָלן זייער טאָכטער ניט פארשאטן, האָט מען איר באַפוילן צו זיצן די גאנצע צייט אין הויז. און אָט האָט זיך דערנענטערט ראש השנה. געוויינלאך פלעגט רייזעלע אין פאָרכטיגן טאָג גיין צוזאמען מיט דער מאמען אין שול. דאָס יאָר, אָבער, צוליב

אירע אָפּטע קאָפּ-שמערצן האָט מען איר געהייסן בלייבן אין שטוב. דאָס האָט טאַקע רייזעלע געוואָלט. זי האָט זיך געקליגט צו פאַר-בלייבן אין אָט-דעם גורל-טאָג אָן קאָנטראָל, בכדי צי קענען לייכטער אנטרינען פון הויז און פאַרווירקלעכן איר טייוולאָנישן פּלאַן. דער יום הדין האָט זיך אראָפּגעלאָזן איבער׳ן שטעטל א טונקעלער און ברוגזער אין א שלאַקס-רעגן מיט דונערן און בליצן. דער ווילדער ווינט האָט געריסן די דעכער. הימל און ערד האָבן געשטורעמט, ווי עפּעס אָנדייטנדיג אויף א גרויסן אומגליק, וואָס דאַרף געשען. אין גאַס איז געווען אזוי אומהיימלער.

אין שוהל אריין

אַלט און יונג גייען צו סליחות

דער אלטער שליח צבור האָט, ווי געוויינלעך, געדאַוונט פאר דעם עמוד, ווי זיין שטייגער איז שוין זינט צענדליגער יאָרן. אָבער מערק-ווירדיג: היינטיגס יאָר איז זיין שטימע געווען אזוי וויינענדיג און גע-בראָכן, ווי דער ווידוי פון א זינדיגער נשמה. זיין קול האָט געצאַפּלט און זיך אָפּט פארכליניעט, אז עס האָט געקענט רירן א שטיין. זינט דאָס שטעטל געדענקט דעם שוחט האָט ער נאָך קיינמאָל ניט גע-דאַוונט מיט אזא צעבראָכענער הארץ, ווי דאָס יאָר.

„מי בקצו ומי לא בקצו" — האָט געציטערט זיין שטימע אין פיינלעכע קאָנוואולסיעס. און אָט אין דער צייט, ווען אַן עדה אידן

ראש השנה ביים דאַוונען.

מיט טליתים איבער די קעפּ האָט אין שטיבל געצאַפּלט אין הארציגע תפלות, ווי א צעוויגטער ים פון ווייסע, שוימיגע כוואַליעס, האָט זיך



ביי די פּאַרקאַנעס פון גערטנער דורך הינטער-געסלאַך געשלייכט אַ שאָטן אין גוס-רעגן. מיט אַ רעגן-מאַנטל געהילט און מיט אַ קלומיק אין האַנט האָט זיך די געשטאַלט געשמוגעלט צום סוף פון שטעטל אין שרעק און באַהעלטעניש פון אַ מענשלעך אויג.

דאָס איז געווען דעם שוחט'ס בת-יחידה, די שיינע רייזעלע, וועלכע איז אַנטלאָפן פון דער היים, בכדי צו געפינען גליק און מזל אין די אָרימס פון איר קריסטלעכן חתן און פאַרפירער.

דער שרעקלאַכער באַשייד.

ווען דער שוחט און זיין פרוי זיינען געקומען אהיים פון שול, האָבען זיי דערוויסט אַ חורבן אין הויז. די שופלאָדן פון די אַל-מערס זיינען געווען ארויסגענומען, די וועש און קליידונג — צע-וואָרפן. אויף דער ערד האָבן זיך געפלאָנטערט שיך און אַנדערע זאַכן. מען האָט דערקענט, אַז עפּעס איז דאָ פּאַרגעקומען אין גרוים איי-לעניש. פון אָנפאַנג האָבן זיי געקלערט, אַז מען האָט זיי אפשר באַ-גנב'עט און דער גנב האָט עס איבערגעלאָזן אין אזא אומאָרדנונג, אָבער ווען זיי האָבן באַמערקט אַז זייער בת-יחידה איז פאַרשוואונדן, האָבן זיי שוין דערפילט זייער גרויסן בראָך.

דערווייל האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג איבער דעם שטעטל, אַז אויך דער דייטשער גימנאַזיע לערער איז פאַרשוואונדן. די ידיעה איז דערגאַנגען צו דעם אלטן שוחט און אַ פּיינלעכע רעטע-ניש האָט איצט באַקומען איר ביטערן אָבער אמת'ן באַשייד.

— יאָ, זיי זיינען געווען גערעכט, די כלומרשט-בייזע צינגער. עס איז נים געווען קיין רכילות, נאָר אַ ביטערער אמת — איז בליץ-שנעל דורכגעלאָפן אַ ניכטערער געדאַנק אין שוחט'ס קאָפּ. רייזעלע איז ווירקלעך פאַרפירט געוואָרן דורך דעם שגץ און איז מיט אים אַנט-לאָפן. יאָ, דאָס האָבן עס געמיינט די קאָפּ-שמערצן ערב ראש השנה. אַ צונעטראַכטער שפּיצל אָפּצונאַרן טאַטע-מאַמע.

און אין שוחט'ס טונקעלן מח איז דורכגעשוואומען דאָס בילד פון זיין ביז-איצטיגן פאַרגרייזטן לעבן. ער האָט זיך פאַרנאַרט אין זיינע חשבונות מיט רייזעלען, ניט געגעבן איר קיין געהעריגע דער-ציאונג און סביבה און יעצט אויף די אַלטע יאָרן צאָלט ער דאָס אזא טייער רבי-געלט.

ר' יאָשע האָט שוין זינט איניגע יאָר געהאַט אַ הויכן בלוט-דרוק און ער האָט זיך ניט געטאָרט אויפרעגן. יעדע האַסטיגערע באַ-וועגונג אָדער איבערראַשנדע איבערלעבעניש האָט פאַר אים געשמעקט מיט געפאַר. פאַרלירן דאָס גלייכגעוויכט האָט פאַר אים געמיינט דאָס גרוילהאַפטסטע און שרעקלעכסטע, וואָס עס קען פּאַסירן.

דער שטאַרקער קלאַפּ פון רייזעלעס פּליטה און אומזיסטע זוכע-ניש אין יעדעס ווינקל פון שטעטל, די פינסטערע שאַנד פון אַנטרינען מיט אַ שגץ, דער פאַרדרוס און געוויסנביסע אין באַוואוסטזיין פון

אייגענער שולד האָט ר׳ יאָשען געטראָפן ווי א דונער און עס איז געשען דאָס ערגסטע, פאר וואס ער האָט אלע מאָל מורא געהאט. ער איז פלוצלינג פאראליזירט געוואָרן. עס האָבן אים אָפּגענומען די הענט און די פיס און ער האָט אויך פארלאָרן די קלאָרקייט פון לשון.

יום כפור האָט שוין ר׳ יאָשע פאר דעם עמוד ניט געדאוונט און מען האָט אין איילעניש געמוזט נעמען אן אנדער בעל תפלה. אין שטעטל האָט זיך געטאָן חושך. מען האָט נאָך קיינמאָל ניט געדענקט אזא טראַגישן פאַל, אזעלכע פארשטערטע ימים נוראים. אין שוחט׳ס הויז איז מען געזעסן שבעה נאָך א פארלאָרענער טאָכטער. א ליכט האָט געברענט נאָך דער פארוואָגלטער נשמה פון דער שיינער רייזעלען, וועלכע איז אריינגעפאלן אין דעם טייוולס אָרעמס. מען האָט פארהאנגען די שפיגל, וואו זי האָט זיך גע׳חנ׳דלט און אלע בילדער אין הויז. יעדעס ווינקל האָט געוויינט און געטרויערט נאָך דעם גרויסן פארלוסט. דעם שוחט׳ס פרוי האָט אירע אויגן אויסגעווייקט אין אומאויפהערלאכן יאָמער. אין צווייטן עק שטעטל האָט אויך פארצווייפלט און געטרויערט אן אנדער משפחה, דער דייטשער סוחר, פרידריך פאָן האָלשוואנג. ער האָט געקלאָגט אויף דער שאנדע, וואס זיין בן-יחיד האָט אראָפּגעבראכט אויף זיין גרויען קאָפּ.

ער האָט אָנגעווענדעט אלע מיטלען צו געפינען זיין קינד, אָנגעשטעלט דעטעקטיוון, אָנגעבאָטן הויכע באלוינונגען, אבער עס האָט ניט געהאָלפן. ער האָט אויך געמאכט אויספאָרשונגען דורך בערלין, אָבער מען האָט האנס׳ן ניט געקענט געפינען, ווייל ער האָט געביטן זיין אדרעס און אויך אָפט געטוישט די דירות, בכדי צו פארווישן יעדן שפור נאָך זיך. פרידריך האָט ארומגעבלאָנקעט, ווי א שאָטן, איבער זיין גוט אין אבלות נאָך זיין קינד, זיך געפלאָנטערט אין דעם עלנט פון זיין וויסטן לעבן, פארלאָזט און פארשעמט.

אָט אזוי האָט דער וואנזיניגער שריט פון צוויי קינדער, זון און טאָכטער פון באזונדערע ראסן, אראָפּגעבראכט א חורבן אויף צוויי היימען און מיט אומברחמנות׳דיגע רידלען נעגראָבן דעם קבר פון אייגענע טאטע-מאמע.

ודוי און צואה

ר׳ יאָשע האָט אָנגעפאַנגען צו צאַנקען. זיין בלאָסער פנים און ווייטאָגדיגער גוף זיינען אַלץ מער פאַרצערט געוואָרן פון דער שווערער קראַנקהייט. פון טאָג־צו־טאָג איז ער געוואָרן אַלץ שוואַכער און זיין סוף האָט זיך שוין דערנענטערט.

דער שטענדיגער באַזוכער פון ר׳ יאָשע׳ס הויז איז געווען יהודה דער מתמיד. ער איז ניט אָפּגעטראָטן פון דעם שוחט׳ס בעט, געהאָלפן אים איבערצוקערן, ווען נויטיג, און אויפפאַסן אויף אים. ער האָט אים באַהאַנדלט אַזוי צערטלאַך, ווי אַ קינד באַגייט זיך מיט אַן אייגענעם

טאַטן. ער איז פאַרבליבן טריי אין פריידן און אין ליידן.

און אַט איז אָנגעקומען אַ טראַגישער טאָג, פאַרוואָלקנט און טריב. אַן אומעט האָט זיך געטראָגן פון הויף און גאַס. אַלץ איז געווען גע־שלייער׳ט אין אַזאַ באַנגן, נאָגנדיקן טרויער. ר׳ יאָשע האָט אָנגעפאַנגען צו גוסס׳ן. זיינע אויגן האָבן זיך ביסלאַכווייז גענומען לעשן, זיין אָטעם איז געוואָרן קורצער און שווערער. יהודה איז געזעסן ביי זיין בעט. ר׳ יאָשע האָט געדריקט דעם קלויזניקס האַנט און שטאַמלענדיג, אָנגע־שטרענגטערהייט, געפליסטערט:

„יהודה טייערער, דו ביזט מיר געבליבן אמת׳דיג געטריי. איך באַ־טראַכט דיך פאַר אַן אייגן קינד. איך האָב געהאָפט, אַז דו וועסט נאָך זיין מיין איידים אין אַ מזל׳דיגער שעה, חתונה האָבן מיט רייזעלען און זיין מיין פרייד ביים לעבן און אַ קדיש נאָך הונדערט און צוואַנציג יאָר. אָבער מן הסתם, בין איך דערצו ניט זוכה, מן הסתם בין איך זייער זינדיג. איך האָב פיל געגרייזט אין מיין לעבן, יהודה ליבער, און איך צאָל אַ ביטערן רבי־געלט. עס איז אויף מיר מקויים געוואָרן די קללה פון דער תוכחה: בנותיך נתונות לעם אחר ועיניך רואות וכלות" (דיינע טעכטער ווערן פאַרפרעמדט צו אַנדערע פעלקער, דו דאַרפסט עס צוזען מיט דיינע איי־גענע אויגן, קלעמען און באַדויערן). יאָ, יהודה, אָבער דאָס איז מיין שולד. אין די מינוטן פון גסיסה בין איך זיך מודה ומתודה אויף מיינע זינד". ר׳ יאָשע האָט זיך פאַרהאַקט און זיך פאַרגאַנגען פון טרערן. ווען ער איז צוריק צו זיך געקומען, האָט ער ווייטער פאַרגעזעצט, ווי אַ פאַר־ברעכער, וועלכער אָנערקענט זיין שולד.

— איך האָב געדאַרפט האַנדלען אַנדערש. איך האָב געדאַרפט גע־בען מיין טאָכטער אַ ריכטיגע, רעגולערע אידישע דערציאונג און ניט אָפּ׳פטר׳ן זי מיט נישטיגע קאַרגע ידיעות. עס האָט אַפילו געדאַרפט זיין מיין פליכט צו גרינדן אַ שולע פאַר רעליגיעזער טעכטער־דערציאונג. זייער גייסטיגע וועלט איז דאָך אַזוי וויכטיג, ווייל זיי זיינען דאָך די שוועסטער און מוטערס פון אידישע קינדער. אין זייערע הענט ליגט די אַטמאָספער פון דער היים, די כשרות, דער חנוך הבנים, און אויב ז י י זיינען רוי אין אידישקייט, וואָס קען מען דערוואַרטן פון די שפּעטער־דיגע דורות? פאַרוואָס זאָלן זיי טאַקע אַליין ניט פאַרקריכן אויף קרומע וועגן אויב מען גיט אויף זיי ניט אַכטונג.

ר׳ יאָשע האָט זיך באַגאָסן מיט אַ קאַלטן שוויס, האָט זיך אָנגע־שטרענגט און האָט ווייטער גערעדט:

— דער צווייטער פעלער איז דער צוים פון אידישער סביבה און פון ארץ־ישראל. ווען איך וואָלט רייזעלען געלאָזט זיך טרעפן מיט אי־דישע קינדער, באַקענען זיך מיט דעם געדאַנק פון שיבת־ציון, וואָלט זי געבליבן האַרט ביי אונזער פאָלקס־וואָרצל. אויב עס האָט געפעלט אמונה אין דער ציון־באַוועגונג און אין אירע פירער, אויב די חלוצים זיינען געווען פאַרבראָכן אין אידישקייט, האָבן מיר, עלטערע, געדאַרפט דאָס פאַרוואָרענען. מיר האָבן געדאַרפט אין זיי אַריינשפריצן די זאַפט פון

אידישן גלויבן און געשטאַלטן זייערע נשמות, אָבער ניט אָפּשטויסן זיי מיט ביידע הענט. ארץ־ישׂראל איז און וועט פאַרבלייבן דאָס אידישע היימלאַנד און משה רבנו איז אויך געשטראָפט געוואָרן, ווייל ער האָט געשלאָגן דעם שטיין. אויך צו אַ שטיין דאַרף מען רעדן און דאַן קומט וואַסער מיט מזל־ברכה, מיט גליק . . .

ר׳ יאָשע האָט געביסן די ליפּן פון ווייטאָג און ווייטער גערעדט:

— דיר, מיין טייערער, לאָז איך איבער אַ צוואה, אַז דו זאָלסט אָפּלערנען אַ מוסר־השׂכל פון מיין פאַרגרייזטן לעבן און נאָך אין דיין יוגנט פאַרריכטן אַלע פעלערן, וועלכע איך בין באַגאַנגען. מיר זיינען ביידע חסידים, אָבער איך בין דער אַוועקגייענדיגער דור און דו ביזט דער אָנקומענדיגער דור מיט אַ דרייסטן טריט אין קאָרידאָר פון לעבן. באַוואָפן זיך מיט אַ געזונטן בליק און מיט ניכטערער אָפּשאַצונג, פאַראייניג גלויבען מיט ארבעט, מיט היימלאַנד, מיט ווירקלאכע באַדערפענישן אין וועלכע אַ איד און אַ פאָלק נויטיגט זיך.

— דו ביזט איצט מיין יורש און איך לאָז דיר איבער מיינע ספרים. איך וויל שטאַרבן מיט דעם באַוואוסטזיין, אַז די הייליגע בלעטער וועלן ניט פאַרשימלט ווערן אין שראַנק, נאָר זיי וועלן ווערן די לעבעדיגע וועגווייזער פון דיין ווייטערדיגן גאַנג. זאָלן זיי דיר געבן מוט און אויסדויער. זאָלן זיי דיר דינען אַלס קוואַל און ירושה פון דורות. וואָס איך פאַרלאַנג פון דיר איצט איז, אַז דו זאָלסט נאָך מיר קדיש זאָגן, היטן מיין יאָרצייט, לערנען אַ פּרק משניות, ווען אַז מיין נאָמען און אָנדענק זאָלן ניט פאַרגעסן ווערן. און נאָך אַ פאַרפליכטונג לייג איך אויף דיר אַרויף: דו זאָלסט אָפּזוכן און צוריקברענגען צו אידישקייט מיין אַנטרונענע טאָכטער, דערנענטערן די פאַרשטויסענע נשמה צו איר פאַרלאָרענעם מקור. דאָס וועט מיר געבן רו אין קבר און אַ תּיקון פאַר מיין זינדיג, פאַרגרייזט לעבן.

יהודה האָט געקושט די דאַרע האַנט פון זיין ליבן רבי׳ן, פייערלאַך צוגעזאָגט צו היטן די צוואה און דערביי ביטערלאַך געוויינט.

די בלאַסע זון, אויסגעווייקט אין רעגן, האָט זיך שוין געזעצט אויף דעם ראַנד פון האָריזאָנט. עפּעס איז זי היינט געווען טונקעלער און קעלטער, ווי אַלעמאָל.

ר׳ יאָשע האָט פאַרוואָרפן דעם גרויען קאָפּ אין אַ פאַרשטיקטן כאָרכלען און זיין האַנט האָט זיך באַוועגט אין שוואַכע קלעפּ איבער דעם האַרצן:

— הטאָתי, עויתי, פּשעתי! (איך האָב געזינדיגט).

אַ טעמפּער גרילץ האָט זיך אַרויסגעריסן פון דעם פאַרפּייניגטן האַרצן. ר׳ יאָשע איז אויסגעגאַנגען ביי דעם קאַרגן שימער פון אַ קליין ליכטל אין דעם עלנט פון זיין פאַרשפּילטן לעבן און צעבראָכענער היים.

איבער די גאַסן פון שטעטל האָט זיך געצויגן אַ לויה־פּראָצעסיע, אַ שרעקלאכער טרויער־מאַרש, וועלכער האָט געפירט צו זייז אייביגער

רו דעם אַלטן וועטעראַן פון חלף און עמוד; קינד און קייט איז מיטגעגאַנגען. מען האָט געשלאָסן אַלע געשעפטן און אַלע זיינען געקומען צוטיילן דעם שוחט זיין לעצטן כבוד און פאַרגיסן אַ טרער איבער זיין פרישען קבר. און אַזוי איז נאָך אַ שווערער, אַכט־מאָנאַטיגער קראַנקהייט אַוועק פון דער וועלט דער אומגליקלאכער טאַטע פון אַן אומפאַראַנטוואָרטלאכער, פאַרפירטער טאָכטער. אין אייניגע טעג שפּעטער איז דאָס שטעטל גאַנץ פרי אויפגעוועקט געוואָרן פון דעם קלאַנג פון קירכעגלאָקן, וועלכע האָבן אָנגעזאָגט דעם טויט פון אַלטן פרידריך פאָן האָלשוואנג. ער איז געשטאָרבן פלוצלינג פון אַ האַרץ־אַטאַקע און אַ קאַראַוואַן פון אבלים, פריינט און באַקאַנטע האָבן אים געפירט צו דעם פלאַץ, וואו עס ענדיגן זיך אַלע וויטאָגן און פאַרדראָסן, וואו עס איז אייביג, אייביג שטיל...

הינטער דעם שטעטל האָט דער ווינט געברומט איבער צוויי פרישע בערגלאך מיט זאַמד.

תורה, אַרבעט און היימלאַנד

די טראַגישע געשעעניש אין שוחט׳ס הויז האָט אויף יהודה׳ן איבערגעלאָזן אַן אומאָפּמעקבאַרן רושם. די צוואה פון זיין אַלטן רבי׳ן האָט אים געדינט אַלס לייכט־טורעם און וועגווייזער אין דעם לאַבירינט פון לעבן. ער האָט אויפגעעפנט די אויגן ברייטער פרייער און האָט דערזען פאַר זיך נייע, הויכע האָריזאָנטן; אַ טיפערן זין, ווי זיצן בלויז אין שטיבל, „עסן טעג און שלינגען טרערן״. זיין אָנגעוואָרפן אויף יענעם און אָנגעוויזן שטענדיג אויף רחמים און גנאָד.

ער איז יונג, געזונט, שטאַרק. דאָס לעבן נויטיגט זיך ניט נאָר אין לומדים אַליין, נאָר אויך אין פּראָדוקטיווע מענטשן, וועלכע זאָלן שאַפן ווערטן, פאַרדינען ערלאך זייער ברויט און בויען אויך פאַר אַנדערע פונדאַמענטן. פאַרוואָס טאַקע ניט פאַרבינדן תורה מיט אַרבעט? זיינען דען פיל תנאים ניט געווען גלייכצייטיג קיין אַרבעטער? זיינען אונז דען ניט באַקאַנט די געשיכטעס וועגן ר׳ יוחנן הסנדלר און ר׳ יצחק נפחא? האָט זיך דען ר׳ הלל הזקן געשעמט דערמיט, וואָס ער האָט געטראָגן און פאַרקויפט בינטלאַך האָלץ אין מאַרק, און גלייכצייטיג אויך גענאָסן פון דעם קוואַל פון תורה, זיך אַריינגעכאַפּט איז אַ פרייער שעה צו הערן דעם שיעור פון שמעיה ואבטליון?

און ווייטער, ארץ־ישראל. פאַרוואָס טאַקע ניט בויען אונזער היימלאַנד אין גייסט פון תורה און אַריינפלאַנצן די קערנער פון אָרטאָדאָקסישען לעבן אין דער וויסטעניש פון אדמת קודש? פאַרוואָס ניט אויסגלייכען דעם קרומען רוקן פון אַ גלות־פאָלק און אָנפאַנגען אַ נייע בלאַט אין דער מענטשהייט מיט דער ווירדע פון יונגע, דערוואַכטע אידן אויף זייער אייגענעם באָדן, אין שוויים, מי און כשר׳ער אַרבעט?

אָט־דער ניכטערער חשבון הנפש האָט זיך טיף פאַרוועבט און שטאַרק געגעבערט אין יהודה׳ס מוח, ביז . . . ער האָט געמאַכט אַ שלוס צו זיין ביז־איצטיגן לעבן און זיך פאַרנומען אויף אַנדערע, נייע וועגן.

ער האָט אין שטעטל געגרינדעט אַן אָרטאָדאָקסישן קבוץ פון יונג־וואַרג, געגאַנגען מיט זיי צוזאַמען אַרבעטן ביי־טאָג און ביינאַכט געלערנט זיי די יסודות פון אידישקייט. פאַר די, וועלכע האָבן שוין אַביסל מער געקאָנט, האָט ער געזאָגט אַ בלאַט גמרא. ער פלעגט גיין אהיים צו די שוסטער־ און שניידער־יונגען, געלערנט זיי עברי, חומש, אידישע געשיכטע און געצונדן דאָס ליכט פון וויסן אין זייערע הערצער.

ביי יעדער געלעגנהייט פלעגט ער דערמאָנען ארץ־ישראל, דעם ירדן און ים־התיכון, דעם הר־הכרמל און דעם עמק־יזרעאל און דער־וועקן אין זייערע חברים אַ טיפע בענקשאַפט נאָך דעם הייליגן לאַנד, וואו די בערג און טאָלן ווערן באַפרוכפּערט מיט דעם שווייס פון ערלאכער אַרבעט, וואו עס בויט זיך אַ ווינקל פון רואיגן, אָנשטענדיגן קיום פאַר דעם אידישן פאָלק.

די תקיפים פון שטעטל האָבן פאַרפאָלגט יהודה׳ן. מען האָט אים אָפּגעזאָגט אַלע „טעג". מען האָט זיך פון אים דערווייטערט ווי פון אַ פעסט. אין שטיבל פלעגט מען אים באַריידן און זידלען:

— וואָס זאָגט איר אויף דעם טעלער־לעקער! אויסגעהאָדעוועט זיך אויף פרעמדע ברויטן און געקעכטס, בכדי אַראָפּצופירן די יוגנט פון וועג און חרוב מאַכן דאָס שטעטל. יאָ! עס האָט זיך דאָס געלוינט צו האָדעווען אַזאַ פּאַראַזיט.

יהודה איז ניט נתפעל געוואָרן. ער האָט שוין, ווי געזאָגט, אַליין פאַרדינט זיין ביסן ברויט און ניט געדאַרפט אָנקומען צו פרעמדע. ער האָט איגנאָרירט דעם פּראָטעסט אין שטעטל און איז ווייטער אָנגעגאַנגען מיט זיין ניי לעבן. די אַרבעטער־מאַסן, דאַגעגן, האָבן אים שטאַרק ליב באַקומען און זיי זיינען צו אים צוגעבונדן געוואָרן, ווי צו אַ נביא, וואָס ברענגט אַ ניי וואָרט און נייעם שיין אין זייערע רייען.

יהודה׳ס אַמביציע איז געוואָרן ארץ־ישראל. ער האָט געוואָלט פאָרן אַהין, קעמפן, שאַפן, גרינדן און בויען דאָס גרויסע ווערק פון אונזער רעליגיעז־נאַציאָנאַלער דערוואכונג. ער האָט דאָרט געזען די וויגעלע פון גלויבן, די היים פון אַ געפייניגטער אומה, דעם וואַרשטאַט און אַקער־אייזן פאַר העכנט מיט מאָזאָליעס. „חיי נשמות אויר ארצך" (די לופט פון ארץ־ישראל איז שוין גופא אַ גייסטיגער לעבן) — האָט ער פיל מאָל נאָכגעזאָגט נאָך אונזער גרויסן דיכטער, ר׳ יהודה הלוי.

ער האָט געאַרבעט, געלערנט, געטרוימט און געהאָפט . . .

32

אין פּאַניק

האָר און אויערן זיינען געווען אָנגעשפּיצט ביי רייזעלען, ווען זי האָט זיך געשמוגלט אין באַהעלטעניש צווישן די פּאַרקאַנעס און הינטערגעסלאַך פון שטעטל. זי האָט געפילט, אז מיט יעדן הויף און הויז, וואָס פאַרשווינדט הינטער איר, ווערט אָפּגעריסן נאָך אַ פאָדים פון דעם גליקלאַכן געוועב, וואָס הייסט: היים און משפּחה.

פאַרשוועכט ראש־השנה, אַנטלאָפן פון דער היים, פאַרבונדן איר לעבנס־גורל מיט אַ שגץ, אָט־דער דריי־עק פון זינד האָט, ווי אַ שפּין, געבויערט אין איר צעטומלטן מוח און געריסן דאָס האַרץ אויף שטיקער. הינטער איר האָט זיך נאָכגעשלעפּט דער שאָטן פון אַ פאַרלאָרענער היים, פון פאָרנט — האָט געגעפּלט די גרויסע רעטעניש פון אַ פאַרבאָרגענעם גורל. מיט איר צוזאַמען זיינען מיטגעגאַנגען די געפילן פון געפאַר און האָפענונג.

רייזעלע האָט אַלץ שטייפער צוגעדריקט צו זיך דאָס שיידל מיט דעם חלף, וואָס זי האָט מיט זיך מיטגענומען. אין איר איילעניש האָט זי דאָך ניט פאַרגעסן אָן דעם סימבאָל פון איר היים און אַלס אָנדענק איינגעפּאַקט אין איר קלומיקל איינעם פון דעם טאַטנס חלפים. זאָל עס איר באַגלייטן אויף דעם ריזיקאַלישן וועג פון לעבן. עס פילט זיך איר געמיטלאַך, ווען זי קוקט דערויף. זי דערמאָנט זיך אַז פיל מאָל פלעגט זי נאָכמאַכן דעם טאַטן און דורכפירן איר נאָגל איבער דעם שאַרף פון חלף צו זען, אויב עס איז ניטאָ קיין פגימה. און ווער ווייס? — אפשר קען דער שאַרפער געצייג אויך נאָך דינען אַלס פריינט אין נויט? אפשר קען עס נאָך אַמאָל צונוץ־קומען? פאַרהוילן און אויסטערליש זיינען די וועגן פון לעבן . . .

עס זיינען שוין פאַרשוואונדן די לעצטע אויסגעווייקטע דעכער פון שטעטל, ווען רייזעלע האָט אויף דעם באַשטימטן אָרט דערזען האַנסען, וואַרטנדיג לעבן אַ פורל מיט אַן אַרויפגעצויגענער בויד.

— ראָוזכען טייערע, ביזט שוין דאָ. זייער גוט! און איך בין דאָ געווען אזוי אומרואיג. עס איז אַזאַ גוס־רעגן, איך האָב דיך באַדויערט, וואָס דו דאַרפסט גיין אין אַזאַ וועטער. איך האָב געצווייפלט צי דו וועסט שוין קומען אַהער — האָט־האַנס צערטלאַך געזאָגט.

— אָה! האַנס ליבער, ווי איז עס דיר איינגעפאַלן, אַז איך וועל דיך אַנטוישן, — האָט רייזעלע געענטפערט, — ווייסטו דען ניט, אַז ליבע איז שטאַרקער פון רעגן און שטורעם — און אַז דער אימפּעט פון אַ יונג, פאַרבענקט האַרץ יאָגט שנעלער ווי דער מעכטיגער ווינט.

— יאָ, ביזסט גערעכט, טייערע, און איך בין דיר אַזוי דאַנקבאַר, אזוי דאַנקבאַר — האָט האַנס גערעדט, — וועסט נאָך זען, מיר וועלן זיין גליקלאַך. האַנט־ביי־האַנט און אַקסל־ביי־אַקסל שטעלן מיר איצט צוזאַ־

מען דעם אַנטשלאָסענעם שריט אויף אונזער וועג אין דער גרויסער וועלט צו אַ נייעם מאָרגן, וואו אַלע פעלקער, ראַסן און גלויבנס וועלן זיין די קינדער פון איין גרויסער מוטער, — די מענטשן־ליבע.

דאָס פּאָרל האָט באַשטיגן די פורל און זיינען אַזוי געפאָרן שעה'ן־לאַנג ביז דער באַן־סטאַנציע. אין זייער נאָענטקייט האָבן זיי גאָרניט געפילט דעם רעגן. צוויי הערצער האָבן הייס געקלאַפּט צו דעם טאַקט פון שטורמישער ליבע.

ביי דער באַן־סטאַנציע האָט האַנס געקויפט צוויי בילעטן נאָך בערלין. דאָס פּאָרל האָט זיך אַריינגעזעצט אין באַן, וועלכער האָט זיך מיט אַ גרילצנדיקן פייף געריקט פון אָרט און אַוועקגעריסן רייזעלען פון איר געבורט־שטעטל און לאַנד אין דער גרויסער וויטער וועלט אַריין.

אין די פירקאַנטיגע ראַמען פון די באַן־פענסטער האָבן זיך געשניטן און פאַרשוואונדן פוילנס פעטע, מיט ברכה־אָנגעפילטע פעלדער און געדיכטע וועלדער, שטעט און שטעטלאך. רייזעלע האָט זיך געשטאַרקט צו פאַרטרייבן דעם אומרו, אָבער מערקווירדיג, וואָס וויטער פון דער היים — אַלץ מער איז אין איר געשטיגן די פּאַניק. זי האָט מורא געהאַט פאַר דער פרעמדער, רוישיגער וועלט.

בערלין

פונדערווייטנס האָבן זיך שוין געשניצט די קאָנטורן פון בערלין מיט אירע הויכע מויערן און טורעמס אין גאָטישן סטיל, וועלכע האָבן סימבאָליזירט דעם דראַנג נאָך אומדערגרייכבאַרעס און פאַרהוילענעס, גראָד דאָס, וואָס עס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין רייזעלעס נשמה.

רייזעלע באַוואונדערט די טורעם־שפּיצן פון בערלין.

און אַט איז מען שוין ביי דעם הויפּט באַך־הויף פון דער גרויסער דייטשער מעטראָפּאָליע. האַנס באַזאָרגט אַ טרעגער צו מיטנעמען דעם באַגאַזש און דאָס פּאָרל לאָזט זיך אַוועק אין אַ טעקסי איבער די גאַסן פון שטאָט צו זוכן און געפינען אַ היים אין דער רוישיגער בערלין.

רייזעלע ווערט פאַרגאַפּט פון דער וואונדערבאַרער פּאַנאָראַמע. נייע מענטשן, נייע געשפּרעכן, אַ נייע לופט צום אָטעמען. האַנס ציגט איר אָן אויף פאַרשיידענע דענקמעלער, דערין פון געטע און שילער, וועלכע זיינען איר איצט אזוי נאָענט. זי האָט דאָך וועגן דעם געלערנט און געלייענט. ער וויזט איר אָן היסטאָרישע פּלעצער פון קאַמף און נצחון, טעאַטערס, מוזעאומס, וועלכע זעען איר אויס איצט אַזוי אייגן, אַזוי האַרציג. דעם אָרט פון שטעטל, חסידישע קאַפּאָטעס און היטעלאך פאַרנעמט די עלעגאַנץ פון הערן און דאַמען אין די בולוואַרן און פּראָמענאַדן פון דער הויפּט־שטאָט. דאָס קליין־שטעטלדיגע חסידישע מיידל ווערט באַגייסטערט. עס איז פאַרווירקלאכט געוואָרן איר טרוים. אָט וועבט זיך אין איר אויס דער לעצטער שפּור פון דער היים און עס וואָרצלט זיך אין איר איין דער געשמאַק פאַר דער פרעמד. יאָ, זי איז גליקלאַך און אזוי דאַנקבאַר צו האַנס'ן וועלכער האָט איר געעפנט אַ טיר צו דער ברייטער וועלט.



בערלינער מערקווירדיקייטן.

לוקסוריעזער האָטעל אויף קורפירסטענדאם

היסטאָרישע סטאַטוע ביים „שאַרלאָטענבורגער שלאָס".

און בערלין איז ווירקלאך וואונדערבאר, א מייסטערווערק פון אר־כיטעקטור, א וויגעלע פון קולטור, דער „פארנאס פון דיכטער און דענ־קער" און די צענטראלע פויסט פון דייטשער מאכט. ליגנדיג צופוסנס פון דעם טייך ספריי, יחסנ'דיג זיך מיט אירע בערגיגע שלעסער און פאלאצן אין דער אומגעבונג, איז בערלין די שטאלץ און קרוין פון דעם פאטערלאנד.

בערלין איז אויך מיט פיל פעדים פארקניפט מיט דער אידישער געשיכטע און גלות־לעבן. שוין אין דרייצנטן יארהונדערט זיינען — לויט געוויסע באשטעטיגטע קוועלן — שוין געווען דארט אידישע איינ־וואוינער, און האבן שוין אבער דאן פארזוכט דעם דרוק פון דייטשן שטיוול, פארפאלגונגען און דיסקרימינאציעס.

א באדייטנדיגן איינפלוס אויף דער ארטאדאקסישער געזינונג פון בערלין האבן געהאט די אזוי־גערופענע אסט־יודן, וועלכע זיינען אהער געקומען, אלס פליכטלינגען פון די פאגראמען אין רוסלאנד, פוילן און רומעניע. צוליב דער עמאנציפאציע פון אידן אין דייטשלאנד האבן זיי דא געפונען שוץ, היים און ברויט. בכלל האט זיך אידן אין דייטשלאנד ביז דער איצטיגער וועלט־קריג געלעבט זייער גוט, פיל זיינען געווען פארטראטן אין דער רייכסטער אינדוסטריע, מסחר און רעגירונגס־שטע־לעס. בילדונג און פרייע פראפעסיעס זיינען געווען צוטריטלאך צו אידן.

איינגעבארענע דייטשע „יאהודים" פלעגן קוקן מיט פאראכטונג אויף די „אסט־יודן" — פון אויבן אראפ. זיי, די יאהודים, האבן געהייסן „דייטשן בני דת משה" און האבן ניט געוואלט אנערקענען קיין שייכות צו אידישער פאלקסטימלאכקייט און גלויבן. דייטשלאנד איז געווען זייער פאטערלאנד, זייער גן־עדן און בערלין — זייער ירושלים. זיי פלעגן דע־ריבער ניט קענען דולדן די שיבת־ציון־באוועגונג, וועלכע איז אריינגע־בראכט געווארן הויפטזאכלאך דורך די אסט־אידן און יעדער געדאנק וועגן ארץ־ישראל איז זיי געווען פרעמד און איבערדריסיג, עס האט אנ־געריירט דעם פאטריאטיזם צו דעם דייטשן פאטערלאנד. אט־דער ביטע־רער טעות האט שפעטער געקאסט בלוטיגע רבי־געלט . . .

דער טעם פון נייעם לעבן

רייצנדיג און דופטיג שפרייט זיך אין שאטן פון געדיכטעביימער די פרעכטיגע בערלינער גאס, די וואונדערבארע פראמענאדע „אינטער דען לינדען". אין שכנות געפינט זיך דער בערלינער אוניווערזיטעט און אט־די גאס איז, סימבאליש, דער וועג צו דעם טעמפל פון חכמה און וויסנשאפט, וואו עס ווערט געשמידט דער גייסט פון דער דייטשער קולטור.

האנס האט ניט געוואלט זיין אין דעם אינטערנאט פון אוניווערזי־טעט, בכדי ער זאל זיך ניט ווארפן אין אויג און עס זאל אמאל ניט אויפ־

געדעקט ווערן זיין וואוין־אָרט אין אַן אויספאָרשונג פון דער היים. ער האָט געדונגען פאַר זיך און רייזעלען אַ שיינע וואוינונג אין דער פּרעכ־טיגער געגנט פון „אונטער דען לינדען" וואו ער האָט איינגעאָרדנט אַ זיסע, האַרציגע היים. ער האָט פאָרגעזעצט זיין שטודיום אין אוניווער־זיטעט. פון אָנפאַנג האָט האַנס געהאַט מיט זיך געלט וואָס ער האָט נאָך אָפּגעשפּאָרט פון זיין שטעלע און פאַרדינסטן אין פוילן, אָבער ביס־לאַכווייז איז דאָס געלט אויסגעגאַנגען. האַנס האָט שוין געדאַרפט אַליין אָנפאַנגען פאַרדינען, אָבער דאָס וואָלט אים געשטערט אין זיין שטודיום.

די וואוינונג פון רייזעלע און האַנס אין
דער געגענט פון „אונטער דען לינדען"

די געטרייע רייזעלע האָט אים אָבער געוואָלט געבן אַלע באַקוועמלאַכ־קייטן און זי האָט זיך אַליין איינגעשפּאַנט אין יאָך. זי האָט געקענט פיין דייטש, געווען אינטעליגענט און פלייסיג און זי האָט געפונען באַשעפטי־גונג, מאַכנדיג אַ לעבן פאַר זיך און האַנס'ן און געבנדיג אים די געלעגנ־הייט פון אומגעשטערטער בילדונג.

דאָס לעבן צווישן רייזעלען און האַנס'ן איז געווען אידיליש. זיי האָבן זיך ביידע גוט פאַרשטאַנען און אַלץ מער אַריינגעטיפט אין דייי־טשער קולטור. רייזעלע איז געוואָרן אַ דייטשע פּאַטריאָטין און האָט זיך גאָר פאַרגעסן וועגן דער היים, וועגן איר לאַנד, שטעטל, משפחה. אַלץ אין איר האָט געאָטעמט מיט דייטשטום. זי האָט זיך געפילט שטאָלץ, וואָס זי איז אַנגעשלאָסן אַן קולטורעלן פאָלק.

מערקווירדיג, אָבער, אַז נייע ווינטן האָבן אָנגעהויבן בלאָזן אין דייטשלאַנד. צעבלאָזן גלייך נאָך דער מלחמה דורך דעם עסטרייכישן דעמאַגאָג, דעם מאָלער־יונג און ווילדסטן טיראַן פון אַלע דורות און צייטן, אַדאָלף היטלער, האָבן ווינטן פון אידן־האַס און רעוואָלט געגן דער מאַכט אָנגעפאַנגען צו פאַרפעסטן די לופט, אָנגעפאַנגען אין מינכען, דורך דער פראָווינץ פון בייערן, האָט זיך די מגפה פאַרשפּרייט איבער דעם גאַנצן לאַנד. „יודע, פערעקע" — איז געוואָרן דער בלוטיגער שלאָגוואָרט פון דער נייער פאַרטיי, וועלכע האָט זיך אַ נאָמען געגעבן נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן, בלוטיג באַוואוסט אונטער דעם העסלאכן נאָמען „נאַציס". אין זיין דראַנג צו מאַכט האָט דער ווילדער מאַניאַק, דער שרעקלאכסטער געגנסטער אין דער געשיכטע פון קרימינאלע רעקאָרדס, ארויפגעפאָרן אויף דעם אידישן פערדל מיט א בלבול, אַז די אידן זיינען די גרעסטע שונאים פון דייטשלאַנד און זיי זיינען שולדיג אין הערשענדיגן קריזיס, אין דורכפאַל פון דער מלחמה און אין דעם פאַרעטערישן ווערסאלער פרידן. אידישער באָלשעוויזם וויל פאַרכאַפּן די וועלט־מאַכט און דעריבער מוט אָט־די ראַסע אָפּגעווישט ווערן פון דער ערד. שטאָף פאַר דעם בלבול וועגן אידישע וועלט־מאַכט אַמביציעס האָט היטלער געשעפּט פון די שענדלאכע „פּראָטאָקאָלן פון זקני־ציון", וועלכע זיינען אויסגענוצט געוואָרן פאַר אַנטיסעמיטישער העצע.

היטלער האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דער אידן־פראַגע, וועלכע איז שטענדיג דער שעיר־לעזאזל צו רעכטפערטיגן קרימינאלע־אַקטן און צו פאַרדעקן שענדלאכע כוונות. דאָס איז דאָך די ליניע פון שוואַכסטן ווידערשטאַנד, דער לייכטסטער וועג צו מאַכט. זיין גיפט האָט ער איבערגעגאָסן אין די נשמות פון דער דייטשער יוגנט, אָרגאַניזירט אין שטורם־טרופּן און אין דעם האַרץ פון דעם דייטשן פאָלק. ער האָט אַפילו אויפגעוועקט דעם אַלטן בלבול פון עלילת־דם אויף פסח און געהעצט געגן אידן. דער סם אין דייטשע הערצער האָט פיל מאָל אַרויסגעפּראַלט און געפּלייצט מיט טייכן אומשולדיג אידיש בלוט, פאַרגאָסן ביי רייאָטן אין פאַרשיידענע געגנטן פון דייטשלאַנד.

דער געפערלאכער באַציל פון ראַסן־האַס האָט זיך אויך אריינגעכאַפּט אין די אוניווערזיטעטן און האָט דערגרייכט אויך צו דעם בערלינער טעמפּל פון וויסנשאַפט. אומעטום זיינען געגרינדעט געוואָרן אקאַדעמישע גרופּן פון דער נאַצישער פאַרטיי, וועלכע פלעגן אַריינציען אַלץ אַ גרעסערע צאָל סטודענטן. דאָס פאָלק, די זיכערהייטס־מאַכט, די פּאָליציי איז מיטגעריסן געוואָרן מיט דעם נייעם שטראָם. די מאַסנאַמען פון דער רעגירונג האָבן זיך אַרויסגעוויזן זייער שוואַך. אידיש לעבן, האָב און גוטס איז געוואָרן הפקר. דער שטילער האַנס איז אויך מיטגעריסן געוואָרן מיט דעם שטראָם. עס האָט אים, דעם הונדערט־פּראָצענטיגן דייטש, גענומען אימפּאָנירן די לערע וועגן „הערן־פאָלק" און „העכסטער אַרישער ראַסע". דער לאָזונג פון „העיטע דויטשלאַנד, מאָרגן —

די גאנצע וועלט", איז אים זייער געפעלן געווארן. אט דער פריידיגער פון ברידערלאכקייט פון פעלקער האט אנגעהויבן גלויבן אין דער אויסדערוויילטקייט פון דייטשטום, פון דעם איינציגן נארדישן שטאם און אין דער נידעריגקייט פון אנדערע ראסן, דערונטער די אידישע.

אן איבערקערעניש איז פארגעקומען אין האנס' מוח און הארץ. ער איז געווארן אלץ נעענטער צום נאציזם און ווייטער פון זיינע פריערדיגע דעמאקראטישע איבערצייגונגען, וועלכע זיינען, לכתחילה, בלויז געווען א פוסטע פראזע, א קארטן־שטיבל, צעווארפן דורך דעם בלאז פון די נייע ווינטן.

האנס האט אנגעפאנגען צו קוקן אויף רייזעלען פון אויבן אראפ. ביי שמועסן פלעגט ער איר אפט פארווארפן, אז זי איז א יודין, פון א נידעריגער ראסע און אז זיין מיינונג איז מאסגעבנד. זייער לעבן האט זיך אנגעהויבן צו ברעכן און רייזעלע האט שוין אנגעפאנגען צו פילן דעם ביטערן טעם פון נייעם לעבן; זי האט אנגעפאנגען צו טרינקען טראפן ביי טראפן דעם בעכער פון גיפט און גאל.

געוואלד!

דאס איז געווען ראש־השנה און אט־דעם טראגישן פארכטיגן טאג וועלן בערלינער אידן שטענדיג געדענקען. א פאניק איז באפאלן די אומשולדיגע קרבנות פון נאצישער פוריע. גייענדיג פון די שולן, שפאצירנדיג אין די גאסן זיינען זיי ווילד אטאקירט געווארן און זיינען מערדערלאך צעשלאגן געווארן פון די כוליגאנעס, וועמעס בעסטיאלישע אינסטינקטן האבן געפונען א הכשר אין היטלער'ס גיהנום־בוך „מיין קאמף". פריש־צאפלדיג בלוט האט געשפריצט און דער נאצישער המון האט זיך געלאזט וואוילגיין איבער אידישע קעפ און אידיש פארמעגן. די רייכערישע צושויער האבן געהאט א פיקאנטן דריטן ספעקטאקל פון הפקרות איבער צושלאזע מענטשן אין מיטן טאג ביי דער שיין פון זון.

און פון די פארוואונדעטע מענער, פרויען און קינדער, פון די צערויבטע געשעפטן און צעפלינדערטע הייזער, פון די גלאזווארג אין די גאסן האט געשריען דאס אלטע, אידישע „געוואלד!" מאדנע גלגולים האט שוין אט־דער אלארם פון אידישן צער דורכגעמאכט. מען האט אים געהערט אין שפאניע ביי די עשאפאטן, מען האט אים געהערט אין רוסלאנד ביי די פאגראמען אונטער דעם בלוטיגן רוט פון כמעלניצקי, מען האט אים געהערט אין בערדיטשעוו און קישיניעוו, אין ווילנע און אין פשיטיק. ווי א טרייער באגלייטער איז ער מיטגעגאנגען מיט דעם געפייניגטן פאלק אין אלע צייטן און דורות און געבראכט פאר אידן און פאר דער וועלט די שטים פון אונזער פארצווייפלונג און עלנט, דעם קול, וועלכער ווערט אבער אלעמאל פארטויבט ווי אין א מדבר. איצט האט אים געהערט די מאדערנע בערלין, געהערט און — געשוויגן. און צוזאמען מיט דעם דורות'דיגן געוואלד, אין וועלכן עס האט געדונערט דער

פיין און פראָטעסט פון אַן אומה, געשפּאָלטן אַלע זיבן הימלען און געמאָנט גערעכטיגקייט, איז געקומען דער צוויטער אויסדרוק פון אידישער עת־צרה, דער אייביגער „שמע ישראל”, אַ שפּרוך, מיט וועלכן דורות האָבן געהייליגט זייער לעבן אין די־לעצטע מינוטן פון גסיסה על קדוש השם, אַ שלאָג־וואָרט פון אומדערברעכלאכן בטחון און מוט.

אייביגער אידישער וועה־געשרעה.

אָט אַזוי האָט דער זינדיגער נאַצישער המון געפּייערט דעם נצחון פון זיין פּאַרטיי מיט אידיש בלוט, מיט אידישע קעפּ. די ווערטער פון „ונתנה תוקף” — „מי ברעש” האָבן געפונען זייער פּשט אין דעם שרעקלאַכן ראש־השנה פּאָגראָם אויף קורפינסטענדאם.

רייזעלע האָט געגרוילט פון דעם באַרבאַריזם, וואָס דער צעיושעטער המון האָט אַרויסגעוויזן. זי האָט געבראָכן מיט די הענט אויף דעם אומגליק, וועלכער האָט געטראָפן די אומשולדיגע אידן. אין אַ געשפּרעך מיט האַנסן האָט זי אָנגעגריפן דאָס דייטשע פאָלק און געזאָגט, אַז בלויז רוצחים קענען אַזוי האַנדלען.

— וואַג נישט אַזוי צו ריידן וועגן מיין פאָלק, — האָט האַנס געצאָרנט, — זיי זיינען דייטשן. די אַרישע, ריינע, געזונטע ראַסע, און זייער האַנדלונג דריקט אויס דעם פאָלקס־צאָרן געגן דער אַגרעסיווקייט פון אידן, וועלכע האָבן פאַרכאַפּט אלע וויכטיגע פּלעצער אין דייטשן לעבען. זיי זיינען פּאַראַזיטן, די אידן, זיי זויגן אונזער בלוט, נעמען ביי אונז צו דעם נויטיגן לעבנס־רוים. זיי האָבן עס כשר פאַרדינט.

— האַנס, — האָט רייזעלע געפּלאַטערט פאַר צער און ווייטאָג, — וואָס איז מיט דיר פאָרגעקומען, ביזט דאָך געווען אזוי שטיל און צאַרט ווי אַ שעפּסעלע, און איצט ביזטו בייז ווי אַ וואָלף! ווי קומסטו צו ריידן אַזעלכע ווערטער? געדענקסט ידען ניט אַז דו האָסט געפּרעדיגט גלייכהייט, פרייהייט און ברידערלאכקייט פון אַלע ראַסן, גלויבנס און פעלקער? געדענקסטו דען ניט, אַז דו האָסט מיר אליין אזוי געלערנט?

— פרייהייט, ברידערלאכקייט, אָה! נאַרישע, פּוסטע פראַזן, — האָט זיך האַנס גע׳חכמ׳עט — ווער גלויבט איצט דערין?. איך בין געווען פאַרפירט און אָט האָט דער פירער מיר אויפגעעפנט די אויגן. מיר זיינען אַן אויסדערוויילט הערן־פאָלק און אַלעס איבעריגעס דאַרף צו אונז קניען. צו אונז דארף געהערן די וועלט. אידנטום איז אונזער קאָנקורענט און שונאַ און שטייט אונז אין וועג. ניטאָ קיין צוויי „איבערמענטשן", דער שוואַכער מוז אָפּטרעטן דעם וועג צו דעם שטאַרקערן. די באַשטימונג פון דייטשן פאָלק איז צו שטייגן און פון אידישן פאָלק — צו זינקען און פאַלן. ניטאָ מער קיין שעפּסעלע. אַ וואָלף בין איך, אַ וואָלף וואָס וויל פאַרצוקן, וואָס וויל הערשן מיט ריטערלאכקייט און מאַכט. מיט שווערד און פויסט. די צוקונפט געהערט צו דעם שטארקן און מיר, יונג־דייטשלאַנד, זיינען עס.

די ווערטער האָבן זיך, ווי שוואַרצע קראָען, אַראָפּגעלאָזט איבער רייזעלעס קאָפּ און געצופּט, געביסן, געווייטאָגט.

— הייסט דאָס אַז אַלץ איז בלויז געווען אַ מיראַזש, בלויז פראַזן און איך, אין מיין נאַאיווקייט, האָב געגלויבט און געהאָפט, געבויט שלעסער אין דער לופט, געטרויט אין מענטשלאַכקייט, ערלאכקייט אָנשטענדיגקייט.

— דאָס האָט ניט, אלנפאַלס, צו אונז, — האָט איר האַנס איינגענומען, — זאָרגט ניט, דו ביזט ניט אין געפאַר ווייל מיר ליבן איינע די אַנדערע ביי אונז גייט אַראָפּ די פראַגע פון פאָלק און גלויבן. דו ביזט אונטער מיין שוץ און קיין בייז וועט דיר ניט טרעפן.

— אָבער ווי קען איך ליבן דעם שונא פון מיין פאָלק, ווי קען איך, ווי קען איך, — האָט רייזעלע ספּאַזמאַטיש געוויינט.

און אין איר היסטאָריקע האָט זי זיך אָנגעשלאָסן אָן דעם „געוואַלד״ פון איר אומה, געוואָרן נעענטער צו אירע געפייניגטע ברידער, נעענטער דורך שווערע רבי־געלט, דורך צעטראָטענער ווירדע און גייסטיגע יסורים . . .

אינטריגעס, פייער און שווערד

מיט די שטייגנדיגע נצחונות פון דער נאַצי־פּאַרטיי האָבן זיך אַלץ געדיכטערע וואָלקנס פאַרצויגן איבער דעם הימל פון דעם אידישן קיבוץ אין דייטשלאַנד.

און אָט איז אָנגעקומען דער בלוטיגער טאָג פון דעם 27טן פעברואַר, 1933, וועלכער האָט מיט זיך געבראַכט אַ שרעקלאכן קראַך אין דעם פּאָליטישן לעבן פון לאַנד. די ריזיגע פייער־צונגען האָבן ארומגעהילט דעם רייכסטאַג אין אַ מורא׳דיגער שריפה און אין דעם רויך פון



דער „רייכסטאַג״ אין פלאַמען.

די פאַרבערענטע זאַלן האָבן שוין אָנגעפאַנגען צו פאַרשווינדן די לעצטע שפּורן פון אַמאָליגן דייטשלאַנד. דער נאַצישער שטיוול האָט פעסטער געדריקט דאָס האַלז פון פאָלק און אויף די חורבות פון דעמאָקראַטישן פּאַרלאַמענט האָט זיך געהויבן דער העסלאַכער פּאָליטישער מאָנסטער פון אונזער צייט, — דאָס דריטע רייך.

היטלער האָט אויסגענוצט דעם טייוולאָנישן שפּיצל, וועלכן ער האָט אַליין צוגעשפּילט, געפּלאַנט און דורכגעפירט. דאָס איז געווען אַ גינסטיג געווער אין זיינע בלוטיגע הענט צו רייצן די מאַסן געגן אידן און קאָמוניסטן מיט דעם בלבול, אַז דאָס איז זייער שטיקל אַרבעט. ווי דער אַלטער נעראָן, ביי דער שרפה פון רוים, אַזוי האָט דער איצטיגער דייטשער רוצח געזעטיגט זיין סאַדיסטישן לוסט נאָך בלוט און קרבנות ביי דעם גלי פון רייכסטאַג. צווישן קויל און אַש האָט ער געפּלאַסטערט דעם וועג צו מאַכט.

אַלס דאַמאָלסטדיגער קאַנצלער, נאָמינירט דורך פּרעזידענט הינדענבורג צוליב די כסדר׳דיגע זיגן פון דער נאַצי־פּאַרטיי, האָט זיך היטלער אַלץ שטאַרקער פאַרפעסטיגט אין אַמט און ענגער צוגעדריקט דעם סצעפּטער פון מאַכט. ער האָט אַרויסגעגעבן דעקרעטן פון צענזור איבער דער גאַנצער פּרעסע, פאַראָרדנט מאַסן־אַרעסטן אין צוזאַמענהאנג מיט דעם טריבונאַל־געריכט איבער די כּלומרשטע, קאָמוניסטישע צינדער פון רייכסטאַג, און שוין ביי דער זעלבער געלעגנהייט אויפגעבלאָזן זיין וויסטן צאָרן צו די אידן, וועמען ער האָט אויך חושד געווען אין אַ האַנט אין שרפה.

פּאָגראָמען, גזירות און קאָנפיסקאַציע פון פאַרמעגן — אָט דאָס זיינען געווען די רעזולטאַטן פון היטלער׳ס געיעג אויף אידן. עס זיינען אויך באַזייטיגט געוואָרן פון זייערע פּראָפעסיעס די פּראָמינענטסטע אידישע געלערנטע, דאָקטוירים, אינזשיניערן, אַדוואָקאַטן. אידישע געשעפטן זיינען איבערגעגעבן געוואָרן אין ארישע הענט און זייערע באַלעבאַטים זיינען פאַרשלעפּט געוואָרן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן. די מיסטעריעזע פאַרשווינדונג פון טויזנטער אידן אין שלייער פון דער נאַכט זיינען געוואָרן אַ שטענדיגע דערשיינונג. שטורם־טרופּערס פלעגן ארויסשלעפּן פון די בעטן צעשראָקענע אידישע בירגער און פאַרשלעפּן זיי אין פאַרמאַכטע טראָקס אין אומבאַוואוסטע ריכטונגען, ווי שוצלאָזע שאָף צו דער שחיטה. אין איינציגע טעג שפּעטער פלעגט די אומגליקלאכע פאַמיליע באַקומען אַ קעסטעלע אַש, אַלס טראַגישן סואווענير און בלוטיג אָנדענק פון זייער ליבסטן און בעסטן. אידיש׳ע קינדער זיינען באַליידיגט און געשלאָגן געוואָרן אין די שולעס דורך זייערע קריסטלאכע חברים, ווי אויך דורך די פּראָפעסאָרן און דערצו פאַרבאָטן געוואָרן אַריינצוקומען צו די לעקציעס. אין די שטאַטישע פּאַרקן האָט מען פאַר אידן אָפּגעגרעניצט ספּעציעלע בענק, לויט דעם פּראָצענט פון דער אידישער באַפעלקערונג און געמאָלט זיי אויף געל, דעם שאַנד־פלעק פון דער ני־

דעריגער, אידישער ראַסע. אידן האָבן געמוזט טראָגן אַ געלן ארם־באַנד מיט דעם מגן־דוד, אלס צייכן פון זייער פאָלק.

אין אָקטאָבער 1935 זיינען אַרעסטירט געוואָרן די פירער פון דער אידישער רייכספאַרטרעטונג, פרעזידענט־ראַבינער לעאָן בעק און פאָר־זיצער דר. אָטאָ הירש, אונטער דער באַשולדיגונג, אַז אין זייער יום־כפור „מעסעדזש" האָבן זיי געבראַכט צום אויסדרוק אַנטי־רעגירונג געדאַנ־קען. אין 1936 איז געגרינדעט געוואָרן דאָס אידישע געטאָ אין בערלין און אידן זיינען פאַרשטויסן געוואָרן אין די ענגע ד' אמות פון א קליי־נעם קוואַרטאַל. שפּעטער צו האָט די מאַכט פאַראָרדנט, אַז יעדער איד מיט אַ דייטשן נאָמען זאָל האָבן דעם פאָרנאָמען „ישראל" פאַר מענער און „שרה" פאַר פרויען, אַלס קענטניש־צייכן פון זייער ראַסע.

אַ איד געטריבען אין בערלינער געטאָ אַריין

אָט אַזוי איז דורך אינטריגעס, פייער און שווערד געקומען צו דער מאַכט דער שרעקלאכער פראַנקענשטיין פון אַלע צייטן און דורות, די גיפטיגע שלאַנג, אַדאָלף היטלער מיט זיין געגג, וועלכע האָבן זיך פאַרוויקלט אַרום דעם האַלז פון דעם פאָטערלאַנד, פון דעם אידנטום און פון דער גאַנצער וועלט.

בלוט און ראַסן־שאַנדע

האַנט־אין־האַנט מיט דעם פּאָליטישן קריזיס פון דעמאָקראַטישן דייטשלאַנד איז אויך געגאַנגען זיין מאָראַלישע דעגענעראַציע אונטער דער הערשאַפט פון די נאַציס.

אין זיין בוך „מיין קאַמף“, דעם שוואַרצן „אַני מאמין“ פון בלוט און מאָרד, האָט היטלער געוואָרפן די לאָזונג, אַז אַ לאַנד, וועלכע גיט זיך אָפּ אין היינטיגע כאַאָטישע צייטן פון ראַסן־פאַרגיפטונג מיט דער ריינלאַכקייט און קאָנסערווירונג פון איר אייגענער ראַסע, פאַרדינט צו ווערן דער בעל־הבית פון דער וועלט.

די פראַזע איז געפאַלן ווי אויל אויף די רעדער פון די דייטשע נידעריגע אינסטינקטן. פאַרהייליקוידיג זיין ראַסע, דעם נאָרדישן, רייכאַרישן שטאַם, האָט היטלער געשאַפן דעם יחוס פון „הערן־פאָלק“ און עס האָבן ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן אָנגעפאַנגען צו שפּראָצן טעאָריעס וועגן דער העכסטער דייטשער ראַסע.

ראָזענבערג, דער כלומרשטער פילאָזאָף פון דריטן רייך, האָט געשאַפן די ראַסן־וויסנשאַפט אונטער דעם נאָמען „די מיסטעריע פון בלוט“. לויט זיין באַהויפטונג איז נאָר פאַראַן איין אויסדערוויילטער שטאַם אין דער וועלט און דאָס איז דער נאָרדישער, דאָס געביין פון דייטשן פאָלק. די מיסטעריע פון דער דייטשער נאַטור און פולקאָמענהייט איז דאָס ריינע, אַרישע בלוט, וועלכע איז די טרייב־קראַפט פון ענערגיע און דער קערן פון אַלע ווערטן. נאָר דאָס דייטשע פאָלק איז אַ ראַסע פון אויבערמענטשן, פייאיג, באַרעכטיגט און באַרופן צו רעגירן. די גרעסטע קאַטאַסטראָפע פאַר דעם דייטשטום איז דאָס בלוט־געמיש מיט אנדערע ראַסן און הויפּטזעכלאך מיט דער אידישער ראַסע, וועלכע איז נידעריג, געפאַלן און דערצו אַזוי דייטשלאַנדס פאַרביטערטסטער שונא. מען דאַרף דייטשלאַנד אויסרייניגן פון די שפורן און איינפלוס פון דער אידישער ראַסע.

אין איינקלאַנג מיט אָט־דער טעאָריע איז אין נאָוועמבער 1933, אונטער דער אויפזיכט פון דעם נאַצישן פראָפּאַגאַנדע־הונט, מיניסטער געבעלס, געגרינדעט געוואָרן דער אַזוי־גערופענער „רייכסקאַמער פון דייטשער קולטור“, וועמעס אויפגאַבע עס איז געווען צו באַוואַכן די ריינלאַכקייט פון דער דייטשער קולטור און פון פרעמדע, באַזונדערס אידישע איינפלוסן.

לויט אַ רעגירונגס־פאַראָרדענונג האָט מען די ראַסן־טעאָריע אָנ־געפאַנגען צו לערנען אין די אוניווערזיטעטן און די יונגע דייטשע סטו־דענטן זיינען פאַר׳סמ׳ט געוואָרן מיט דער נייער לערע און אויסגעלאָזן זייער איבערפלוס פון דייטשער ענערגיע צו אידישע קעפּ. עס האָבן זיך גענומען מערן די אומרועו אויף די אוניווערזיטעטן און די מערדער־לאַכע אַטענטאַטן אויף אידישע חברים. אין 1932 האָט מען אַפילו צו־ליב אָט־די בלוטיגע ראַיאָטן געמוזט שליסן דעם בערלינער אוניווערזי־טעט אויף 3 מאָנאַטן.

אין לאַנד גופא האָט זיך די ראַסן־פּעסט בליץ־שנעל פאַרשפּרייט און געפונען איר אויסדרוק אין גוואַלדטאַטן אויף אידן, אָבער אויך אַריער האָבן ניט אויסגעמיטן זייער שטראָף פאַר באַרירונג מיט אידן. עס איז געוואָרפן געוואָרן דער לאָזונג, אַז יעדער קלענסטער קאָנטאַקט מיט אידן איז באַהאַנדלט אַלס ראַסן־פאַרשוועכונג.

אין דעם ליכט פון אַזאַ טעאָר־יע איז שוין במילא אַראָפּ די אידן־פראַגע. אין אַן אָרדער צו ליקווידירן די „ליג פון דייטשן פון אידישן גלויבן” האָט די רעגירונג מאָטיווירט, אַז דער פאַראיין האָט שוין ניט קיין עקזיסטענץ־באַרעכטיגונג. ער איז לכתחילה געגרינדעט געוואָרן צו ווערן זיך געגן אַנטיסעמיטיזם. איצט אָבער, ווען דער פּרוביר־שטיין פאַר בירגערטום, רעכט און שוץ אין לאַנד איז בלויז „ראַסע און בלוט” איז שוין קיין אידן־פראַגע ניטאָ. אידן זיינען אויסער דער פּראָ־טעקציע פון געזעץ, שוצלאָז, הפקר.

די שפּיץ פון אכזריות האָט די ראַסן־באַוועגונג דערגרייכט אין די טרויעריג־באַרימטע נירענבערגער געזעצן פון 1935, וועלכע האָבן צווישן אַנדערע באַרירט די פראַגע פון „ראַסן־שאַנדע” און געגעבן אָט־דעם וואָרט זיין ריכטיגע אויסטייטשונג. עס איז אַ פאַרברעכן צו האָבן באַציאונגען מיט אַן אידן, מאַן אָדער פרוי, דורך הייראַט, ליבע אָדער געזעלשאַפטלאַכן קאָנטאַקט. די נאַציס ווערן דערמוטיגט איבער־צערייסן זייערע הייראַטס־בונדן מיט אידישע פרויען אָדער מענער און אַרויסוואַרפן זיי פון זייערע היימען. עס איז אין אינטערעס פון ריינער בלוט, פון דייטשן אינטעגראַלן באַשטאַנד, פון פירער און פון דריטן רייך.

האַנס האָט אויף דער אוניווערזיטעט אַריינגעזאַפּט אין זיך דעם גאַנצן גיפט און איז אַלץ מער און מער דורכגעדרונגען געוואָרן מיט די נייע געדאַנקען. ער האָט זיך שוין פאַר דער צייט אָנגעשלאָסן אין די שטורעם־טרופּער רייען, גע׳חבר׳ט זיך מיט די ווילדע יונגען פון דער פאַרטיי און אַוועק אין זייערע קרומע וועגן. ער האָט פאַרנאַכלעסיגט דעם שטודיום, געזויפט און גע׳שיכור׳ט און פלעגט קומען אהיים אָנגע־טרונקען און וואַקלענדיג זיך פון די פיס. אין אַזאַ צושטאַנד פלעגט ער זיך שפּעט אין דער נאַכט אַריינוואַלגערן אין הויז. רייזעלע האָט אים גע׳מוסר׳ט, אָבער עס האָט ניט געהאָלפן. פאַרקערט, ער איז גע־וואָרען פרעך און אָנגרייפעריש. ער פלעגט זיך בייזערן אויף איר.

זידלען, קלאַפּן מיט די פויסטן אין טיש און דאָס ווילדע כעס פּלעגט זעצן פון זיין מויל: „נידערטרעכטיגע יודין, ווי וואַגסטו מיר צו לערנען, דעם דייטש, דעם זון פון אויסדערווייילטן נאָרדישן שטאַם. אין מיר רינט דאָך דאָס ריינע, אַרישע בלוט און דו, טאָכטער פון שמוציגן פאָלק ישראל, ביזט דאָך אַזוי געפאַלן, אַזוי קליין און פאַרדאַמט”.

רייזעלע האָט געקוקט אויף דעם צונטער־רויטן נאַצי אין יוניפאָרם מיט דעם פינצטערן האַקנקרייץ אויף דעם אָרעם. פאַרשוואונדן איז דער שטילער דייטשער לערער פון פוילישן שטעטל מיט זיינע צוקער־זיסע פראַזן וועגן גלייכהייט פון בלוט, וועגן מענטשלאַכקייט און אַלגעמיינעם גליק. עס האָט זיך אַנטהילט די ווילדע בעסטיע אין איר בלויזער נאַקעטקייט.

— האַנס, וואָס איז געשען מיט דיר? געדענקסטו דען ניט אונזערע שמועסן אין דעם וועלדל הינטער אונזער שטעטל אין פוילן? האָסט מיר פאַרזיכערט, אַז בלוט, דאָס רויטע בלוט פליסט אין אונז אַלעמען גלייך און מאַכט אונז פאַר קינדער פון דער מענטשלאַכער משפחה. געדענקסטו דען ניט, אַז דו האָסט מיר געפּריידיגט דעם אָנקום פון אַ בעסערן מאָרגן, ווען אַלע פעלקער, דייטש און איד, וועלן לעבן בשלום? איך האָב דיר געגלויבט, אַזוי ערלאָך געגלויבט.

— גלייכהייט, ברידערלאַכקייט, געמיינזאַמער בונד פון בלוט, — דאָס איז אַלץ נאַרישקייטן, דומהייטן — האָט זיך האַנס געקאָכט — ווער גלויבט איצט דערין? איצט האָבן מיר איין פאָלק, איין רייך און איין פירער. ווילסט איך זאָל זיין גלייך צו דיין נידעריגן שטאַם, צו דיין שמוציגן חסידישן טאַטן אין דער לאַנגער קאַפּאָטע און פאות, צו דעם קרעמערישן, שוואַכן פאָלק ישראל. אָה! ניין! דאָס וועט קיינמאָל ניט געשען..

דער האָגל פון באַליידיגונגען האָט זיך ווי קלעפּ פון אַ האַמער אַראָפּגעלאָזט איבער רייזעלעס קאָפּ. זי האָט זיך אַליין ניט געגלויבט, אָבער דאָס איז דאָך געווען דער ריכטיקער, נאַקעטער אמת. אָט דאָס איז דער לוין פאַר איר טרייהייט, פאַר איר אַנטלויפן פון דער היים, פאַר איר פאַרראַט פון אידנטום צוליב אַ זינדיגן דייטש. דערויף האָט זי דאָס אַזוי שווער געאַרבעט און געגעבן האַנס'ן געלט אויף שטודירן אין אוניווערזיטעט, בכדי ער זאָל זיך אויסלערנען די שענדלאַכע ראַסן־תורה. יאָ, ער האָט זי אויסגענוצט, דער פאַראַזיט, און ער צאָלט איר איצט אָפּ אַזוי געמיין, אַזוי ריכטיג.

לומפּ! — האָט רייזעלע אַרויסגעשריען אין גרויל פון איר פאַרצווייפלונג, פון וועלכער זי האָט זיך שוין ניט געקענט באַהערשן.

האַנס האָט זיך צעהיצט ווי אַ ווילדע חיה. די אויגן זיינען ביי אים פאַרלאָפן מיט בלוט און פון די נאָזלעכער האָט געיאָגט אַ זודיגער אָטעם. ער האָט אָנגענומען רייזעלען ביי דעם אָרעם. אַ שליידער געטאָן פון זיך ברוטאַל און האַסטיג און געוועוועט, ווי אַ ווילדער אָקס:

— אַרויס פון דאַנען, אומפאַרשעמטע. מיר האָבן שוין קיין געמיינזאַמעס ניט. לויט דעם געזעץ בין איך באַרעכטיגט דיר אַרויסצושמייסן. איך, דער ריטער פון נאָרדישן שטאַם, קוק איצט אויף דיר מיט עקל, אויף די, דו נידערטרעכטיגע באַשעפעניש פון דער אידישער ראַסע. גיי צו דיין פאָלק ישראל, טראָג מיט זיי צוזאַמען דעם „קין"־צייכן פון זייער שאַנדע, טייל מיט זיי זייער גורל, אַוועק פון מיינע אויגן, אַוועק פון מיין הויז.

רייזעלע איז געפאַלן אין אָנמאַכט. ווען זי איז געקומען צו זיך איז שוין האַנס ניט געווען.

אין איר קאָפּ איז דורכגעגאַנגען אַ ניכטערער חשבון. יאָ, ער האָט עס געזאָגט און אויך געמיינט. ער האָט מיט איר געהייראַט אויף דעם ציווילן שטייגער און איצט שלײדערט ער זי אַרויס. באַטריגט, אויסגענוצט און אַוועקגעוואָרפן, ווי אַ שמאַטע אויף דעם מיסט. און דער געזעץ איז מיט אים, די וויסנשאַפט איז מיט אים, דער „פירער" — מיט אים. זי האָט דערפילט דעם גאַנצן גרויל פון איר טראַגעדיע. פון איין וועלט איז זי פרייוויליג אַנטרונען, די אַנדערע וועלט האָט איר שענדלאך אַרויסגעוואָרפן און זי איז געבליבן אין מיטן וועג — פרעמד, עלנט, דערשלאָגן . . .

און אָט האָט אין איר אָנגעהויבן אַלץ מער און מער טליען דער באַוואוסטזיין פון איר ביטערן, פאַטאַלן טעות און גרויסן פאַרברעכן, וואָס זי איז באַגאַנגען געגן איר טאַטע־מאַמע, פאָלק און גאָט, און אין אָט־דעם צער און ווייטאָג האָט זי געפילט, אז זי ווערט נעענטער צו דער געפייניגטער אומה, פון וועלכער זי שטאַמט, האַרציגער און צוגעבונדענער. זי האָט באַשלאָסן צו גיין צו זיי, די געשלאָגענע, די פאַרפאָלגטע, אָבער די הייליג אויסגעלייטערטע אין דעם קאַלך־אויוון פון נסיונות, די אייביגע, אייביגע אידן, צוריק צום מקור . . .

די איוב־בשורה

רייזעלע האָט איינגעפּאַקט איר קלומיקל, אָפּגעזעגנט זיך מיט דעם פראַכט און גלאַנץ פון „אונטער־די לינדען", וועלכע האָבן איר געבראַכט אַזוי פיל אומגליק און ביטערע אַנטוישונג און איז אַוועק צו אירע ברידער, אירע פאָלקסגענאָסן פון אידישן שטאַם אין דעם אָרימען אידישן קוואַרטאַל פון בערלין, די „גרענאַדיערשטראַססע". דאָרט האָט זי זיך געדונגען אַ קליין צימערל און געוואוינט פאַר זיך אַליין, געמאַכט א קאַרג, שווער לעבן.

אין איר בענקשאַפט נאָך דער היים און איר געוויסנביסן, וועלכע האָבן איר פאַרצערט, האָט זי זיך באַמיט צו שאַפן כאָטש אַ קליינעם קאָנטאַקט מיט איר שטעטל. דאָס איינציגע וואָס האָט געקענט אַנטהילן

פאַר איר דעם פאָרהאַנג פון איר אַלטער היים, איז געווען דאָס וועכנטלאכע, פוילישע בלעטל, וואָס פלעגט דערשיינען אין שטעטל. זי פלעגט

עס לייענען כסדר, אָבער זינט זי איז דאָ, האָט זי עס ניט באַקומען. איצט האָט זי באַשלאָסן אויסצושאָפן די עטלאַכע פאַרפעלטע יאָרגאַנגען און צו שעפּן פון דעם געדרוקטן וואָרט אַ טראָפּן טרייסט און מוט פון דער היים.

ווי פאַרשטיינערט איז זי אָבער געוואָרן, ווען בלעטערנדיג איינמאָל די פּוילישע צייטונגען פון דער היים, האָט זי זיך אָנגעשטויסן אויף עטלאַכע שוואַרצע, פינצטערע שורות, וועלכע האָבן געגרוילט און געגליווערט דאָס בלוט אין די אָדערן. עס איז דאָרט געווען געדרוקט די טרויעריגע נייעס וועגן איר אַלטן טאַטן, וועלכער איז געשטאָרבן נאָך אַ ביטערער פּאַראַליטישער קראַנקהייט פון צער און פאַרדרוס איבער זיין בת־יחידה, וואָס איז אַנטלאָפן פון דער היים מיט אַ קריסט, אין דעם פאַרכטיגן טאָג פון ראָש־השנה. נאָך איינציגע מינוט פון שטאַרער אומבאַוועגלאַכקייט, איז רייזעלע געקומען צו זיך. זי האָט פאַרשטאַנען דעם רעזולטאַט פון איר שרעקלאַכן שריט און זי האָט געזען, ווי עס ווערט איר אָפגעצאָלט פאַר איר גרויסער זינד. פריער האָט ס׳עס שפּאָט און באַלייידיגונגען, נאָכדעם דאָס אַרויסשליידערונג פון זיין היים, איצט די ידיעה פון טאַטנס טראַגישן טויט. און עס איז נאָך ניט געענדיגט, זי ווייס עס, זי פילט עס מיט אַלע פיבערן פון איר צעטראָטענער נשמה. דער האָגל פון שטראָף וועט נאָך האָמערן איבער איר קאָפּ. זי פאַרדינט עס. גאָט איז גערעכט און זיין משפּט איז גערעכט.

רייזעלע האָט אָנגעפאַנגען צו רייסן די האָר פון קאָפּ פאַר וויטאָג און פאַרצווייפלונג. די איוב־בשורה האָט איר צעשמעטערט ביז דעם גרונט. זי האָט אירע נעגל געביסן, מיט איר קאָפּ די וואַנט געשלאָגן, געיאָמערט ביטערלאַך — אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. די טעמפּע קלעפּ אין וואַנט האָבן אָפּגעהילכט מיט אַ וויטאָגלאַכן עכאָ.

און וואָס וועט איצט ווערן פון דער מאַמען, פון דער איינזאַמער, אומגליקלאַכער מאַמען? . . . רייזעלען האָט עס גענומען ציען אהיים מיט נאָגנדיגער בענקשאַפט. דאָרט, אין דעם חורבן פון אַ פאַרוויסטעטן לעבן, האָט זי געוואָלט אויסוויינען איר צער, אויף דעם קבר פון איר טאַטן זיך אויסשפּרייטן און דורכווייקן מיט אירע טרערן די ערד פון שטעטלשן בית־עולם, וועלכער האָט אַריינגעזאַפּט אין זיך דאָס בלוט און געביין פון דעם אַלטן שוחט.

— אַ יתומה, איינע אליין אין דער גרויסער וועלט, — האָט זי שמערצלאַך גערעדט צו זיך אַליין, — וואָס וועל איך איצט טאָן, וואו וועל איך איצט גיין?

און אַט האָט זי ווידער דערפילט, אַז זי איז דאָך ניט איינזאַם. זי האָט אַ מאַן פאַרלאָרן, אַ היים פאַרלאָרן, אַ טאַטן פאַרלוירן, אָבער — אַ פאָלק געפונען. אין די געבויגענע רוקנס און צעבראָכענע הערצער פון אירע פאַרפאָלגטע ברידער וועט זי געפינען אַן אָנלען איז איר אומגליק. זיי וועלן איר צוטוליען, טרייסטן, העלפן, ווייל אין איר און אין זיי לעבט „דאָס פּינטעלע איד״, דער הייליגער פונק, וואָס קען קיינמאָל ניט אויסגעלאָשן ווערן. רייזעלע האָט אָנגעצונדן אַ ליכט נאָך איר טאַ־

טענס אויסגעלייטערטער נשמה, זיך געזעצט „שבעה" און אין די שאָ־טענס פון טונקעלן צימער אויף גרענאַדיער־שטראַסע האָט געשוועבט דער ליכטיגער גייסט פון אַלטן שוחט, וועלכער איז דאָ אַהער געקומען צו זיין פאַרלאָרענער און צוריק־געפונענער טאָכטער. ביידע, טאַטע און קינד, האָבן פאַרגרייזט און ביטער געצאָלט . . .

דער פּאַטאַלער שאָס

אַזוי האָבן זיך געצויגן שווערע טריבע וואָכן, חדשים און יאָרן אין דעם אידישן קוואַרטאַל, וועלכער פלעגט אָפּט אויפגעשוידערט ווערן פון שרעקלאכע גוואַלדטאַטן, רויבערייען און מאָרדן ביז עס האָט געשלאָגן די צוועלפטע שעה פון חורבן און שחיטה . . . אין דעם בלוטיגן מיטוואָך און דאָנערשטאָג, נאָוועמבער 9 און 10 פון 1938.

אַ פאַרצווייפלטער רעוואָלווער־שאָס פון אומגליקלאכן אינגל, הערשל גרינשפּאַן, געפייערט אין דער פראַנצויזישער אמבאסאדע אין פּאַריז, אויף דעם פערט־ראַנגיגן דייטשן באַאַמטן, ערנסט פאָן ראָטה, אַלס נקמה־אַקט פאַר דער מאַרטירערשאַפט פון זיינע עלטערן — האָט אָפּגעקלונגען מיט דעם הימל־שרייענדיגן פלאקער פון שולן און היימען און מיט דעם שרעקלאכן פּאָגראָמען־געוואַלד איבער גאַנץ דייטשלאַנד.

די ווילדע נאַציס האָבן אויפגעכאַפּט דעם טראַגישן אינצידענט, ווי אַ צוקער־לעקאך, און געלאָזן לויז און הפקר זייערע חיה'שע אינסטינקטן. בערלין, ווין און אַנדערע קיבוצים פון דייטשע אידן זיינען געוואָרן די טעאַטער־בינעס פון אומגעהערטע שחיטות, וועלכע וועלן פאַרצייכנט ווערן אַלס די שרעקלאכסטע אַקטן אין דער קרימינעלער געשיכטע פון רויב און מאָרד.

ווי צעווילדעוועטע טיגערס האָט זיך דער המון געלאָזן אויף די שוצלאָזע, אומשולדיגע אידן. דאָס געוויין פון די קליינע קינדער, די היסטעריקע פון פרויען און דער גסיסה־געשריי פון זקנים האָבן זיך אויסגעמישט מיט דעם קראַך פון אידישע היימען און כוליגאַנישע אויס־רופן פון די צעיושעטע גענגסטער. דאָס גערוך פון פריש בלוט האָט זיך צעטראָגן צוזאַמען מיט דעם אַראָמאַט פון פּערפיום, וועלכער איז געראַבירט געוואָרן פון אידישע קאָסמעטישע געשעפטן, אַ טייוולאָנישע קאָמבינאַציע פון ריחות . . .

אָט־דער גרויזאַמער ספּעקטאַקל איז אילומינירט געוואָרן דאָס מאָל מיט אייגנאַרטיגע פאַקלען, מיט די פייערדיגע צונגען פון 500 פאַר־ברענטע שולן אין גאַנץ דייטשלאַנד. מיט רויך און פלאַמען זיינען אָפּ־געווישט געוואָרן די שטאָלצע פאַסאַדן און ציילן פון דייטשלאַנדס שענסטע געטלאכע טעמפּלען און בתי־מדרשים. אויף קויל און אַש זיינען פאַר־שרפה'עט געוואָרן די אָרטאָדאָקסישע עדת ישראל שול, די באדען־באדען שול, די אָראַניענבורגער שול, די שול פון פרינצרעגענטענשטראַסע און נאָך און נאָך שולן אין בערלין און איבער דעם לאַנד. די רבנים אליין האָבן געמוזט צינדן דאָס פייער און חרוב מאַכן די בימות, פון וועלכע זיי האָבן געפּריידיגט דאָס געטלאך וואָרט. ספרי־תורות זיינען עפנט־

לאַך געשענדעט און פאַרברענט געוואָרן און עס האָט דערמאָנט די צייטן פון חורבן בית־המקדש, ווען טיטוס האָט געטראָטן דאָס אידישע הייליג־טום אין אַש און שטויב. מעגלאַך, אַז אויך איצט וואָלטן די פּרוכת'ן געבלוטיגט פון דעם שווערד, וואָס דער נייער טיטוס פון אַדעליגן נאָר־דישן שטאַם האָט. אין זיי אַריינגעשטעקט. וואַרשיינלאַך אָבער איז נאָך די מאָס ניט געווען פול . . .

פּאָליציי איז געשטאַנען פון דערווייטנס און ניט געווערט. פאַר־קערט, זיי האָבן נאָך צוגעהאָלפן. די פייערלעשער האָבן באקומען אַן אָרדער צו פאַרהיטן דעם פייער בלויז פון די שכנות'דיגע בנינים. די שולן אָבער האָבן געקענט אָפּגעווישט ווערן פריי און אומגעשטערט.

אָקטאָבער, 1938, האָט די פּאָליציי אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט, לויט וועלכן אַלע אָסט־אידן מיט געוועזענער פּוילישער בירגערשאַפט מוזן אין איין טאָג פאַרלאָזן דאָס לאַנד און גיין צוריק אין פּוילן. אין געגנ־פאַל, וועלן זיי אַרעסטירט און אינטערנירט ווערן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. עס זיינען אויך גענומען געוואָרן ענלאכע שריט צו פאַרטרייבן אַנדערע אידן פון לאַנד. די מאַכט האָט געמאכט אַלע אַנשטרענגונגען

די בערלינער „אָסט־אידען" ווערען אַרויס־
געיאָגט קיין זבאָנשין, אַלס רעזולטאַט פון
דער גירוש־גזירה .

פאַר אַ מאַסן־גירוש. רייזעלע האָט דורך איר צעשיידונג מיט האנס'ן פאַרלאָרן די דייטשע בירגערשאַפט. זי איז, אַלזאָ, ווידער געווען אַן אָסט־אידין פון דער פּוילישער מדינה. מיט דער פאַרעפענטלאכונג פון אָט־דער גזירה איז זי געבליבן אָן אַ דאַך איבער דעם עלנטן קאָפּ, אָן אַ היים און אָן אַ לאַנד, דערוואַרטנדיג יעדן מאָמענט צו דעפּאָרטירט ווערן פון איר פינצטערן ווינקל אויף דער גרענאַדיער־שטראַסע צוריק

אין דער מדינה, פון וואַנען זי איז אַנטלאָפן, וואו זי האָט הינטער זיך פאַרברענט אַלע בריקן.

די היסטאָרישע פאַרזאַמלונג

דער געמיינזאַמער גורל פון עלנט און נויט, די גע פאַר פון גירוש, וואָס איז געהאַנגען איבער אַלעמענס קעפּ, די רויבערייען און מאָרדן, האָבן איצט צוזאַמענגעפירט צווייטע און צעשפּליטע, אָפּגעשידענע און פאַרפאַרעמדעטע זין און טעכטער פון זעלבן פאָלק, די אַריסטאָקראַטישע דייטשע „יאָהודים", פאַר וועלכע דייטשלאַנד איז געווען ציון און בערלין — ירושלים. דער טרוימער און קעמפער פאַר אונזער אייגענער היימלאַנד אין מזרח, די אָסט־יודען פון פוילן און אַנדערע דערבייאיגע לענדער אין זייערע חסידישע קאַפּאָטעס און קאַשקעטלאַך, די פינאַנסירן און באַנקירן פון „אונטער דען לינדען" און פון דער ווילהעלם־שטראַסע און די פּעדלערס און קרעמער פון גרענאַדיער־שטראַסע — אַלע האָבן זיך דאָ געטראָפן אין דעם אידישן געטאָ צו ליידן צוזאַמען און צו באַקלערן דעם שותפותדיגן שיקזאַל.

אין אַ פאַרבלעבענעם זאַל פון אַ חרובער שול אויף גרענאַדיר־שטראַסע איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ היסטאָרישע פאַרזאַמלונג פון אַלע אידן, וועלכע זיינען געקומען אַהער פון אַלע עקן בערלין. רגיכע אַנצוגן, שניי־ווייסע העמדער, שניפּסן מיט דימענטענע שפּילקעס, פאַרריסענע נעזער און שאַרפע אויגן אין גאָלדענע מאַנאָקלען האָבן זיך געמישט מיט בערד און פאות, חסידישע קאַפּאָטעס און היטלאַך, געבויגענע רוקנס און געהויקערטע גופים. אַלץ איז דאָ געווען איצט אַזוי היימיש, אַזוי אייגעו, נאָענט דורך יסורים און צער. מען האָט באַהאַנדלט די געמיינזאַמע לאַגע און צוקונפט. די פאַרביטערונג פון עלנט און ליידן האָט אַרויסגערופן שאַרפע דיסקוסיעס און געוויינלאַך האָט מען געוואָרפן די שולד איינע אויף די אַנדערע.

„דאָס זיינען די אָסט־יודען שולדיג", — האָט זיך געבייזערט אַ באַנקיר פון ווילהעלם־שטראַסע, — „פאַר אונז איז דייטשלאַנד געווען אַ גן־עדן, אונזער פאָטערלאַנד, אונזער היים. קיין אונטערשייד צווישן איד און קריסט. אונזער גרויסער לערער, מענדעלסאָן, האָט אונז געגעבן דעם שליסל צום גליק, צו אַסימילאַציע מיט דער קריסטלאַכער אומגעבונג, און עס האָט זיך אונז אַזוי גוט געלעבט, ביז . . . די אָסט־יודען האָבן ווי די היישעריקן פאַרפלייצט דאָס לאַנד. מיט זייער פאַרשמאָלצנקייט און שימל, מיט זייער ווילדקייט און באַנעמונג, מיט זייער פאַרוועלקטער אידישקייט האָבן זיי פאַרמיאוסט אונזער נאָמען ביי די קריסטן און אַרויסגערופן אַן עקל צו אונז אַלעמען, און איצט ליידן מיר דערפאַר."

„אומפאַרשעמט!" — האָט זיך געקאָכט אַ חסידישער איד מיט אַ לאַנגער באָרד און פאות, — „דאָס האָט אייך אייער מענדעלסאָן

פון וועג אראפגעפירט. אויס גאט, אויס תורה, רחמנא לצלן. צעמישט זיך מיט די גויים, וועלכע האבן אייך שטענדיג פיינט געהאט. דאס האט אייער הער. נוימאן אין אן ערקלערונג פאר דער קירכן־ציי־טונג „דער קרייץ" געוואגט צו זאגן, אז היטלער איז געשיקט פון דער השגחה און אן אים וואלט געווען א כאאס אין דייטשלאנד. נו, איר זעט שוין, ווי גויים האבן אייך ליב, ווי היטלער האט אייך געהאלפן. אפגעגעבן אלעס, פארקויפט געטלאכקייט, תורה, פאלקסטום פאר א שמייכל פון א גוי, א שמייכל מיט יאשטשערקעס. דאס האבן מיר, מזרח־אידן, דערהאלטן דאס פינטעלע איד אין דייטשלאנד. מיר וויסן כאטש פאר וואס מיר ליידן. מיר וויסן, אז מיר זיינען אידן, דאס פאלק פון אייביגער מארטירערשאפט און פארפאלגונג, דאס פאלק פון דער תורה און דער קרבן פון תליות. איר ליידט טאפלט — מען שלאגט אייך און איר ווייסט ניט פארוואס. היטלער האט אייער געשמדטן עלטער־זיידן פון 4 דורות צוריק געפונען, געוויזן אייך אייער אפשטאם, וועלכער איז צו אייך אליין געווען פרעמד."

„זיי וואגן נאך צו ריידן, די פארעטערישע יאהודים", — האט זיך געאמפערט א יונגערמאן מיט א פאר דיקע אויגן־גלעזער און געדיכטער האר־טשופרינע, — „זיי האבן דאך דאס ווארט ציון פון סידור אויסגעמעקט. ווען אונזערע חלוצים האבן געבלוטיגט אין די בערג פון יהודה און אין דעם עמק יזרעאל, ווען זיי האבן מיט שוויים באפרוכפערט די ערד פון דגניה און נהלל, ווען זיי האבן געבעטן הילף און געלט און מענטשן־מאטעריאל, דאן האבן אט די זאטע „יאהודים" אונז אויסגעלאכט. צו וואס ארץ־ישראל? דא איז אונזער היים; „מה יפית" פאר דעם דייטש איז בעסער ווי א פרייער לעבן אונטער פרייע הימלען. דאס איז געווען א פאלקס־פארראט, און איצט צאלן מיר אלע אזוי בלוטיג."

די דעבאטע האט זיך פארשארפט און געמיטער האבן זיך געהיצט, אבער דא האט א קינדיש געוויין איבערגעריסן דעם טומעל. א מאמע מיט א קינד ביי דער ברוסט האט זיך צוגעשפארט צום טיש און ביטערלאך געשריען:

„אבער, וואס איז דער ענטפער, וואוהין זאלן מיר זיך פארטאהין־טאן, וואו זאל מיין קינד געפינען א ווינקל אונטער דער זון, וואס ווייטער?"

די טראגישע פראגע האט ווידער אויסגעניכטערט און פארברידערט אלע צעקריגטע פארזאמלטע. דער נאקעטער, גרויזאמער גורל איז ווידער געשטאנען פאר די אויגן. וואס זאל זיין ווייטער? רייזעלע איז געווען ביי דעם מיטינג. דער פארביסענער געשפרעך און מחלוקת האט איר צונומען ביזן ביין. זי האט געזען די אידישע טראגעדיע און די צווייטע קללה, דעם אידישן פירוד לבבות, אין

אזא שרעקלאכער און ערנסטער צייט. פאר אירע אויגן האט אויפגעשוועבט איר פריסטע יוגנט, די „החלוץ״־באוועגונג אין שטעטל, פון וועלכער דער טאטע האט איר אזוי אומגליקלאכערווייז אויסגעהיט, דעם דראנג פון דער יוגנט נאך די בערג און טאלן פון דעם היימלאנד. זי האט אין זיך אויסגעקריצט אן אייזערנע דרייסטקייט און שטאלץ, זי — די שטילע און פארליטענע איז איצט געקומען צו זאגן א וואגיגןווארט ביי דעם רעת הקהל; ווי א פארוואונדעטע חיה האט זי זיך אויפגעריסן:

„וואס אמפערט איר זיך, קינדער פון איין געשלאגענער ראסע, וואס דיסקוטירט איר און מאנט אלטע חשבונות? מיר האבן אלע געזינדיגט און מיר לײדן אלע. אויס אונטערשיידן, אויס פריווילעגיעס. מיר אלע טראגן די געלע לאטע און מיר אלע מוזן זוכן איין עצה.

אונזער אויסוועג איז — ארץ־ישראל. דארט, אין מזרח, אונטער די שטראלן פון א פריינדלאכער זון, ווערט פארווירקלאכט די לעגענדע פון אונזער נאציאנאלער אויפלעבונג. אין אקעראייזן און ביקס, אין רידעל און האמער, אין סאכע און שווערד ליגט דער קיום פון פארטיידיגונג, די צוקונפט און זיכערהייט פון ישוב. אין מי און שוויים פון די ארבעטער ווערט געבארן א נײ לעבן פאר פאלק און לאנד, א מדבר ווערט פארוואנדלט אין א וויינגארטן. אונזער איינציגע רעטונג איז, און וועט זיין, ארץ־ישראל. מיר מוזן שווערן טרייהייט צו דעם לאנד פון אונזער צוקונפט. גייט אהין, ווער עס קאן נאר. שטרענגט זיך אן און פארט דארטן. איך וועל אייך אויך נאכפאלגן, ווען די ריכטיגע שעה וועט שלאגן, ווען מיין מיסיע וועט דערפילט ווערן. איצט מוז איך גיין מיט מיינע ברידער אין פוילן, אבער עס וועט נאך אויפשיינען דער מארגנשטערן און מיר וועלן זיך אלע טועפן אויף די בערג פון יהודה וירושלים.״

דאס חסידיש מיידל פון פוילישן שטעטל האט אויסגעזען אזוי באגייסטערט, אזוי דערהויבן, ווי א נביאה וואס ברענגט צו א געפלאגטן קבוץ די בשורה פון גאולה, די וויזיע פון א בעסערן מארגן. עס האט איצט דורך איר גערעדט די פראפעטישע קראפט פון מרים הנביאה, דער שטאלץ און מוט פון דבורה אשת לפידות, דער טאן פון דורות. פאטעטיש און אויסגעלייטערט האט געקלונגען די שטים פון דערוואכטער אידישקייט.

דער זאל האט געשטורעמט פון אפלאדיסמענטן. מען האט זי אויף די הענט געהויבן. אין די שאטנס פון זאל האט בליץ־שנעל אויפגעבלייכט און געלויכטן די בלוי־ווייסע פאן און א פארפייניגטע מאסע פון אויסגעשפיגענע, היימלאזע, דערשלאגענע מענטשן האט געזונגען די ווערטער פון „התקוה״. גרויסהאלטערישע „יאהודים״, פארשעמט און פארלעגן אין זייער זינדיגן באוואוסטזיין פון באגאנגענעם פארברעכן, האבן זיך געקלאמערט מיט די מזרח־אידעלאך,

האנט צו האַנט און אַקסל צו אַקסל, און צוזאַמען געצויגן די טענער פון דעם הימן פון באַפרייאונג — אַ וואונדערבאַרער נס אויף דער גרענאַדיער שטראַסע, אַ געשמעלץ פון ווייטע ברידער אין דעם גע־מיינזאַמען קאָך־קעסל פון צרות.

„אם תרצו — אין זו אגדה״ (אויב איר ווילט, איז עס ניט קיין קיין לעגענדע) — דער אַלטער שלאַג־וואָרט פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג האָט איצט געפונען זיין באַשטעטיגונג אויף דער גרע־נאַדיער שטראַסע.

זבאָנשין — דער יאָמער־טאָל פון עלנט

דער בלוטיגער דעקרעט פון דעם 28־טן אָקטאָבער, 1938, וועגן דעם גירוש פון די מזרח־אידן צו דער פוילישער טעריטאָריע איז ניט פאַרבליבן בלויז אַ בוכשטאַב פון געזעץ און אַ פוסטע פראַזע. דאָס איז געוואָרן אַ פאַקט, באַפוצט מיט די שרעקלאַכסטע גרויזאַמקייטן און מערדערייען. אין דער נאַכט פון דעם 29־טן אָקטאָבער איז דורכ־געפירט געוואָרן אַן אַבלאַווע און פאָליציי האָט צוזאַמענגענומען 16,000 אָסט־יודען, בכדי אַריבערצוואַרפן זיי איבער דער פוילישער גרעניץ. מען האָט זיי דערויף געגעבן אויסווייז־שיינען, ד. ה. דעפּאָר־טאַציע־דאָקומענטן מיט דעם באַפעל פון פאָליציי־פּרעזידענט אין דרעזדען, אַז זיי מוזן באַלד פאַרלאָזן דאָס לאַנד. אַלט און יונג, מאַן און פרוי, קינד און קייט זיינען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון זייערע היימען און מיט זייערע בעביכעס און ביסל אָרימקייט זיינען זיי אַרויפגעלאָדן געוואָרן אין פאַרמאַכטע וואַגאָנען אין דער ריכטונג פון דער גרעניץ־שטאָט צווישן דייטשלאַנד און פוילן, די טרויעריג־באַ־רימטע שטאָט זבאָנשין.

די דאַמאָלסטיגע אַנטיסעמיטישע פוילישע רעגירונג, אין איר אומפאַרגלייכלאַכער פאַרפאָלגונג פון אידן, האָט איבערגעקליגט דייטשלאַנד און איז פאַרלאָפן דעם וועג מיט אַ געזעץ פון דעם 1־טן אַפּריל, 1938, לויט וועלכן אַלע פוילישע בירגער אין אויסלאַנד, וועלכע האָבן ניט אָנגעהאַלטן קיין קאָנטאַקט מיט פוילן פאַר די לעצטע 5 יאָר, פאַרלירן אויטאָמאַטיש זייער בירגערשאַפט און וועלן צוריק אין פוילן ניט אַריינגעלאָזט ווערן.

אין אַזאַ ביטערער לאַגע, אין קלעם פון צוויי אידן־פרעסערישע געזעצן אין צוויי אַנטיסעמיטישע לענדער, האָבן די אידן געמוזט מאַכן זייער גלות־מאַרש קיין זבאָנשין. דייטשלאַנד האָט זיי אַרויס־געטריבן און פוילן האָט זיי ניט אַריינגעלאָזט. זיי זיינען געבליבן אינמיטן, אין יאָמער־טאָל פון היימלאָזיקייט, אין זבאָנשין, אָן אַ מאָרגן, אָן אַן אויסזיכט.

צער איז געווען אויסגעלייגט אויף דעם מענטשן־קאַראַוואַן פון וואַנדערער, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין פרייען פיצל באָדן אונטער



פאַרוואַגעלטע בערלינער „אָסט־אידען״ וואַל־
גערן זיך מיט זייערע בעבעכעס אויף
נאַקעטער ערד אין זבאַנשין.

די פיס. דער גירוש־זבאַנשין וועט פאַרבלייבן אַ בלאַט פון ביטערע צרות אין דער גלות־מאַרטיראָלאָגיע פון אידישן פאָלק.

רייזעלע איז אויך געווען מיט זיי. אַלס אָסט־יודין האָט איר אויך געטראָפן דער זעלבער גורל ווי די איבעריגע 16,000 אידן.

זבאָנשין איז אַ קליין שטעטל אין דער פויזנער וואָיעוואודשאַפט, ביי דעם טייך „אָבער״. אַרום שטעטל געפינט זיך אַ מאָלערישע לאַנדשאַפט פון היסטאָרישע שלעסער, וועלכע דערציילן אין זייער שטומער שפּראַך דעם שטאָלץ פון דורות און די קאַמפן פון קעניגן

און פירשטן. לעבן שטעטל איז אויך פאַראַן אַ ברייטע אָזערע, וואָס ווערט גערופן אויפן נאָמען פון שטעטל.

אויסגעלאָדן ביי די ברעגן פון טייכל און אָזערע, האָבן די אידישע וואַנדערער אויסגעזען ווי יענע וואָגלער פון די ביבלישע צייטן ביי די ברעגן פון די טייכן פון בבל. אַן אַלטער מאָטיוו פון „על נהרות בבל” איז איצט אויפגעשטאַנען תחית המתים אין יאָמער־טאָל פון זבאָנשין, אַ גלגול פון אַ ווייטן גלות, פאַרשלייערט אין דעם גרויל און אומגליק פון נייע צייטן.

עס איז געווען קאַלט און אומהיימלאך. דאָס געוויין פון קינדער, דאָס הוסטן פון קראַנקע, דער קרעכץ פון שוואַכע האָט געשפאָלטן אַלע הימלען. מען האָט אויפגעשטעלט באַראַקן און צווישן שמאַטעס און לעבער געווינטערט דורך די פראָסטיגע און שנייאיגע חדשים.

רייזעלע איז געווען צוזאַמען מיט דעם לײדענדן מענטשלאַכן געזעמל פון אומגליקלאַכע וואַנדערער און האָט געהאָלפן מיט וואָס נאָר מעגלאך. זי האָט זיך באַזונדערס אָפּגעגעבן מיט די קינדער, אָפט געשטעלט דאָס לעבן אין ריזיקע, באַהאַנדלענדיג פאָלן פון טיפוס און אַנדערע עפּידעמישע קראַנקהייטן ביי די קליינוואַרג. זי איז געווען אַ נוירס און מאַמע צו די יונגע קרבנות פון נאַצישן טעראָר.

דער טויט האָט געהאַט זייער אַ גוטן און פעטן שניט אין זבאָנשינער לאַגער. מיט זיין קאָסע פלעגט ער אָפּשניידן צענדליגער לעבנס פון די, וועלכע זיינען ניט געווען שטאַרק גענוג אויסצוהאַלטן דעם הונגער, נויט און קראַנקהייטן.

און אָט איז אין דעם טאָל פון טויט אויפגעקומען אַ ניי לעבן, געבוירן געוואָרן אַ קינד אויף דעם פלאַץ, וואו רייזעלע־האָט געוואוינט. געווען איז עס אַ נעבאַכדיג, אַנעמיש נפשל, געבוירן אויף צרות. זיין וויגעלע האָבן עס געדאַרפט זיין די שמאַטעס און זיין דאַך איבער דעם קאָפּ — דער לעכערדיגער באַראַק. אַ דאָקטאָר צווישן די וואַנדערער האָט אַרויסגענומען דאָס קינד ביי דער געווינערין און עס געבראַכט צו דעם ליכט פון טאָג, און אַזוי האָט נאָך אַ זון פון פאָלק ישראל דערזען פאַר זיך אַ וועלט אין חורבות, אַ טאָג אין שמאַטעס — אַ פאָלק אין טויטלאַכע שמערצן.

דאָס קינד איז טאַקע קירצלאַך נאָכדעם געשטאָרבן. רייזעלע איז געווען אונטער דעם שרעקלאַכן איינדרוק פון דער טראַגישער געשעניש און האָט ביי זיך געשוואוירן, אַז זי וועט מאַכן אַלע ריזיקאַלישסטע שריט און באַמיאונגען צו זיכערן אַ זבאַנשינער קינד די שיין פון דער זון, די פרייהייט פון דער לופט און דעם גענוס פון לעבן. שוין גענוג צו געבוירן קינדער פאַר קרבנות אויף דעם מזבח פון ראַסן־האַס, אויך אַ אידיש קינד האָט דאָס רעכט צו לעבן, וואַקסן און קוועלן אויף גאָטס וועלט.

דער שפּיצל פֿון אַ פּוקס

אַזוי זיינען געגאַנגען וואָכן און חדשים. רייזעלע האָט זיך פאַרהאַרטעוועט אין ליידן, אָבער דורך דער צייט איז ביי איר אַלץ רייפער געוואָרן דער פּלאַן פון נקמה אָן די שונאים און רעטונג פאַר איר געפּייניגט פאָלק. איר שיינקייט האָט איר פֿון אָנפאַנג פאַרפירט פון איר פאָלק, איצט אָבער האָט זי באַשלאָסן צו שטעלן איר שיינקייט, אַט דעם געטלאַכן געשאַנק, גראָד אין דינסט פון איר געפּייניגטער אומה און צו טאָן עס אפילו פאַר דעם פרייז פון איר אייגענעם לעבן. זי מוז אָפּווישן איר גרויסע זינד מיט גוטע, מענטשלאַך־אידישע טאַטן.

„איך קען ניט זיין קיין ליבּ, איך קען ניט קעמפן אויף דעם שלאַכטפעלד", — האָט רייזעלע צו זיך אַליין גערעדט, — „אָבער אַ פּוקס קען איך זיין, אויסקליגן דעם שונא, פאַרפירן אים און העלפן מיין פאָלק. איך וועל דעם מערדערלאַכן פיינט באַקעמפן מיט זיין אייגענעם וואָפן. אָ, ווי הייליג און זיס איז אַ ביסן נקמה!"

רייזעלע האָט זיך דערמאָנט וועגן אַ מיטל וואָס ווערט גענוצט אין דייטשלאַנד צו פאַזירן אַלס ריינער אַריער און זי האָט באַשלאָסן אויסצונוצן דעם שפּיצל געגן דעם פיינט. אין דער ראַסן־טעאָריע און פאַרגעטערונג פון אַרישע שטריכן האָט זיך פאַרשפּרייט אַ געדאַנק, אַז ריין־אַריש איז נאָר בלאָנדהויטיקייט און עס האָט זיך אָנגעפאַנגען, באַזונדערס צווישן די פרויען, אַז עפּידעמיע פון „בליטשן" די האָר. צו דעם צוועק האָט מען גענוצט אַ כעמיש־קאָסמעטישן מיטל, פּאַראָקסייד. רייזעלע האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם געדאַנק, וועלכער האָט אויפגעבליצט אין איר קאָפּ. זי האָט אָפּגעהעלט אירע האָר אויף בלאָנד און פון דער ברונעטער חסידישער טאָכטער איז אַרויסגעקומען אַ בלאָנד־קרויזיגע מיידל, אַ ריכטיגע אַריערין.

דער צווייטער שריט צו דער נעץ איז געווען: דאָס בייטן דעם נאָמען און באַקומען אַ פאַלשן פּאַספּאָרט. אין זבאָנשין איז גראָד געווען אַ פריילין אין רייזעלעס וואוקס און אויסזען, נאָר מיט בלאָנדע האָר. זי איז געווען אַ הונדערט־פּראָצענטיגע דייטשקע אונטער דעם נאָמען טערעזאַ פונקע. טערעזאַ איז יונג געשטאָרבן און רייזעלען איז פאַר אַביסל פון איר פאַרבליבן געלט געלונגען אַרויסצושמוגלען איר פּאַספּאָרט.

רייזעלע, אונטער איר נייעם נאָמען, האָט געמוזט אָנפאַנגען אַ ניי, פאַלש לעבן. זי האָט זיך דערוווייטערט פון זבאָנשער לאַגער, געגומען זיך חברן מיט דייטשן, אויסשרייען „הייל היטלער", שימפּפן אידן און פאַרגעטערן דאָס „דריטע רייך".

אין זבאַנשין האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די גוטע, האַר־ציגע רייזעלע איז שפּורלאָז פאַרשוואונדן. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז זי איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, זיך אַריינגעוואָרפן אין טייך. אַנדערע ווידער האָבן געהאַלטן, אַז זי האָט זיך פאַרסמט. און ניט געדאַכט האָט קיינער, אַז זי לעבט אונטער אַ פאַלשן נאָמען און אַז זי גייט אַרום אין דייטשן לאַגער, אַלס מלאך המות, וואָס לויערט און וואַרט אויף דער געלעגנהייט צו פאַרציען די פּעטליע איבער דעם האַלז פון די הענקער...

שלעסער אויף הימלאַנדס טויערן

אין דער צווישנצייט, ווען רייזעלע איז אַנטרונען פון דער היים און האָט דורכגעמאַכט אַזעלכע ביטערע גלגולים פוןליידן און פּיין, האָט יהודה, דער קלויזניק, פליסיג געאַרבעט אין אָרטאָ־דאָקסישן קיבוץ פון שטעטל, זיך צוגעגרייט פאַר ארץ ישראל אין מי און שוויים פון עבודת פרך און לאַנג, געדולדיג געוואַרט.

עס זיינען אַוועק חדשים און יאָרן און זיין ריי האָט זיך אַלץ ניט דערנענטערט, זיין סערטיפיקאַט איז ניט אָנגעקומען. צוליב די אומרוען אין ארץ ישראל, אין 1936, איז די אימיגראַציע אַהין אינגאַנצן פאַרהאַלטן געוואָרן אויף אַ געוויסער צייט. נאָכדעם, ווען די וועלט איז אויפגעשוידערט געוואָרן פון די טעראָר־כוואַ־ליעס אויף אידן אין דייטשלאַנד און פון דעם טראַגישן גירוש פון דייטשע אידן אויף הויל און הפקר, האָט מען די ביסל סער־טיפיקאַטן אַוועקגעגעבן צו אָט־די אומגליקלאַכע קרבנות. האָט נאָך פאַר יהודהן די גליקלאַכע שעה ניט געשלאָגן.

מיד און דערשעפּט נאָך אַ טאָג פון שווערער אַרבעט פלעגט ער דערקוויקן זיין נשמה אין די הייליגע ספרים, וואָס דער אַלטער שוחט האָט אים געלאָזן בירושה און זיינע טענער פלעגן קלינגען מיט דעם ריטם פון דערוואַכונג און מיט דער מיסטעריע פון איי־ביגקייט. אין די נעכט פלעגט ער חלומען וועגן די פעלדער און וועל־דער פון ארץ ישראל, און וועגן דער אידיליע פון אייגענע שאָף, אייגענעם קאָרן, אייגענער ווירטשאַפט. דער גליק פון דאָרפישער שפע האָט אים געלאָקט. ער פלעגט אָפט טרוימען דערפון, ווי ער שטייט מיט נאָך חלוצים אין דער טיפעניש פון מאַמע ערד ביי אַן אַנטדעקטן וואַסער־קוואַל, וואו עס דאַרף געבויט ווערן אַ ברונעם, און ער זאָגט די ווערטער „ממעמקים קראתיך ד׳״ (פון די טיפענישן

האָב איך דיך גערופן, אָ, גאָט!) מיט אַזאַ אמת און כוונה, וועלכע ער האָט נאָך קיין מאָל ביז דאַן ניט געפילט. ווען ער האָט זיך אָבער אויפגעכאַפּט, איז דער חלום צערונען און געבליבן איז ווייטער די טריבע ווירקלעכקייט פון אַרבעטן און האָפן...

און אָט האָט אַ נאָוועמבער פרימאָרגן מיט זיין שניידיגער קעלט און אומהיימלעכקייט געבראַכט מיט זיך אויך אַ שוואַרצע בשורה, וועלכע האָט ווי אַ דונער געטראָפן דעם טרוימערישן יהודהן. אין אַ ציימונג, וועלכע האָט געגרייכט אין שטעטל, האָט יהודה באַמערקט די קדוש לבנהדיגע אותיות פון אַ פינצטערער ידיעה וועגן דעם אַזוי גערופענעם „ווייסן פּאַפּיר" וועלכער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דעם 9־טן נאָוועמבער, 1938, דורך דעם קאָלאָניאַל־מיניסטעריום פון דער ענגלישער רעגירונג. די גזירה האָט מיטגעטיילט, אַז זיין מאַיעסטעטס רעגירונג, אין אָנגעזיכט פון די אינטערעסן פון לאַנד און בכדי צו שטילן די געמיטער פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג, אויפגערייצט צוליב אידישער אימיגראַציע, האָט באַשלאָסן צו באַגרענעצן די „עליה" אין ארץ ישראל צו 10,000 סערטיפיקאַטן אַ יאָר אין משך פון 5 יאָר מיט אַ צוגאָב פון 25,000 סערטיפיקאַטן פאַר פליכטלינגע און אַז אין פרילינג, 1944, וועט די אידישע אימיגראַציע אינגאַנצן אָפּגעשטעלט ווערן.

יהודה איז דערשטוינט געוואָרן. עס האָבן געקראַכט די לופט־שלעסער פון זיינע האָפענונגען און אַ גיפטיגער שטאָך פון אַנטוישונג האָט געפייניגט דאָס האַרץ. דער גאַנצער ווייטאָג פון פאַרפירטע טרוימען האָט אין אים אויפגעבראַוזט מיט ווילדן צאָרן פון פּראָטעסט. ער האָט בליץ־שנעל צעריסן די ציימונג און מיט דעם פאַרבליבענעם שטיקל, וואו די גזירה איז געווען געדרוקט, האָט ער געפאָכעט אין דער לופטן און געשריען:

„אידן, וואָס שווייגט איר, לאָמיר פּראָטעסטירן, לאָמרי שטורעמען געגן דער ליגנערישער ענגלאַנד, וועלכע צוימט דעם אידישן צוטריט צו די טויערן פון ארץ ישראל און מיסברויכט דעם צוטרוי פון דער וועלט. דערויף אַרבעטן מיר אין שוויים און מי, דערויף האָבן אונזערע ברידער־חלוצים די קעפּ געלייגט אין די נאַכט־וואַכן ביי די בערג און טאָלן פון ציון און ירושלים, דערויף זיינען הונדערטער זין פון אונזער פאָלק אומגעקומען אין די יסורים פון מאַלאַריע אין עמק יזרעל ? ! ניין, מיר וועלן גיין מיט געוואַלד ! מיר וועלן שטורעמען, הימלען שפּאַלטן, וועלטן איינליינגן, ביז וואַנען די גזירה וועט אָפּגעשאַפט ווערן".

אַרום יהודהן, וועלכער האָט גערעדט מיט פּאַטאָס פון פאַר־צווייפלונג און מוט, האָט זיך אויפגעזאַמלט א גרויסער עולם, יונג־ווארג און אַלטע. עס איז געווען א מארק־טאָג און אָט דער אינצי־דענט איז געשען טאקע אין צענטער פון מארק. עס האָט זיך אויפ־געהויבן א גרויסער גערודער. צייגער האָבן געקריצט, פויסטן האָבן זיך געביילט, שטימען האָבן געשריען: „נידער מיט ענגלאַנד, מיר ווילן פרייע טויערן פון ארץ ישראל". אין געזעמל האָט זיך באַלד באַוויזן די בלוי־ווייסע פאָן און דער עולם האָט אָנגעפאַנגען צו זינגען די „התקוה".

מיטאַמאָל האָבן פּאָליצייאישע פייפלעך פארהילכט די לופט. דער עולם איז אויפגעפּאָדערט געוואָרן זיך פונאנדערצוגיין, אָבער די עקסטאַז און דער טומל איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט דעם באַפעל ניט געהערט. עטלאַכע שאָסן אין דער לופט האָבן אויס־געניכטערט דעם צעהיצטן המון, וועלכער איז זיך פונאנדערגעלאָפן אין אַלע זייטן.

יהודה האָט דערפילט דעם שטארקן קלעם פון פּאָליצייאישע אָרעמס ארום זיך. ער האָט פאר זיך דערזען צוויי פּאָליסלייט מיט אָנגעשטעלטע רעוואָלווערן. זיי האָבן אים אָפּגעפירט אין דער קרי־מינאַל־סטאַנציע און פארשפּארט אים אין תפיסה.

אין א קורצער צייט שפּעטער איז פאָרגעקומען דאָס פארהער אין געריכט. גאַנץ שטעטל איז געווען אויף די פיס. קינד און קייט· זיינען געקומען צו דעם משפּט.

יהודה, בלאָס אָבער שטאָלץ און מוטיג, האָט זיך ניט אָנער־קענט שולדיג, ניט געבעטלט קיין רחמים. פאר דעם געריכט איז געשטאַנען יענער אַמאָליגער ספּאַרטאַקוס, דער שקלאַפן־העלד, וועל־כער האָט צעריסן די קייטן פון דינסט. מאַיעסטעטישע זעלבסט־ווירדע האָט געשלאָגן פון יהודהס געזיכט:

„איך האָב עס געטאָן און איך וועל עס טאָן ביי יעדער געלעגנ־הייט" — האָט יהודה אַנטשלאָסן און היציג גערעדט. איך וועל מיט אַלע מיינע מעגלאַכקייטן שטורעמען די טויערן פון ארץ ישראל, וועלכע איז אונזערס, אונזער בלוט און שוויס, און שמייסן אין פּנים פון דער באַטריגערישער ענגלאַנד די שווארצע גזירה פון „ווייסן פּאַפּיר". קיין זאַך וועט מיר און אַנדערע יונגע אידן ניט צוריק־האַלטן פון דעם לאַנד פון אונזערע טרוימען. קיינע שלעסער וועלן ניט צוימען דעם דראַנג פון א פאָלק, וואָס פארגייט אין פּאָגראָמען, עלנט און פּיין. מיר זיינען פארצווייפלט, מיר זינקען אין אונזער

בלוט און פאַרצווייפלונג ווייסט ניט פון קיין געזעצן, פון קיין חשבון, פון קיין קאָנטראָל. איין זאַך איז בלויז פאַראַן — דאָס איז דער גלויבן אין גאָט און דער געזונטער אינסטינקט פון אַ פאָלק, וואָס וויל לעבן גלייך מיט אַלעמען". יהודהס רעדע האָט איבערגעלאָזן אַ טיפן רושם אויף די פאַרזאַמלטע, וועלכע זיינען געזעסן געפּלעפט

אין דרך ארץ און באַגייסטערונג פאַר דעם גרויסן יונגן אידן, דעם זון פון דערוואַכטן פאָלק.

דער געוואַגטער שריט

דער ריכטער האָט אַרויסגעגעבן זיין פּסק־דין. נאָך אַ לאַנגן פּזמון פון פאַרברעכן, וואָס יהודה איז באַגאַנגען, ווי שטערן די עפנטלאַכע רו, אַדרעסירן אַ פאַרזאַמלונג אָן דער דערלויבעניש פון דער

מאַכט, אָנגרייפן אַ פריינדלאַכע מלוכה, איז געקומען די שטראָף: אַ האַלב יאָר תפיסה, קאַלטבלוטיג, מיט דרייסטקייט און ווירדע, האָט יהודה אויפגענומען דעם אורטייל. אונטער אַ שטרענגער פּאָליציי־אישער וואַך איז ער אַרויסגעפירט געוואָרן פון זאַל צו דער תפיסה־קאַמער, וואו ער האָט געדאַרפט אָפּזיצן זיין שטראָף, אויסגעמאָסטן אויף דער וואָג־שאָל פון יושר וצדק.

חברים פון זיין קבוצה האָבן אים געטראָגן כשר עסן לויט אַ דערלויבעניש, וואָס מען האָט פאַר אים אויסגעפּועלט.

אין תפיסה האָט זיך ביי יהודהן אויסגעקריסטאַליזירט אַ דרייסטער פּלאַן, שמוגלען זיך אומלעגאַל אין ארץ ישראל, גיין אַהין טראָץ דעם, וואָס ענגלאַנד באַגרענעצט. ווער וויים, ווען די רייי פון זיין סערטיפיקאַט וועט קומען, און ארץ ישראל איז יעצט אַ טייל פון זיין בלוט און פלייש. ער וועט זיך לאָזן אַהין צום געגאַרטן מזרח, גיין אַפילו פאַר דעם פּרייז פון זיין יונגן לעבן.

ווען ער איז אַרויס פון תפיסה, איז ער שפּורלאָז פאַרשוואונדן; מען האָט ניט געוואוסט, וואו זיין געבליין איז אַהינגעקומען, אָבער זיין האַנדלונג און זיינע איבערלעבענישן זיינען געוואָרן אַ מאָטיוו פון מוט און אויסדויער. יהודה דער אַרעסטאַנט איז געוואָרן ביי דער שטעטלשער יוגנט, באַלד נאָך זיין פאַרשווינדן, אַ מין לע־גענדאַרע פיגור, וועלכע איז אַראָפּ פון די הימלען אָנצוצינדן אין יונגע הערצער אַ פייער פון ליבע צום היימלאַנד און צו אוועק־שטרעבן מיסטעריעז אין ווייטע, אומבאַקאַנטע וועלטן. ניט געדאַכט האָט קיינער, אַז יהודה האָט גענומען דעם וואַנדער־שטאָק אין האַנט, דעם שטענדיקן באַגלייטער פון דורות, צו פּלאַסטערן צווישן דערנער און קוילן אַ וועג צו זיין ליבער, טייערער היימלאַנד.

יהודה האָט זיך געשלעפּט פון שטאָט צו שטאָט, פון שטעטל צו שטעטל, פון ישוב צו ישוב. אין יעדן פּלאַץ פּלעגן אים חברים חלוצים פאַרשאַפן מאָלצייטן, אַן אָרט איבערצונעכטיגן און אַ ביסל געלט אויף נויטיקייטן אונטערוועגנס און אויף אַ באַן־בי־לעט צו דער נעקסטער סטאַנציע. פיל מאָל איז ער אויך געגאַנגען צופוס, געליטן הונגער, קעלט און נויט. אָבער זיין מוט איז ניט צעבראָכן געוואָרן. פאַרקערט, מיט יעדן שריט ווייטער האָט ער זיך אַלץ געפילט גליקלאַכער, נעענטער צום ציל. אַזוי איז ער וואָכנלאַנג געגאַנגען, ביז ער איז צוגעקומען צו דער פויליש־רומענישער גרע־נעץ.

עס איז צוגעפאַלן אַ פינצטערע און אַנטשיידנדע נאַכט, ווען יהודה איז געקראָכן אויף אַלע פיר אונטער די שטעכיקע דראָט פון דער גרענעץ אין באַהעלטעניש פון דער שטרענגער וואַך. אויף דעם מינדסטן שאָרך פלעגט ער זיך איינגראָבן מיט דעם קאָפּ אין די געדיכטע גראָזן און נאָכדעם קוים אָפּכאַפּן דעם אָטעם פון שפּאַנונג און שרעק. יעדער גליד האָט אין אים געציטערט. אַן אומפאָרזיכטיקער ריר האָט געקענט פאַראורזאַכן, אַז מען זאָל אים כאַפּן און דער־שיסן אויפן אָרט אָדער, אין בעסטן פאַל, צוריקצושיקן מיט אַ קאָנוואָי אין דער פאַרהאַסטער פּוילן אויף אַ ווייטערדיקן און שוין פיל לענגערן תפיסה־טערמין, פאַרלירן ארץ ישראל און זיין אַן אַרעסטאַנט אין דעם לאַנד פון יידישע צרות. ער האָט דעריבער געוואויגן און געמאָסטן יעדע באַוועגונג, וועלכע האָט יעצט גע־קענט מיינען אַזוי פיל, אַזוי פיל... האָר און אויער זיינען ביי אים געווען אָנגעשפּיצט. דאָס איז געווען אַ שרעקלעכע און גרויל־האַפטע „משמור"־נאַכט.

גליקלאַכערווייז איז יהודה בשלום אַריבער דעם גרענעץ און ער האָט שוין באַגריסט דעם רימאָרגן אויף דער רומענישער ערד. דאָ, אין פרעמדן לאַנד, אָן אַ פריינט און אָן אַ שפּראַך, אומלעגאַל, אין מורא פאַר אַ פאַרדעכטיג אויג, האָט ער זיך אויך געשלעפּט פון ישוב צו ישוב, געקומען צו חלוצישע גרופּן, פאַרטרויט זיי זיין גרויסן, הייליגן סוד און באַקומען הילף און געלט פאַר דער ווייטערדיגער רייזע. אַזוי האָט ער זיך דערשלעפּט ביז קאָנסטאַנצע, דעם גרויסן פּאָרט פון רומעניע ביי דעם שוואַרצן ים.

עס האָט געשוויבלט און געגריבלט ביי דעם פּאָרט, ווען יהודה מיט זיין קלומיקל אויף דער פּלייצע און אָפּגעריסענע קליידער איז אָנגעקומען אַהער. מענטשן האָבן געאיילט און געלאָפן, ווי די בינען. עס האָט זיך געדוכט, אַז די גאַנצע וועלט עמיגרירט, אַז אַלע זוכן אַ היים, און אפשר איז עס בלויז געווען אין געדאַנק פון היימלאָזן יהודהן. האָבן דאָך פעלקער רואיגע היימען אַנדערשוואו...

ער האט זיך דערוואוסט, אז דעם טאג האט געדארפט אפּ־פארן א פראכט־שיף אין דער ריכטונג פון ארץ ישראל. ער האט אויסגעזוכט דעם קאפּיטאן, וועלכער איז אמאל געווען אין פּוילן און האט נאך א ביסל געדענקט פּויליש. יהודה האט זיך מיט אים פור־נאנדערגערעדט:

„הער קאפּיטאן, איך בין א איד, וועלכער אנטלויפט פון צרות, פון גלות, פון שחיטות. איך בין איינער פון יענעם פאלק, וועמענס פריינט עס איז דער וואנדערשטאק און וועמעס וועג עס איז דער דערנערדיגער שליאך פון ערד־קוגל. יעצט האט פאר אונדז א זון אויפגעשיינט אין דער מזרח, א ווינקל אויסצוגלייכן אונדזערע קרומע, געהויקערטע רוקנס. אונדזער היימלאנד, וועלכע איז געווען וויסט פאר טויזנטער יארן, איז אויפגעשטאנען תחית־המתים, און מיר, אירע קינדער, גייען צוריק אין איר שויס. איך בין ארים, הילפ־לאז, איך האב ניט קיין געלט, קיין סערטיפיקאט, קיין וויזע, אבער איך האב א פאר געזונטע הענט מיט מאזאליעס און א הארץ, וואס בענקט אהיים. הער קאפּיטאן, קויף מיינע הענט, מיינע כוחות, מיין צייט, גיב מיר שווערע ארבעט אויפן שיף, אבער נעם מיך ארויף, פיר מיך אהין, צו וואס איך האב געטרוימט, וואוהין איך צי זיך שוין אזוי לאנג דורך די וועגן און שטעגן פון פּוילן און רומעניע".

אין יהודהס טיפע אויגן האט געגליט א הייליג פייער. ער האט גערעדט אזוי הארציג, אזוי פאטעטיש, אז דער אלטער קאפּיטאן האט זיך דערבארימט אויף אים.

„גוט, האט ער געזאגט, איך וועל דיך ארויפנעמען אויפן דעק, געבן שווערע ארבעט, און פירן דיך צו ארץ ישראל, אבער איך קען דיך ניט אראפּלאזן ביי דעם ברעג. די אינספּעקטארן זיינען זייער שטרענג, מען וועט דיך דעפּארטירן צוריק און איך וועל נאך האבן א שטראף".

„זארג זיך ניט, הער קאפּיטאן" — האט אים יהודה בארואיגט — „מיר זיינען א פאלק פון ריזיקע און עקשנות, מיר זיינען שוין געגאנגען דורך פייער און וואסער און קיין זאך האט אונז ניט אפּגעהאלטן. דו וועסט פון מיר קיין צרות ניט האבן. ניט ווייט פון ברעג וועל איך זיך אין מיין רעטונגס־גארטל ארייגווארפן אין ים און איך וועל שווימען צום ברעג. נאך אין מיין פריסטער קינדהייט האב איך געקענט גוט שווימען, אפשר איז עס פון הימל באשערט, אז דאס פעאיגקייט זאל מיר ביישטיין אין מיין נסיון און שווערן גורל".

יהודה האט גערעדט אזוי פעסט און איבערצייגנדיג, אז דער קאפּיטאן האט איינגעשטימט און יהודה האט באשטיגן דעם דעק.

פאר יהודהן האבן זיך אנגעפאנגען טעג פון אומדערטרעגלעכער עבודת פרך. ער האט געדארפט העלפן קייקלען גרויסע פעסער מיט

שווערע שטאפן דערין, האמען דעם דעק, שלעפן משאות אויף שטריק און זיינע פארבייסנס זיינען געווען אפטע קלעפ פון דער רומענישער שיפס־מאנשאפט, אנטיסעמיטן און כוליגאנעס פון קוזאס לאגער, פון באוואוסטן צורר היהודים אין לאנד פון אידיש בלוט און גרויל. צוליב דעם־וואס עס איז ניט געווען קיין כשר עסן אויף דער שיף, איז יהודה אויסגעקומען מיט ברויט און שווארצע קאפע די גאנצע צייט. און מערקווירדיג, ער איז געווען שטארק און געזונט. ווייזט אויס, אז זיין ענערגיע האט ער אויסגעקריצט פון דעם גרויסן חשק און באגער נאך היימלאנד.

און אט, נאך א געשלענגלטער רייזע דורך דעם שווארצן ים און ארום די גרענעצן פון טערקיי איז די שיף צוגעקומען נעענטער צו ארץ ישראל. א זונינער פרימארגן האט אויפגעוועקט יהודהן פון שלאף און פונדערווייטנס האט ער שוין דערזען די טורעמס פון דעם הייליגן לאנד. ארץ ישראל האט זיך געווייקט אין דעם טוי פון באגינען. פון די בערג און פון די טאלן האט זיך געטראגן דער אראמאט פון גן־עדן־דיגער ברכה און פרישקייט. ווי א צעבליטער וויינגארטן האט זיך דאס הייליג לאנד געטונקט אין זון און געשווענקט אין שפרודלדיגן שוים פון כוואליעס ביי דעם ברעג פון ים התיכון.

יהודה האט ניט געקענט ריידן פון באגייסטערונג. ער האט בלויז געצווינן די הענט פאראויס און געגריסט דאס היימלאנד מיט די ווערטער פון יהודה הלוי: „ציון, הלא תשאלי לשלום אסיריך" (ציון, ביזט דאך אוודאי גערן צו וויסן פון געזונט פון דיינע פאריאכטע, פארשקלאפטע קינדער). ווען ער האט זיך א ביסל באהערשט, האט ער מיט טרערן אין די אויגן אויסגערופן: „שלום וברכה, טייערע היימלאנד, איך קום צו דיר אן אויסגעבענקטער, א פארקלעמטער, אבער א גליקלאכער. איך ברענג דיר הענט מיט מאזאליעס, נערוון פון שטאל און דעם שוואונג פון אן אדלער, איך גיב דיר א הארץ פון מיט ליבע און טרייהייט".

דער טאג איז פארפלויגן אומבאמערקטערהייט און עס האבן שוין אנגעפאנגען צו טונקלען די שאטנס איבער דעם ווינעלע פון אונזערע אבות, דאס לאנד פון טרוים און ווירקלאכקייט, ווען די שיף האט זיך אריינגעשניטן נאענט צו די וואסערן פון ברעג. אין פארערגרונט איז געלעגן חיפה, דער אידישער פארט, אין פראכט פון דעם מיסטעריעזן אריענט, לאקנד און רייצנד.

דער קאפיטאן האט געגעבן א סיגנאל, דעם אפגערעטן סימן, און [illegible] קערפער איז בליץ־שנעל אריינגעשפרונגען אין וואסער.

עס איז געווארן א טומל צווישן דער מאנשאפט. מען האט זיך ארומגעזען, אז עס פעלט דער יונגערמאן אין שמאטעס, וועלכער האט אזוי טיכטיק געארבעט אויף דעם דעק. זיי האבן גערעכנט, אז פון אנשטרענגונג און צרות איז ער אפשר אראפ פון זינען און באגאנגען זעלבסטמארד. זיי האבן אבער ניט געדאכט, אז דאס איז געווען א געוואגטער שריט צום לעבן אויף דער געבענטשטער ערד און אונטער די פרייע הימלען פון אן אייגן לאנד.

צווישן לעבן און טויט

בייז און שטורמיש האָט גערוישט דער ים, וועלכער האָט אויף זיין בוזים געטראָגן אַ אידישן אומלעגאַלן אימיגראַנט אין זיין געוואַגטער רייזע נאָך ארץ ישראל. עס האָט זיך גערוכט אַז אַלע, מענטש און נאַטור, האָבן געמאַכט אַ פאַרשווערונג צו פאַרצאַמען פאַר דעם פאַרבענקטן חלוץ דעם וועג צו ארץ ישראל. אַלץ אַרום איז געווען אַזוי אומהיימלעך — הימל און וואַסער.

יהודה, וועלכער האָט אויף זיך געהאַט דעם רעטונגס־גאַרטל, האָט באַלד גענומען שווימען. אָפּט פלעגט אַ כוואַליע פאַרפלייצן זיין פנים אַזוי אַז ער פלעגט פאַרבלינדעט ווערן. מיט די לעצטע כוחות פון זיין באַוואוסטזיין האָט ער זיך אָבער געהאַלטן ביי דעם קלאָרן זינען און איז ווייטער געשוואומען.

אין די קריטישע מינוטן צווישן לעבן און טויט האָט יהודה זיך דערמאָנט אָן דער נביאישער הבטחה „כי תלך באש לא תכוה ומים לא ישטפוך" (ווען דו וועסט גיין אין פייער, וועסטו ניט אָפּגעבריט ווערן אויך וואַסערן וועלן דיר ניט פאַרפלייצן). ער האָט שטאַרק געגלויבט דערין, באַזונדערס יעצט אין די מינוטן פון סכנה און נסיון, און ער איז ווייטער געשוואומען מיט אַלע אָנשטרענגונגען. פון דעם ברעג האָט זיך דערהערט אַ שאָס. וואָרשיינלעך, אַז דער פאַטראָלמאַן האָט עפּעס באַמערקט אויף דעם וואַסער. יהודה איז פאַרציטערט געוואָרן און האָט אַריינגעטויכט אין די טיפענישן פון ים. ווען ער איז אין אַ ווײַלע אַרום אַרויסגעשוואומען צוריק, איז שוין געווען שטיל. די שאָטנס זיינען געוואָרן געדיכטער.

יהודה איז שוין געווען איבערגעשטרענגט פון שוואַכקייט, שרעק און האַסטיקן שווימען. ער האָט געפילט, אַז די כוחות פאַרלאָזן אים, אָט־אָט און ער זינקט אין ים. דאָ וועט ער געפינען אַ נאַסן קבר און אַ רואיגע היים, אומגעשטערט פון ענגלישער אַדמיניסטראַציע, פון אַנטיסעמיטישע, פוילישע רציחות, פון רומענישע גוואַלדטאַטן. דאָ וועט זיין אַזוי טראַגיש און אַזוי שטיל...

„הושיעני, כי באו מים עד נפש" — האָט ער געבאָרכלט (העלף מיר, גאָט, ווייל די וואַסער איז שוין געקומען ביז דעם האַלז). ווי אברהם אבינו האָט ער גערופן גאָט נאָך רעטונג אין דער אַנטשיידענער גורל־שעה.

„ווען עס וואָלט מיט מיר יעצט געשען אַ נס, ווי מיט יונה הנביא" — האָט ער געטראַכט אין זיין טונקעלן מוח. אויך אויף אים האָט דאָך גאָט רחמנות געהאַט טראָץ דעם, וואָס ער איז אַנטלאָפן פון זיין וואָרט און געבאָט. איך גיי דאָך אין לאַנד, וואו גאָט וויל בויען זיין היים און צוריקשטעלן זיין שכינה.

זיינע הענט זיינען שרעקלעך מיד געוואָרן, ווי אָנגעגאָסן מיט בליי. די אויערן זיינען שוין געווען פול מיט וואסער, דער מויל איז געווען פארכליניעט פון האסטיגן שטראָם. ער האָט געפילט, אַז ער לאָזט זיך אראָפּ צום גרונט. נאָר דאָ, מערקווירדיג, איז עפּעס געשען וואָס האָט אים געראטעוועט דעם לעבן. ווען יהודה איז שוין געווען אין אָנמאכט, העלפט פארזונקען אין רוישיקן ים, האָט אים אַ שטאַרקע האנט אַ נעם געטאָן און ארייַנגעשלעפּט אין אַ שיפל. דער מלאך הגואל איז געווען ניט קיין אנדערער, ווי אַן ארץ ישראלדיגער פישער, וועלכער האָט זעך געצויגן אהיים אין שפּעטער פארנאכט־שעה נאָך אַ טאָג פון שפּעדיגן פיש־פאַנג.

יהודה איז געווען פארחלשט. ווען ער איז געקומען צו זיך האָט ער פאַר זיך דערזען אַן אָפּגעבּרענטן יונגנמאַן מיט אַ נעץ פון געפאַנגענע פיש.

דער פישער האָט דערקענט אַז דאָס איז אַ איד און האָט זיך אָנגעפאנגען צו פונאנדערריידן מיט יהודהן אין העברעאיש. דער קלאַנג פון דער היימאַטס־שפּראַך האָט אים דערקוויקט און דערפרישט. דער ערשטער לעבּעדיגער גערוס פון ארץ ישראל.

„מי אתה ומאין באת?" (ווער ביסטו און פון וואנען קומסטו?) — האָט אים דער פישער געפרעגט.

„חלוץ מארץ פּוילן" (אַ חלוץ פון פּוילן) — האָט יהודה געענטפערט און פארצווינגן זיין ווייטערדיגן געשפּרעך אין העברעאיש. „איך בין איינער פון די מיליאָנען אידן, וועלכע זיינען געלאָפן אהער פון די פּוילישע רדיפות, גזירות, פּאָגראָמען, מיט אַ בּענקשאַפט נאָך היימלאַנד און אַ ווילן צו לעבּן פריי און שטאָלץ, ווי אַלע פעלקער אין זייערע לענדער. איך בּין געקומען אהער טראָץ דעם „ווייסן פּאַפּיר". מיין סערטיפיקאַט, וויזע און פּאַספּאָרט איז דער מגן דוד, וועלכער איז טיף איינגעקריצט אין מיין הארצן".

דער פישער איז גערירט געוואָרן פון די ווערטער פון אַ פּאַרפייניגטן מאַרטירער. ער האָט אים געהאַלדזט און געדריקט צו זיך.

„איך האָבּ היינט געהאַט אַ מזלדיגן טאָג. געכאַפּט אַ פולע פיש, אָבּער דער שלום איז דער בּעסטער. איך האָבּ יעצט ארויסגעפישט דעם גרעסטן אוצר און געווינס, אַ איד פון דעם בּוזים פון ים און איך פיר דיך יעצט צו דעם ציל פון דיינע טרוימען. האָבּן מיר דאָך אין די קינדערשע יאָרן געלערנט וועגן אַ „גאָלדן פישעלע". אפשר בּיזטו דאָס — האָט דער פישער שמייכלענדיג געזאָגט.

„זאָרג ניט" — האָט ער ווייטער געצויגן — „איך ווייס דאָ אַלע וועגן און אומוועגן. איך וועל דיך שוין פירן אזוי, אַז דו וועסט זיין פארבּאָרגן פון פּאַטראָלמאַנס אויג. דו וועסט זיין מיט אונז, צווישן אונז, אין מיין און אין דיין לאַנד.

יהודה איז געווען גערירט פון דער גרויסער װאַרעמקייט פון אַ אידיש האַרץ. ווען זיי האָבן באַשטיגן דעם בערג, איז יהודה צוגעפאַלן צו דער ארץ ישראלדיגער ערד און זי וואַרעם געקושט.

יהודה און דער פישער זיינען פאַרשוואונדן אין דעם שלייער פון דער נאַכט.

מיט ביקס און אַקעראייזן

דער באַשיינפערלאַכער נס האָט געגעבן יהודהן נאָך מער מוט און גלויבן אין זיין שווערן גורל און געהאָלפן איבערקומען אַלע לעבנס־גלגולים.

יהודה, וועמען דער פישער האָט צוגעפירט צו דעם נאָענטסטן חלוצישן פאָסט, האָט געפונען זייער אַ וואַרעמע, פריינטלעכע אויפנאַמע. מען האָט אים באַזאָרגט מיט שפייז און קליידונג און אַריינגענומען צו דער אַרבעט. די רויקייט פון מאַמע־ערד האָט אין אים אויפגעפראַלט נייע קוואַלן פון כוחות און אַנטשלאָסנקייט. ער האָט זיך געפילט גליקלאַך אויף דעם באָדן פון אייגן לאַנד.

אין יענער צייט איז די חלוצישע פאַנטאַזיע פון דער יונגוואַרג אויפגעפלאַקערט געוואָרן מיט דעם פיאָנערישן געדאַנק וועגן דער נייער קאָלאָניע „חניתה", וועלכע מען האָט געפלאַנט צו גרינדן אין צפון־מערבדיקן ווינקל פון גליל העליון, וועלכער גרענעצט זיך מיט דעם מדבר ווי אויך מיט די בערג לבנון. אָט־דער פלאַץ איז געווען זייער אַ געפערלעכער, ווייל ער איז געווען פאַראיינזאַמט פון אידישן ישוב און אַרויסגערוקט אין דער ווילדעניש פון די בעדואינישע שבטים. חורבן און טויט האָט געלויערט אין באַהעלטעניש פון די זאַמדן און פעלזן אין דער אומגעגנט.

דאָס באָדן פאַר אָט־דער קאָלאָניע איז נאָך אָפגעקויפט געוואָרן אין 1938, אָבער דער דאַמאָלסטדיגער היי־קאָמישאָנער, סער העראָלד מעק־מייקעל, האָט נישט געוואָלט צושטימען דערויף, כלומרשט צוליב זיכערהייטס טעמים פאַר דעם אידישן ישוב. אין דער אמתן איז דאָס געווען אַ תירוץ צו הינדערן דעם וואוקס פון ארץ ישראל־אידן, איבער וועמען עס איז געהאַנגען דער וואָלקן פון בלוט און פייער אין אייראָפע, האָבן דאָ אין ארץ ישראל ניט געקענט פאַרלעצן קיין געלעגנהייט. פאַר די וואָגלער פון אַלע ווינקלען וועלט, פאַר די אַנטרונענע פון שחיטות און רדיפות, האָט מען געדאַרפט האָבן אַ ווינקל אונטער דער זון, און עס האָט געמעגט אַפילו זיין די געפערלאַכע חניתה. קרבנות זיינען פאַר אידן קיין נייס ניט, דאָ לכל־הפחות וועט עס זיין ווערט פאַרן אייגענעם היימלאַנד.

מען האָט אונטערהאַנדלט מיט דעם היי־קאָמישאָנער און מיט דעם קאָלאָניאַל־מיניסטעריום אין לאָנדאָן. עס האָט גענומען לאַנגע חדשים, ביז דער היי־קאָמישאָנער האָט ענדלעך איינגעשטימט. גראָד

ווען יהודה איז געקומען אין לאַנד, איז געווען אַקטועל דער ענין פון בויען די קאָלאָניע און עס זיינען שוין געמאַכט געוואָרן פאָרבאַריי־טונגען דערצו אין דער קאָלאָניע פון עמק זבלון. פון דאָרט האָט דער קאַראַוואַן פון אידישע פּיאָנערן און בוי־מאַטעריאַל געדאַרפט רירן צו חניתה. לויט דעם פּלאַן האָט מען אין איין טאָג און אומבאַמערקטער־הייט פון די בעדואינער געדאַרפט אויפבויען די קאָלאָניע.

יהודה האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן די פּיאָנערן. 80 יונגעלייט און 10 פרויען האָבן זיך דאָרט געדאַרפט באַזעצן און ער איז געווען איי־נער פון זיי.

פאַר דער צייט האָט זיך שוין יהודה אויסגעלערנט שיסן און איז עטלאַכע נעכט שוין געשטאַנען אויף דער וואַך, ביי דער ווירטשאַפט פון קבוץ. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן זייער פּייאיג אין דער אַרבעט און געשיקט אין געווער.

מיט תפילה, ביקס און אַקעראייזן
ווערט אויפגעריכט דאָס אידיש לאַנד

חניתה איז א קאפיטל העראאיזם און הייליגע אוואנטורע אין דער געשיכטע פון היימלאנד, וועלכער וועט בלייבן אין זכרון פון ישוב און פון דעם גאנצן אידנטום לדורי דורות. עס איז א גאלדענע עפּיק פון ארבעט און פון קאמף.

די חלוצים האבן געפרעגט איינע די אנדערע אין פארלעגנהייט: „מי יבנה הגליל"? (ווער וועט בויען דעם גליל) אונטער אזעלכע ריזיקאלישע אומשטענדן, אין א מדבר, צווישן בעדואינישע רוצחים און פארצוקער. אבער באלד איז פון זיי אליין געקומען דער העראאישער ענטפער, וועלכער האט געאטעמט מיט פעלזן־פעסטן גלויבן: „אל יבנה הגליל" (גאט וועט בויען דעם גליל). אימפּאזאנט און איינדרוקספול איז געווען די פּראצעסיע צו דעם בארימטן פּלאץ. אין באגינען האבן שוין זיך געקייקלט זיילן זאמד אונטער די פיס פון די קעמלען, זייערע רייטער און באגלייטער און אונטער די רעדער פון די טראקס, וועלכע זיינען געווען אנגעלאדן מיט בוי־מאטעריאל. ווען מען איז צוגעקומען צו דעם ארט, איז גלייך שוין אוועקגעלייגט געווארן א פונדאמענט פאר א ישוב און עס זיינען אויפגעשטעלט געווארן געצעלטן. עס איז געמאכט געווארן א באריקאדע, ארומגערינגלט מיט שטעכיגן דראט, וואו די חלוצים זאלן זיך קענען פארטיידיגן און פון וואנען זיי זאלן קענען אנגרייפן ביי א פיינטלעכן אנפאל. א באזונדערע רירנדע סצענע האט זיך אפגעשפּילט, ווען פון א קאלאניע פון מזרח גליל האט מען געבראכט א ספר־תורה, אלס מתנה צו די חלוצים פון „חניתה". זעקס געזונטע ארימס האבן זיך געקלאמערט ארום דעם ספר און אים געטראגן אין ספּעציעל אויפגעבויטן געצעלט. עס האט דערמאנט וועגן די וואנדערונגען פון דעם משכן אין דעם מדבר. ארום דאס געטלעכע ווארט אויף דעם אלטן פארמעט, וועלכער איז בייגעשטאנען דעם נסיון פון דורות, האט זיך קאנצענטרירט און אנגעפאנגען פולסירן א נייע אידיש לעבן, ווי אין אלע דורות, ווי אין אלע צייטן מיט דעם איין גרינדלאכן אונטערשייד, אז דאס איז געווען אייגנס, אונזערס, היימלאנד.

עס איז צוגעפאלן א שווארצע נאכט, מיסטעריעז ווי דער מדבר, שטיל ווי דער פארכישופטער אריענט. די חלוצים, וועלכע האבן בייטאג געארבעט ביי דעם האמער, רידל און אקעראייזן, זיינען יעצט געשטאנען אויף דער וואך מיט דער ביקס אין האנט, אנגעלאדן און גרייט פאר דעם שונאס אנפאל.

און די דערווארטונג האט זיך באשטעטיקט. אין מיטן דער נאכט האבן משונהדיגע ברואים גענומען קריכן אויף אלע פיר אין דער ריכטונג פון „חניתה". דער פארשונגס־פּאקעל האט זיי אויסגעשפּירט. די חלוצים זיינען געשטאנען ביי די באריקאדן, גרייט פאר פארטיידיגונג. זיי האבן עס אבער נאך ניט געטאן, בכדי צו פארנארן דעם שונא נעענטער צו דער באריקאדע און דערנאך אפּשיטן אים מיט א

האָגל פון פייער. פון דער ווייטנס האָט מען געקענט באַמערקן די בעַ־דואינער מיט זייערע ווילדע פּנימער, אָנגעשטעלטע ביקסן און שאַרפע מעסערס צווישן די ציינער צו קוילענען די אידן, ווען זיי וועלן זיך אַריינכאַפּן אין דער קאָלאָניע.

ווען דער שונא איז שוין געווען גאָר נאָענט ביי דער באַריקאַדע, מיט דעם געדאַנק, אַז ער האָט אַריינגעכאַפּט די בראַווע חלוצים אין

אַלט און יונג, די פאַרטיידיגער פון אידיש לעבען, האָב און גוטס אין אידישען היימלאַנד.

אַ פאַסטקע אומדערוואַרטעטערהייט, האָבן די בויער פון חניתה אַ דונער געטאָן מיט אַ סאַלווע פון פייער און שטיקער בלוט און פלייש פון פאַרוואונדעטע און געהרגעטע בעדואינער האָבן זיך אויסגעמישט מיט דעם זאַמד פון דעם מדבר און באַשפּריצט די פאַרהוילענע געגנט מיט רויטע פלעקן.

אַזוי איז געוואַקסן די אידישע קאָלאָניע „חניתה" דורך שווערד און פייער, מי און געפאַר. איצט איז זי אַ מוסטער־ישוב פון אידישע פּיאָנערן און שטאָלץ פאַר דעם לאַנד. מאַמעס וועלן זינגען זייערע קינדער אין די וויגן דאָס ליד וועגן די העראָאישע פאַרטיידיגער פון חניתה און תלמידים וועלן פון טעקסט־ביכער לערנען דעם קאַפּיטל פון אידישן וואונדער. צווישן די גאָלדענע בלעטער פון דער אידישער געשיכטע וועט דער היסטאָריקער אוודאי פאַרצייכענען דעם נס פון „חניתה".

אויף האלז און נאקן

יהודה האט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין מוט און העלדישקייט אין דער פארטיידיקונג פון „חניתה״. ער איז געווארן א שרעק־ווארט ביי די בעדואינער און א מוסטער פון דרייסטקייט ביי זיינע חברים.

ער האט זיך אויסגעלערנט אלע וועגן און שטעגן פון מדבר, ווייל א קאלאניסט אויף וועמען עס ליערט שטענדיג די געפאר פון א מעסער אין רוקן דארף קענען די באהעלטענישן פון פעלז און זאמד. מען האט אים טאקע אלעמאל גענוצט אויף אויסשפיר־עקספע־דיציעס אין די געפערלאכסטע ווינקלען פון אראבישן ישוב. זיין אריענטאציע אין מדבר האט שפעטער געשפילט א וויכטיגע ראל אין דער אנטוויקלונג פון וויכטיגע געשעענישן.

דערווייל, ווען „חניתה״ האט געבליט ווי א גן־עדן התחתון אין דער דופט פון עקאליפטוס־בוימער און אין דעם גאלדענעם שימער פון קארן־זאנגען, האט שוין די גרויסע, גארע וועלט געפלאקערט אין דעם פלאם־פייער פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. דער נאצישער שטיוול האט טייוולאניש געשפאנט איבער אייראפע און אונטער זיין אייזערנעם זויל געשמעטערט פעלקער און לענדער. עס האט גע־קראכט טשעכאסלאוואקיע, עס האט געגוסט פוילן. שטעט און דער־פער, פעלדער און וועלדער זיינען אוועק מיטן רויך. פרידלאכע צי־ווילע מענטשן, וועלכע זיינען געלאפן פון פאניק איבער וועגן און שליאכן, זקנים, פרויען, קינדער, זיינען צעריסן געווארן אויף שטי־קער דורך דעם אומאויפהערלאכן קנאל פון נאצישע מאשין־ביקסן. האספיטעלער זיינען פארוואנדלט געווארן אין בית־הקברותן.

היטלער און זיין שטאב צייכענען אן דעם פלאן
פון וועלט־באהערשונג.

די נאצישע חיה האט זיך ניט באנוגנט מיט אייראפע אליין, נאר אויך געווארפן א גיריג אויג אויף אזיע. דער האקן־קרייץ האט געצילט זיך צו הילן אין די שטראלן פון דער יאפאנעזישער זון. מערב און מזרח האבן זיך געדארפט געבן הענט אין א שותפותדיגער וואקכאנאליע פון מארד און פארניכטונג, אין א געמיינזאמען אטענטאט אויף דער וועלט. דער וועג צו יאפאן האט געפירט דורך קליין אזיע. אבער דא איז ארייגעקומען ענגלאנד, א הארטער נוס, וועלכן מען קען ניט אזוי שנעל צעקנאקן.

יהודה האט געלעבט און געאטעמט אין דער אטמאספער פון ריזיקע און קאמף. ער אליין האט זיך באטייליגט אין די קאמאנדאס און האט בייגעוואוינט דעם נס פון אידישן העראאיזם. ענגלאנד איז ניט גערן צו געבן אידן באדן אונטער די פיס. אבער איז זיכער להוט צו געבן זיי מאשין־געווער און גראנאטן אין די הענט און שיקן זיי אין קאמף מיט דעם שונא. און ארץ ישראל האט עס געטאן: אפפערוויליג, מוטיג, אין האפענונג צו קריגן זיין רעכט צום היימלאנד, צו זיין הר־הכרמל און עמק השרון, צו זיינע אין בלוט און שווייס געבויטע „חניתות".

אפריקע אין פלאמען

דער נאצישער אפעטיט האט געלעכצט נאך דעם סועץ קאנאל און דעם טאל פון נילוס, וועלכע זיינען די לעבנס־ארטעריע פון דער בריטישער אימפעריע אין נאענטן מזרח. דער היטלער־נאז האט אויך פון בערלין זשעדנע געשמעקט דעם ריח פון באגדאדער אויל צו געבן קראפט זיינע טענקס און אנדערע כלי משחית. דערצו וועט ער דורך די אלע וועגן קענען שפאנען פריי צו דער יאפאנישער געלער פאנטערע.

דאס איז געווען דער שרעקלאכער זומער פון 1942, ווען דער אפריקאנישער ברעג האט געציטערט פון דעם בלוטיקן פארמעסט פון צוויי מלחמה־גיגאנטן: מאנטגאמערי און ראמעל, די גענעראלן פון די ענגלישע און נאצישע ארמייען. ראמעל האט זיך געפלייסט, אז אין איינציקע וואכן ארום וויט ער שלאפן אין דעם קעניגלאכן פאווילאן פון דעם שעפהערד האטעל אין קאאירא. די וואלקנס איבער די אליאירטע ארמייען זיינען געווען זייער גערדיכט און טונקל צוליב דער איבערוועגנדיקער מערהייט פון די נאצישע הארדעס, וועלכע האבן געהאט אלע מעגלאכקייטן צוצושטעלן כסדר פארשטארקונגען. די עלאיס, דאקעגן, האבן אין דעם אפגעשלאסענעם מיטללענדישן ים — מיט דייטשע מינעס אויפן גרונט און עראפלאנען אין דער הויך, ניט געקענט נאכהאלטן דעם שונא אין צאל פון מענטשן און געווער.

אין זארג און פארצווייפלונג האט מאנטגאמערי זיך אויסגעדריקט, אז נאר א נס קען ראטעווען די אליאירטע ארמייען פון דער נאצישער פאסטקע. דער אזוי־גערופענער „נס פון מיטללענדישן ים" איז געשען און א באדייטנדע ראלע האט דא געשפילט דאס קליינע ארץ ישראל.

ארץ ישראל איז פארוואנדלט געווארן אין א גרויסן מיליטערישן קעמפ. פון לבנון ביז דעם נגב, פון ירדן ביז דעם ים התיכון איז גע־ווארן איין ריזיקער ארסענאל. פאבריקן האבן פראדוצירט געווער און אמוניציע, אינסאלין, אלקאלאידס, וואסער־רערן. חוץ די 30,000 אנגעשלאסענע זעלנער און 100,000 אידן באשעפטיגט אין דער מלחמה־אינדוסטריע, האט אלץ געאטעמט מיט דעם ענטוזיאזם פון מלחמה. אין די גאסן פון תל אביב און ירושלים האט געשווירבלט פון מיליטער. דער רעקרוטירונגס־אמט איז געווען איבערפולט פון אפלי־קאנטן, וועלכע האבן געאיילט זיך אנצושליסן אין דער ארמיי. אלע און אלעס איז געגאנגען אהין, אין אפריקע, וואו די מענטשהייט און דער שטן זיינען געווען פארוויקלט אין א פארצווייפלטן געראנגל פאר הער־שאפט און איבערמאכט אין דער וועלט.

ובנחה יאמר שובה ד׳ רבבות אלפי ישראל. די יידישע בריגאדע דאווענט שבת אין דער וויסטע.

סאהארא

מיסטעריעז און אומהיימלאך איז דער מדבר פון סאהארא. עס שטרעקט זיך אין אומענדלאזיקייט א מאנאטאנע לאנדשאפט, באדעקט מיט גרויע פעלזן און ווייסן זאמד. דער ווינט וואיעט אומעטיק און טריב און טראגט אויף זיינע פליגלען זיילן שטויב, גארנט אן איין הויפן אויף דעם אנדערן און שאפט הויכע זאמד־בערג — די אזוי גערופענע דיונעס. עס איז דא אזוי אורשפרינקלאך און פרימיטיוו ווי אין די ששת ימי בראשית.

איינזאמקייט און הפקר, בענקשאפט און אנטוישונג אטעמט פון יעדן ארט. עס איז אן אייביקע פראגע אן א תירוץ. עס איז א ריזיקער שטח — אן אן אנהויב, אן א סוף. דער מדבר איז א שטענדיקע רעטעניש, א לוסט פאר אנטדעקונגען און א זאמדיקער קבר פאר בראווע אוואנטוריסטן, וועלכע האבן געוואגט זיך צו גריבלען אין זיינע פארהוילענע לאבירינטן.

דער באגינען צינדט אן דעם הימל איבערן מדבר מיט א העלישער זון, וועלכע באקט אומברחמנותדיק און פינקלט אין די קאנטיקע קריסטאלן פון זאמד און פעלד. די נאכט פלאסטערט אויס דעם סאמעטענעם בלויען הימל־טעפיך מיט א מאזאאיק פון שטערן, וועלכע ווינקען אראפ מיט פארבארגענעם רייץ. אפטמאל שפרייזט זיך דורך און לאזט זיך וואוילגיין א הוראגאן איבער דעם מדבר, מישנדיק הימל מיט ערד, קנוילנדיס וואלקנס פון גרוי־געלן כאאס.

דער אומהיימליבער מדבר

דער מדבר איז טרוקן, ווי ביין, אויסגעדארט פון היץ און דארשט. זעלטן־וואו טרעפט מען אן אאזיס, א וואסער־קוואל מיט א פאר בוי־מער ארום אים און דארט דערקוויקן זיך די מידע, צום טויט־פאר־שמאכטע וואנדערער. די גראזן פון מדבר זיינען צוגעפאסט צו די קלימאטישע באדינגונגען, אנגעפילט מיט האר, וועלכע זאפן אריין דעם מינדסטן טראפן וואסער, צו דערהאלטן דעם חיות. אנדערע גראזן האבן אויף זיך א זאלץ־שיכט וועלכער איז ספעציעל געשאפן בכדי צוציען וואסער. באזונדערס באוואוסט איז די אזוי־גערופענע „רויז פון יריחו״, וועלכע קען אויסהאלטן א לאנגע, לאנגע צייט אין א צו־שטאנד פון פארדארטקייט, בכדי אויפוועקן זיך ווידער צום לעבן ביי דער מינדסטער בארירונג מיט א פייכטקייט. פון די חיות אין סאהא־רא זיינען באזונדערס באוואוסט דער שאקאל און די היענע. זייערע קולות אין דער נאכט שוידערן אויף די גלידער; זייער גרילץ גליווערט דאס בלוט.

זיין גרעסטער יחסן אין מדבר איז זיין מאיעסטעט דער קעמל, די איינציקע חיה, וועלכע ווייסט די וועגן פון דער פארהוילענער זאמד־וועלט. זיין הויכער האלז און קאפ קוקן פאראוים מיט א מין שטאלץ, אז אט ער איז דער שליסל צו דער אנאנימער זאמדיגער מלוכה. קא־ראוואנען פון וואנדערער, אזוי גערופענע „נאמאדן״ מיט זייערע קעמ־לען, וועלכע פירן סחורה פון איין עק מדבר ביז דעם אנדערן. זיי, די פרימיטיווע צוגן פון מענטש און לאסט, זיינען עס די באנען, שיפן און עראפלאנען פון דעם גרוי־געלן קאנטינענט.

דער אומהיימליבער מדבר

די קאראוואנען־פירער זיינען אראבער פון דערבייאיגע געגנטן

און אַפֿט ברענגט דער מדבר אַן עכאָ פֿון פֿאַרבענקטע תּפֿילות און עקס־טאַטישע אויסרופֿן: „געלויבט איז אַללאַה און זיין נביא מאַכאַמעד״. דאָס קניט אַ פֿרומער אַראַבער בײַ דעם זייט פֿון זיין קעמל מיט דעם פּנים צו דער הייליקער שטאָט מעקקאַ און געבעט פֿאַר אַ זיכערן וועג דורך דעם מדבר און די אומענדלאַכע סאַהאַראַ צעטראָגט דעם קול ברייט און ווייט.

אַ קאַפּיטל פֿאַר זיך אין דעם לעבעדיקן בוך פֿון סאַהאַרע איז דער מדבר פֿון ליבע, אַ שטרעקע וועלכע שפּרייט זיך אין מערב פֿון מצרים בײַ דעם צפֿון־אַפֿריקאַנישן ברעג.

די אַלטערטימליכע פּיראַמידען און ספֿינקסען.

אויף די זאַמדן פֿון דעם מדבר פֿון ליביע שטייען מאַיעסטעטיש מיט אויסגעשטרעקטע שפּיצן און פֿאַררייסענער גאווה די אוראַלטע פּיראַמידן פֿון פּיתום ורעמסס, וואו די מצרישע מאָנאַרכן פֿון דער פּרעה־דינאַסטיע האָבן געשאַפֿן די דענקמעלער פֿון זייער מאַכט און אייביקער רו. אַט אין די ליים און ציגל פֿון די ריזיגע געביידעס איז פֿאַרקנאָטן דאָס בלוט און שוויים פֿון אונזערע אור־עלטערן, וועלכע האָבן געשקלאַפֿט און געיאָכט אין געבוי פֿון די מאַסיווע קאָלאָסן. דאָרט זיינען עס, לויט אונזערע אגדות, איינגעמויערט געוואָרן קליי־נע קינדער צו דערגענצן די קוואָטע פֿון ליים און שטרוי. דאָרט זיי־נען עס איינגעזונקען עופּהלעך בײַ זייער געבורט.

דער שטויב פֿון ליבישן מדבר איז במשך דער מענטשלאַכער גע־שיכטע פֿיל מאָל אויפֿגעקנוילט געוואָרן אונטער די פֿיס פֿון ריטער פֿון פֿאַרשידענע לענדער. עס האָבן דאָרט זיגרייך געטראָטן די גאַלאַנטע קעמפֿער פֿון אַלעקסאַנדער מוקדון, וועלכער האָט פֿאַרנומען מצרים און דאָרט געבויט די ריזיקע שטאָט אַלעקסאַנדריע, דעם רייכן האַפֿן בײַ דעם ברעג פֿון מיטללענדישן ים. עס האָבן אהין געיאָגט די געשיקטע לעגיאָנען פֿון די רוימישע צעזאָרן. עס האָט זיך דאָרט שפּעטער פֿאַר־צווייגט און פֿאַראַנקערט דער אַראַבישער קאַליפֿאַט. מצרים איז גע־גאַנגען פֿון האַנט צו האַנט ביז זי איז איצט אַ טייל פֿון דער בריטישער אימפּעריע. אַלע אָקופּאַנטן האָבן צוזאַמען מיט זייער סצעפּטער פֿון מאַכט געבראַכט אין לאַנד קולטור, ליכט און וויסן און אַט־דער אַפֿרי־קאַנישער ווינקל האָט געבליט דורך דער זריעה פֿון מערב.

און אזוי איז דער מדבר געווען שטיל פאר א לאנגער צייט. די פיראמידן האבן שטום געשוויגן און די ספינקסן האבן ציטערדיק געהאלטן זייער רעטעניש אין אייביקער פארבארגנהייט. ביז... א הארדע פון טענקס און הארמאטן, א צעיושעטער המון פון מערדער איז געקומען פון מערב, ווי א היישעריק זיך צעשפרייט איבער די זאמדן און מיטן ווילדן האקנקרייץ געטראגן טויט און פארניכטונג צו פרידלאכע ישובים ביי דעם ראנד פון סאהארע. דער זומער פון 1942, ווען די שטעט בארדיע, טאברוק און על־אלאמיין זיינען געשטאנען אין פלאמען, ווען פאראשוטן האבן זיך געשלענגלט פון ריזיקע הויכן, אט דער זומער האט מיט בלוטיקע צייכנס פארשריבן א נייעם היראגליף אויף די זאמדן פון סאהארע — די כראניק פון אנאנימען זעלנער און קעמפער.

פאר א טראפן וואסער

יהודה האט ליב געהאט ארץ ישראל מיט זיין גאנצן הארצן. זיין היימלאנד האט יעצט צו אים געמיינט א שליסל צו דעם גורל פון דער וועלט־מלחמה. ער האט געזען וואס פאר א סטראטעגישע באדייטונג דאס קליינע אידישע לאנד האט יעצט אין דעם שפיל פון כוחות. די פארטיידיקונג פון ארץ ישראל מיינט דער צוים פון די נאצישע אפעטיטן, און פאלגלאך די גאולה פון דער גאנצער מענטשהייט. יהודה האט זיך געווענדט צום רעקרוטירונגס־אמט אין תל אביב. צוליב זיין קענטניש פון דעם מדבר־„טערעין" איז ער צוגעטיילט געווארן צו א רעגימענט אין דער וויסטעניש פון ליביע. זיינע אויסצייכענונגען אין פריערדיקע קלענערע עקספעדיציעס אין קאמף מיט בעדואינער, זיין געשיקטקייט און שארפער בליק האבן אים פארשאפט א גוטן נאמען. נאך א קורצער דינסט איז ער דערהויבן געווארן צו דער ראנג פון א לוטענאנט.

די גאנצע צייט זינט יהודה איז אוועק פון דער היים, האט ער כסדר געטראכט וועגן רייזעלען און וועגן דעם שוחטס צוואה צו ברענגען איר צוריק צום אידישן ווארצל. די בענקשאפט נאך דער שווארצאויגיקער חסידישער מיידל איז געוואקסן אין זיין יונגן הארץ און ער האט באשלאסן, אונטער אלע אומשטענדן, פאר דעם פרייז פון זיין לעבן, אפילו, איר צו געפינען.

אין זיין רעגימענט האט זיך יהודה באקאנט מיט דייטשע פליכטלינגען פון בערלין און צו זיין שטוינונג האט אים איינער דערציילט, אז ביי א מיטינג אין א זאל אויף גרענאדיר־שטראסע, האט ער געהערט רעדן א יונגע מיידל וועגן ארץ ישראל מיט אזא באגייסטערונג, אז דער עולם האט געגאפט פון אירע פלאמיקע ווערטער. ער האט אויסגעפונען, אז איר אידישער נאמען איז רייזעלע און אז זי איז פון א קליין שטעטל אין פוילן. לויט דעם פליכטלינגס באשרייבונג פון דער

מיידלס שטריכן, איז יהודה געווען איבערצייגט, אז דאָס איז זי, נאָך וועלכער ער בענקט אזוי אין זיין בחורישער איינזאַמקייט. יאָ, די איבערקערעניש אין דייטשלאַנד האָבן איר שוין קענטיק געלערנט א ביטערע לעקציע. זי איז שוין באַגייסטערט וועגן אידישקייט און ארץ ישראל. איצט דאַרף נאָר קומען דאָס לאַנג־געגאַרטע — איר ווירק־לאַכע באַרירונג מיט דעם הייליגן לאַנד. אָבער ווי איז עס מעגלאַך, ווי קען זי גרייכן אַהער דורך ימים בלוט און זייל֒ן פייער?

„אָבער זי לעבט, זי לעבט און כל־זמן עס שלאָגט נאָך א גליד, איז אַלץ מעגלאַך" — האָט ער זיך געטרייסט, געקוויקט מיט דעם געדאַנק און נאָך שטאַרקער געגאַרט נאָך רייזעלען.

***

איינע פון די קללות פון דעם מדבר, איז מאַנגל אין וואַסער. א טראָפּן קיל וואַסער אין דער וויסטעניש איז העכסטער באַגער, וואָס מענטשן קענען זיך ווינטשן. בלויז דער וואָס האָט דורכגעמאַכט דעם נסיון פון דאָרשט, קען פאַרשטיין דעם גרויל פון די אַראַבישע מעשה־לאַך, ווי אזוי טאַטעס פאַרקויפן זייערע טעכטער צו די אַראַבישע שעיכן פאַר א קוואַל וואַסער. וואַסער איז געוואָרן די סטראַטעגישע פאַסטקע אין דער מדבר — די פראַגע פון מפּלה אָדער נצחון. עס זיינען געווען באַוואוסט פאַלן, ווען פאַרשמאַכטע נאַצישע רעגימענטן האָבן זיך מיט אויפגעהויבענע הענט אונטערגעגעבן צו א הייפל אליאירטע זעלנער פאַר א טרונק וואַסער.

יהודה האָט אין זיין רעגימענט געהאַט אַן אַראַבישן וועג־וויי־זער, וועלכער האָט געקענט יעדן ווינקל פון דעם ליבישן מדבר. אין ברענענדיקער היץ און גרויסן דאָרשט האָט זיך יהודה מיט זיין רע־גימענט אָפּגעשלאָגן פון דער גאַנצער ענגלישער דיוויזיע, צו וועלכער ער האָט געהערט, און זיך אוועקגעלאָזן נאָך דעם אַראַבישן מדבר־עקספּערט אין זוכעניש פון א קוואַל. די זון האָט געבאַקט. דער באָדן אונטער די פיס האָט געברענט פון זודיקייט און דער גאַנצער קערפּער האָט געשרפט פון דאָרשט. אָט גייט שוין באַלד אוים דער לעצטער זאַפּאַס וואַסער. יהודה גיט ארוים א באַפעל אז די זעלנער, אין איינ־זעניש פון דער קריטישער לאַגע, זאָלן זיך באַנוגענען בלויז מיט א לעק פון די פּאָר טראָפּנס, וועלכע זיינען נאָך פאַרבליבן אין לאַגעל. דער דאָרשט איז געוואָרן אומדערטרעגלאַך. פאַרטריקנטע ליפּן האָבן, אין מינוט פון שרעקלאַכן וואַנזין, געגרייכט נאָך א טראָפּן געזאָלין פון טענק...

דער וועג־ווייזער האָט לאַנגע, לאַנגע טעג געזוכט א קוואַל און ניט געפונען. וואו עס איז יאָ אמאָל געווען א סימן פון וואַסער, איז עס אָדער אויסגעטריקנט געוואָרן, אָדער פאַרשאָטן געוואָרן מיט א דיקן שיכט פון זאַמד. אין זיין חוש פון א דערפאַרענעם מדבר־מענטש

פלעגט הער וועג־ווייזער פון צייט צו צייט צופאַלן צום זאַמד, שמעקן די שטיקלאַך שטויב, אפשר וועט ער דערפילן אַ ריח פון פייכטקייט, צוהערן זיך — אפשר שלאָגט ערגעץ אַ טראָפּן. אָבער — אומזיסט.

די פאַרצווייפלונג איז געוואַקסן. יהודהס רעגימענט איז שוין געפאַלן פון די פיס. די בראַווע חברה האָבן געפילט אַז זיי ווערן פאַרצערט פון דאָרשט און אַז דער מדבר וועט אין זיינע זאַמדיקע געדערים איינהילן אַן אומבאַקאַנטע געשיכטע פון שרעקלאַכן מאַרטירערטום. יהודה האָט זיי געמוטיקט און געטרייסט. ביז אין אַ הייסן פרימאָרגן איז דער אַראַבער געקומען צולויפן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. ער האָט געזוכט און... ענדלעך געפונען.

אין אַ הייל אונטער אַ זאַמד באַרג האָט ער דערהערט דעם שאָרך פון פליסנדיגן וואַסער. חברה איז געוואָרן מונטער. מען האָט אַראָפּגעלאָזט אַהין דעם וועג־ווייזער מיט אַ קרוג און נאָך איניקע שעה, וועלכע האָבן זיך געצויגן ווי יאָרן, איז ער אַרויפגעקומען מיט אַן אָנגעשעפּטן לאָגעל. דאָס איז געווען דער רעזולטאַט פון צאַפּן פון קוואַל טראָפּן נאָך טראָפּן.

יהודה האָט פאַראָרדנט, אַז חברה זאָל זיך צעטיילן יושרדיק מיט דעם אוצר, יעדערער בלויז צו דריי שלינג. די דאָרשטיקע זעלנער האָבן דערקוויקט זייערע הערצער. אַ נייע קראַפט האָט גענומען פליסן אין זייערע אָדערן און אין דעם וויסטן מדבר האָט אָפּגעהילכט דער קול פון אַן עקזאַטישן ארץ ישראלדיקן „הוירא".

ווען חברה איז אַ ביסל געקומען צו זיך נאָך דעם ערשטן טרונק, האָבן זיי באַמערקט פונדערווייטנס אַ שאָטן פון אַ מענטשן, שלייכנדיק איבער דעם מדבר. קענטיק, אַז ער האָט דערהערט די טענער פון „הוירא", פאַרשטאַנען אַז אַרום געפינען זיך מענטשן און איז געקומען אַהער. דאָס איז געווען אַ פאַרשמאַכטער נאַצישער זעלנער, פאַרוואַקסן ווי אַ חיה, אויסגעקייקלט אין שטויב. ער איז צוגעקומען מיט אויפגעהויבענע הענט און מיט אויסגעשטרעקטער פאַרשמאַכטע צונג.

„וואַסער, וואַסער" — האָט קוים געשטאַמלט דער נאַצי.

יהודה האָט זיך גלייך אָריענטירט אין דער סיטואַציע און געזאָגט:

„קום, נעענטער, וועסט באַקומען וואַסער, אָבער זאָג אויס, וואו איז דיין רעגימענט און וואָס פּלאַנען זיי צו טאָן". דער פאַרביסענער נאַצי האָט פאַרפּרעסט זיינע ליפּן און געשוויגן.

יהודה האָט דאַן גענוצט אַ „טריק", וועלכער איז אים באַלד אויפן אָרט איינגעפאַלן. ער האָט פאַרשטאַנען אַז דער נאַצי איז אים חושד אין ליגן און אַז אין זיין אומצוטרוי טראַכט ער, אַז דאָס איז בלויז אַ פאַלשער שפּיצל צו נעמען אים געפאַנגען. בכדי צו איבערציינגן דעם דייטש אין דעם אמת פון זיין דערקלערונג, האָט יהודה אַרויסגענומען דעם פולן קרוג וואַסער, אַליין געטרונקען און אויך געגאָסן עס פאַרשווענדעריש אויפן זאַמד.

דאָס האָט שוין דער נאַצי נישט נעקאָנט פאַרטראָגן. דער נסיון אי זגעווען צו גרויס. ער האָט ווידער געבעטלט וואַסער און אָנגעפאַנגען צו שטאַמלען און דער זשעדנער שוים איז אים גערונען איבער די פאַרטריקנטע ליפּן:

„דאָרט ווייטער זיינען פאַראַן מיינע קאַמעראַדן, אַ גאַנצער רעגימענט. זיי זיינען אויך דאָרשטיק און וועלן זיך אונטערגעבן, אויב איר וועט זיי געבן גענוג וואַסער. טרינקט מיך אָן און לאָזט מיר גיין נאָך זיי. איך וועל זיי שוין ברענגען אַהער".

יהודה האָט אים געגעבן וואַסער און דער פאַרחלשטער דייטש האָט געשלונגען מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. ער האָט נאָכדעם לאַנג, לאַנג געלעקט די באַנעצטע ליפּן.

ווען זיין דאָרשט איז שוין געווען געשטילט, האָט אים יהודה פריינעלאָזן, פאַרזיכערט אַז זיי האָבן דאָ אַ גאַנצן קוואַל וואַסער און געהייסן ברענגען די איבעריקע פאַרשמאַכטע „פאָלקס-גענאָסן". דער אָפּמאַך האָט געלויטעט: געוווער פאַר וואַסער, אַ ביקס פאַר אַ דערקוויקנדיקן שלונג.

אין אַ האַלבע שעה שפּעטער האָבן זיך געשלייכט פון מדבר פינצטערע שאָטנס, וואַקלענדיק זיך פון די פיס מיט אַרויסגעשטאַרצטע צינגער:

„וואַסער" — האָבן געבעטלט די צוגעקומענע נאַצים.

יהודה און זיינע חברים האָבן אַנטוואָפנט די שונאים, אָנגעטרונקען זיי מיט דעם דערקוויקנדיקן נעקטאַר פון מדבר אָבער דערפאַר פאַר דעם פּרייז פון „טאָפּ לינדזון" — געקויפט די בכורה, די מיליטערישע איבערמאַכט און דעם שליסל צו די שפּעטערדיקע נצחונות.

די אויסטערלישע באַגעגעניש

דער שיקזאַל, איז אָפטמאָל אַזוי פאַרפּלאָנטערט, אַזוי פול מיט אינטריגעס, אַז מיר בלייבן אויף אַ שאַך-ברעט וואו מענטשן ווערן געוואָרפן פון איין טייל וועלט אויף דעם אַנדערן, צו שפּילן זייער ראָל אין דעם קנויל פון געשעענישן. אומגלויבלאַכקייט ווערט רעאַל, וואונדער ווערן פאַקטן.

זינט יענעם טראַגישן אינצידענט אין בערלינס פּראָמענאַד „אונטער- דען לינדען", ווען רייזעלע איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון האַנסעם היים, האָבן זיך זייערע וועגן פונאַנדערגעשיידט. רייזעלע איז אַוועק צו איר געפּלאַנטן פאָלק. אין דינסט פון פאַרפּאַלגטע ברידער. האַנס איז נאָך טיפער געזונקען אין דעם אָפּגרונט פון נאַצישער דעמאָראַליזאַציע.

ווי שוין באַוואוסט, האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין די שטורעמאָפּטיילונגען, און ווען דאָס פאָטערלאַנד האָט גערופן אין די שטור-

מישע טעג פון אפריקאנעם קאמפיין, איז ער אריין אין די רייען פון גענעראל ראמעלס ארמיי מיט דער לאזונג פון היליגן קרייץ־צוג אויף די צעקראכענע עלאים און אויף דעם פארהאסטן אידישן היימלאנד. עס האבן אים געצויגן, ווי אלע נאצים, דער רייץ פון גרינגן רויב, פון הפקרות און אוואנטורעס און דער דעמאגאגישער לאזונג פון „הויטע דייטשלאנד, מארגען די גאנצע וועלט״. אין דינסט האט ער זיך שוין ארויפגעארבעט צו דעם ראנג פון א קאמענדאנט. און אט דער גורל, וואס קרייצט מענטשלאכע פלענער, אט די ראד פון קאפריזן האט גראד געוואלט, אז דא אין מדבר זאלן זיך צוזאמענקומען צוויי זין פון פיינטלאכע ראסן, דערצו נאך צוויי מענטשן פון פארביסענער פערזענלאכער קאנקורענץ

יהודה האט געזען האנסן אין דער אלטער היים, אין קליינעם פוילישן שטעטל, ווען ער איז צוזאמען מיט רייזעלען ארום פון וועלדל. ער האט אים אויך פיל מאל באמערקט אין גאס, ווייל דער וועג פון גימנאזיע צו די האלשוואנגס האט געפירט פארביי דער שטיבל, וואו יהודה פלעגט לערנען. ווען אין שטעטל האבן זיך אנגעפאנגען צו פארשפרייטן קלאנגען וועגן האנסן מיט רייזעלען, פלעגט זיך יעדעס מאל יהודה גענויער צוקוקן צו אט דעם דייטשן שפין.

ווען יהודה האט צוזאמען מיט זיינע חברים אנטוואפנט די געפאנגענע נאצים, האט איינער פון זיי באזונדערס געצויגן זיין אויפמערקזאמקייט. יהודה האט גענישטערט אין זיין זכרון און זיך ניט געקענט דערמאנען; ער איז אבער געווען זיכער, אז אט־די געשטאלט האט ער שוין אמאל געזען.

אט דער דייטש איז געווען טאקע ניט קיין אנדערער ווי האנס, דער גרופן־קאמענדאנט פון געפאנגענעם רעגימענט. ער איז געווען באדעקט מיט שטויב, פארוואקסן, — א שאטן פון א מענטשן. ער האט יהודהן ניט געקענט איינגאנצן. אלץ וואס ער האט זיך איצט דערוואוסט, איז בלויז זיין נאמען.

יהודה האט רעווידירט די געפאנגענע אין פארשונג פון פארבארגענע דאקומענטן, געווער און אנדערע זאכן פון מיליטערישן אינטערעס. ווען ער האט דורכגעטאפט האנסעס בגדים האט ער זיך אנגעשטויסן אויף א צעקנייטשט בילד, וועלכעס האט אים א שווינדל געטאן פאר די אויגן מיט א קאראהאד פון אינטימע דערינערונגען. דאס איז געווען א פאטאגראפיע פון רייזעלע דעם שוחטס.

פאר יהודהן איז איצט אלץ געווארן קלאר. יע, אט דאס איז ער, דער אויסוואורף, דער דייטשער פארפירער, וועלכער האט עס אומגליקלאך געמאכט א אידיש קינד, אוועקגערויבט זי פון דער היים,

דערקוירצט דעם סוף פון אלטן, שטעטלשן שוחט. און ער איז איצט אין זיינע הענט, — א נאצישער, וויסטער אכזר אין רשות פון א אידן. עס האט אין אים געזאדן די לוסט פון נקמה, אָבער ער האט זיך איינגעהאלטן. יהודה האט שנעל באהאלטן דאס בילד, באהערשט זיין פארלעגנהייט, בכדי צו פארווישן יעדן חשד ביי די חברים, דערקלערט אז ער וויל צוליב מיליטערישע טעמים אליין האלטן וואך איבער דעם גרופן־קאמענדאנט און האט זיך אָפגעזונדערט מיט אים אין א באזונדער ווינקל.

ווען זיי זיינען געווען אליין, האט יהודה באפוילן האנסן אויפ־צוהויבן די הענט, דערביי האט ער אָנגעשטעלט אנטקעגן זיין ברוסט אן אָנגעלאָדענעם פיסטאָלעט און האט אים אָנגעפאנגען אויסצו־פארשן:

„דו קענסט מיך ניט, אָבער איך קען דיך און געדענק דיך, שמוציקער נאצי! א, פארדאמטער לומפ! האסט זיך פאדקליידט פאר א גימנאזיע־לערער אין א פוילישער שטעטל, דו, גאסן־יונג, און פארפירסט שטילע אידישע טעכטער. וואו איז זי, רייזעלע, אָט דאס מיידל, וועמעס בילד איך האב ביי דיר געפונען? איך קען זי זייער גוט. איך בין אין זייער הויז געגאנגען, מאלצייטן ביי זיי געגעסן און איך ווייס אלץ. וואו איז זי, זאג אוים, ווייל אז ניט וועט א קויל פון דעם פיסטאָלעט מאכן א סוף צו דיין הינטישן לעבן".

האנס האט געקריצט מיט די ציין. אין זיין מוטנעם זכרון פון תאוות און זינד האט זיך אויפגעמישט די געשיכטע פון זיין פארברעכן קעגן רייזעלען. אָ! ווי די גערעכטיקייט פארפאָלגט! אפילו דאָ אין מדבר געפינט זיך א גואל הדם, וואס מאנט פאר בלוט און שאנד.

אין מורא פאר א וויסטן סוף האט האנס געקניט פאר יהודהן און זיך געבעטן:

„גנאדע, מיטלייד! איך וועל אלץ דערציילן, נאָר לאָז מיך לעבן, איך בין נאָך אזוי יונג".

פאר דעם שטאָלצן אידן האט זיך געוואלגערט אין שטויב א קריכערישער נאצי און געבעטלט רחמנות. דער זון פון „העררן־פאָלק", דער ריטער פון נאָרדישן שטאם האט געזוכט מיטלייד ביי א מענטשן פון א „נידעריקער ראסע". דאס גופא איז שוין א זיסער ביסן נקמה.

יהודה איז דערשיטערט געוואָרן. ער האט זיך א ווײַלע פאר־טראכט, בכדי צוזאמענעמען די געדאנקען, אָבער... אין דער מינוט איז געשען עטוואס שרעקלאכעס, פאטאלעס... די דייטשע שלאנג האט אויסגענוצט יהודהס מאָמענטאלע נאכלעסיקייט. געשיקט האט זיך האנס אויפגעהויבן פון דער ערד, אונטערגעשטעלט יהודהן

פוס פון הינטן, אומגעשליידערט אים, ארויסגעריסן דעם רעוואָלווער פון האנט און פארשטאָפּט אים דאָס מויל מיט א טיכל.

זיי האָבן זיך איינגעפלאָנטערט איינע אין די אנדערע און זיך געראנגלט. אין דער צייט האָט האנס ארויסגענומען ביי יהודהן דעם באגנעט פון זיין שייד און אריינגעשטאָכן אים אין פוס. יהודה איז פארפלייצט געוואָרן מיט בלוט.

האנס האָט זיך דאן ארויסגעריסן און איז אנטלאָפן. דאָס אלץ האָט געדויערט געציילטע מינוטן און קיינער האָט זיך ניט געקענט כאפן וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. ווען די חברים זיינען אין אייניקע מינוטן שפּעטער צוגעקומען, בכדי נאָכצופרעגן פאר „אָרדערס", האָבן זיי געטראָפן אָ גרוילהאפטע סצענע. יהודה האָט זיך קאָנ־וואולסיוו געוואָרפן אין יסורים און בלוט און דער דייטשער מער־דער איז שוין שפּורלאָז פארשוואונדן אין דער טיפעניש פון מדבר. די געדיכטע זאמדן האָבן פארהוילן די געהיימעניש פון שענדלאכן אטענטאט.

יהודה איז געוועזן פארוואונדעט, אָבער מער פון דעם שטאָך פון שארפן קינזשאל האָט אים וויי געטאָן די אנטוישונג. א ווילדער נאצי האָט אים אויסגענארט, ארויסגעדרייט זיך לעבעדיקערהייט פון זיינע הענט און דערצו מיטגענומען מיט זיך אין וויטן מדבר דעם גרויסן סוד וועגן רייזעלען.

דער בליץ-אָנגריף אויף פוילן

דער הערבסט פון 1939 האָט זיך אָנגערוקט.

ווען עס האָבן שוין געקראכט אונטער דעם אייזערנעם קנאפל פון נאצי־טיראן די רואיקע לענדער פון עסטרייך און טשעכאָסלאָ־וואקיע, האָט זיך דער אומגעזעטיקטער אפּעטיט פון אדאָלף היט־לער פאָסמאקעוועט אויף פוילן, א דערבייאיגער שכן, באקוועם צו גרייכן און צו באזיגן, — דערצו נאָך מיט א 3 מיליאָניגן ישוב פון אידן.

דער „בליץ" אויף פוילן איז דורכגעפירט געוואָרן פון צפון, מערב און דרום אין איין צייט. די פוילישע זון איז פארגאנגען אין פלאמען פון אירע יחוסדיקע שטעט. פיינטלאכע טענקס אויף דער יבשה און באָמבעס געשליידערט פון דער לופט, האָבן געהאָגלט מיט חורבן און טויט אויף דער איינגעפונדעוועטער „שליאכעצ־קער" באלעבאטישקייט פון דורי דורות. בליענדע געגנטן זיינען פארוואנדלט געוואָרן אין אש און שטויב. פוילנס בארימטע טייכן זיינען פארפלייצט געוואָרן מיט דעם פרישן בלוט פון אירע זין און טעכטער.

סעפּטעמבער 1939 איז געוועזן דער שווארצער חודש אין דער

בראַניק פון פוילנס מאַרטיראָלאָגיע. א פּאַניק האָט באַהערשט די באַפעלקערונג, וועלכע איז געפלויגן אין אומבאַוואוסטער ריכטונג ווי צעפּלאָשעטע פייגעלן פון זייער נעסט. אַלץ איז געווען אַזוי פלוצלונג, אַזוי שטורמיש און מעכטיק, אַז דאָס לאַנד האָט זיך געקרישלט אונטער דעם בליציקן אָנגריף פון שונא. לאָדזש, טשענסטאָכאָוו און קאַליש — אין מערב, קאַטאָוויץ, סאָסנאָוויץ, בענדזין און ביעלסקאָ אין דרום — פוילנס אינדוסטריעלע צענטרען און וויכטיקע באַן־אָרטער־ריעס האָבן געפלאַקערט אין העלישן פייער. ווארשע, דאָס האַרץ פון פוילן, האָט קאַפּיטולירט דעם 29־טן סעפּטעמבער 1939 אונטער דעם הוראַגאַן פון פיינדלעכער באָמבאַרדע און אירע הייזער, גאַסן און בולווארן זיינען געוואָרן איין גרויסער גהינום פון נאַצישער ווילדקייט און צעפּענטעטע אינסטינקטן.

אין מאַרש פון טויט

טריי זיינע טייוולאָנישע פּלענער האָט היטלער און זיין גענג זיך אויך דאָ גענומען צו די אידן, אָבער מיט מער קאַלטבלוטיקייט און סאַדיזם, ווי אין דייטשלאַנד. ער האָט פאַרוואַנדלט פוילן אין דעם צענטראַלן שלאַכט־הויז, וואו אידן פון גאַנץ אייראָפּע האָבן געדאַרפט געפינען זייער טראַגישן סוף אין דער ווארשעווער געטאָ, אין דעם קאָנצענטראַציע־קעמפּ פון לובלין, אין די גאַז־קאַמערן פון טרעבלינ־קע און אין די תפיסה־צעלן פון פוילן. די בראַניק פון אידישן פיין און גרויל אין פוילן איז איין שרעקלעכער „יזכור"־רעקאָרד פון מיליאָנען מענער, פרויען און קינדער, וועלכע זיינען אומגעקומען מיט די אומ־גלויבלעכסטע מיתות משונות. דער צוקונפטיקער מקונן וועט אין זיין „איכה" איבערשטייגן ירמיהו הנביא.

אין ווארשע איז אינסצענירט געוואָרן א שרעקלעכע אָרגיע פון אידיש בלוט, — אַזוינס וואָס דער טייוול אַליין וואָלט עס ניט געקענט פאַרטראַכטן. ווען בערג פון אידישע הרוגים האָבן זיך גע־וואַלגערט אין די גאַסן פון נאַלעווקע, גענסיע, סמאָטשע און פּאַוויע זיינען די ביסל פאַרבליבענע אידן געצוואונגען געוואָרן אָנצוטאָן זייע־רע שבתדיקע קליידער און ביי טישן מיט מאכלים און געטראַנקען פראַווען א שמחה, זינגען און זיך לאָזן וואוילגיין איבער די אומגע־בראַכטע ברידער. דערביי זיינען געשטאַנען דייטשע פילם־אָפּעריי־טאָרס, וועלכע האָבן פאָטאָגראַפירט די פינצטערע וואַקכאַנאַליע און שפּעטער־צו געוויזן עס אין דער בערלינער מאָוווי הייזער אַלס אויס־שטעלונג פון אידישער מאָראַלישער געפאַלנקייט און אַלס שאַנד־פלעק פאַר אונזער פאָלק. די ווילדסטע בייזוויליקייט פון אַזאַ אינסצע־ניזירטן שדים־טאַנץ קען בלויז אָפּגעקויפט ווערן מיט דעם בלוט און מאַרך פון לעצטן נאַצי און מיט דעם לעצטן שטיין פון בערלינער ברוק.

נאַציס שערען אָפּ באָרד און פּיאות
ביי אַ פאַרפייניגטען פוילישן אידען.

אלס צוגאָב צו די ווילדע גרויזאַמקייטן אויף דערוואַקסענע האָט זיך דער וויסטער נאַצישער צאָרן אויסגעגאָסן אויף אומשולדיקע קליינע קינדער. באַריכטן דערציילן, אַז מען האָט צוזאַמענגענומען קליינוואַרג פון בעלגיע, האָלאַנד, טשעכאָסלאָוואַקיע, פוילן און אַנדערע לענדער אונטער דעם דייטשן קנאָפּל, געבראַכט זיי אין די שחיטה־פּלעצער פון פוילן און אויסגעצאַפּט פון זיי בלוט פאַר די פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן אויף דעם רוסישן פראַנט. די קינדערלעך זיינען אויסגעגאַנגען אין אומבאַשרייבלעכע ווייען, ווי אין יענע שרעקלעכע צייטן פון פרעה מלך מצרים, וועלכער האָט געבאָדן זיין קרעציקן גוף אין דאָס בלוט פון די יונגע קרבנות. דער קרימינעלער קאָדעקס פון קיין לאַנד האָט נאָך ניט צוגעטראַכט קיין שטראָף פאַר אַזעלכע אומגלויבלעכע, אָבער אַזוי טראַגיש־אמתע פאַרברעכנס.

די אינקוויזיטאָרישע געסטאַפּאָ

ווען יהודה האָט געקעמפּט ווי אַ לייב אין דער וויסטעניש פון מדבר פאַר דעם נצחון פון גערעכטיקייט. האָט רייזעלע, פאַרשטעלט אונטער איר נייעם אַרישן נאָמען „טערעזאַ פונקע", אויסגעקליגט דעם שונא, ווי אַ פוקס, און פאַרוועבט אַרום דער נאַצישער בעסטיע אַ נעץ פון שטרויכלונגען, חורבן און טויט. איר צוריקקער צום מקור, איר דערוואַכט „פינטעלע איד" האָט אויך מיטגעבראַכט אַ נאָגנדע בענקשאַפט נאָך יהודהן דעם קלויזניק, דעם טרוימערישן ערלעכן חסידישן בחור מיט די ווייכע אויגן און גאָלדענע האָר. יאָ, זי פילט, ווי טויזנטער פעדים בינדן זי צוזאַמען מיטן יונגן זון פון איר שטאַם. זי האָט נאָר געוואָלט, אַז אויך אין זיינע אָדערן זאָל שלאָגן דער שטאַרקער מוט פון אַן אומבאַצווינגבאַרן פאָלק, ווי זי אַליין פילט דאָס איצט. זי האָט געטרוימט דערפון, אַז זיין קרומער רוקן, אויסגעבויגן אין דורותדיקן יאָך פון גלות, זאָל זיך אויסגלייכן אין דעם שטייפן שטאָלץ פון ווידערגעבורט און אין דעם ווילן צו לעבן אַ פריי, געזונט לעבן אונטער די הימלען פון היימלאַנד. אָ, ווען זי ווייסט, אַז ער לעבט ערגעץ־וואו און אַז ער איז ווירקלעך אַזוי, ווי זי שילדערט אים אין איר פאַנטאַזיע, ווי גליקלעך זי וואָלט געווען צו קלאַמערן זיך צו אים און צו שפּאַנען צוזאַמען אויף דעם ווייטערדיקן וועג פון לעבן!

דאָס זיינען געווען געפילן, טיף פאַרבאָרגענע, אויף דעם דעק פון איר נשמה, אָבער אין דער עפנטלעכקייט איז זי געווען די אומבארחמנותדיקע, פרעכע טערעזאַ פונקע, די כלומרשטע הונדערט־פּראָצענטיקע דייטשקע מיט אַ ווילדן האַס צו אידן און אידישקייט. איר האַלטונג איז געווען פרעך, פאַרשייט און פּראָוואָקאַטאָריש. איר געלעכטער איז געווען בייסיק און ציניש. טערעזאַ איז מיטגעגאַנגען מיט דעם דייטשן מיליטער אין די שלאַכטן פון פוילן. די נאַציס האָבן באַוואונדערט איר טרייהייט צום „פירער", וועגן וועלכן זי פלעגט ריידן מיט גרויס באַגייסטערונג. איר סאַלוט „הייל היטלער" איז שטענדיג געווען דער הילכיגסטער און שטאַרקסטער. עס איז קיינעם ניט איינגעפאַלן צו צווייפלען אין איר לאָיאַליטעט צום „דריטן רייך". טערעזאַס ידיעות פון פויליש און דייטש זיינען יעצט זייער גוט צונוץ געקומען. איר יודן־האַס האָט געדינט אַלס אַ גוטער געווער אין די הענט פון די נאַציס. טערעזאַ איז אויפגענומען געוואָרן אַלס סעקרעטאַרין אין דער „געסטאַפּאָ". זי האָט געהאַט אַ פרייען צוטריט צו אַלע געהיימע דאָקומענטן. איר אויפגאַבע איז געווען צו בייוואוינען פאַרהערן פון די „אונטערערדישע באַנדיטן", ווי די נאַציס האָבן גערופן די פּאַרטיזאַנער, צו איבערזעצן זייערע דערקלערונגען פון פויליש אין דייטש און צוזאַמענשטעלן פּראָטאָקאָלן דערפון.

רייזעלע אַלס די פֿאַרשטעלטע דייטשע
געסטאַפּאָ־סעקרעטאַרין, טערעזאַ פֿונקע.

טערעזאַ האָט זיך געצויגן צו איר געבורט־שטעטל ס., אין דער האָפֿענונג, אַז זי וועט נאָך עפּעס אויסגעפֿינען וועגן איר אומגליקלעכער מוטער. אויף איר פֿאַרלאַנג האָט מען איר צוגעטיילט אַהין צום אָרטיקן געסטאַפּאָ נאָך איר פֿאַרזיכערונג, אַז זי איז דאָרט געווען שוין פֿאַרן קריג, קען אַלע שמוציקע אידן און וועט ווירקזאַמער קענען

דערשטיקן דעם בונט פון דעם נידערטרעכטיקן פּאָלק געגן דעם „דריטן רייך". זי האָט פייערלעך פאַרשפּראָכן, אַז זי וועט העלפן אָפּווישן אָט־דעם מיאוסן שטאָם אין דעם מבול פון זיין אייגן בלוט.

ווען טערעזאַ איז געקומען אין איר עלטער היים, האָט זי גע־פונען אַ שרעקלעכן כאָאָס. די יונגוואַרג איז זיך צעפלויגן. זי איז שפּעטער געוואויר געוואָרן, אַז זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די דערבייאיקע וועלדער און פאָרמירט גאַרילאַס, וועלכע האָבן טעראָרי־זירט די דייטשן. אָט די יונגע העלדן, וועלכע זיינען אומגליקלעכער־ווייזע געכאַפּט געוואָרן דורך די נאַציס, פלעגן שפּעטער דערשיינען פאַר דעם שעף פון דער געסטאַפּאָ אויף אַ קרייץ־פאַרהער און טערע־זאַ האָט עס געדאַרפט פּראָטאָקאָלירן די אינקוויזיטאָרישע אויספאָר־שונג.

די עלטערע פון שטעטל זיינען מערדערלעך אומגעבראַכט גע־וואָרן דורך די נאַציס. דערביי איז דערגאַנגען צו איר אַ ידיעה, אַז איר אומגליקלעכע מאַמע איז דערמאָרדעט געוואָרן אויף אַ בעסטיאַ־לישן אופן; זי האָט געפונען איר טויט אויף דער תליה צוזאַמען מיט נאָך פיל פרויען און מענער.

אין שטעטל האָבן זיך אויך געוויזן נייע פּנימער פון צוזאַמענ־געפלויגענע אידן. דאָס זיינען געווען פּליטים פון אַנדערע שטעט וועלכע האָבן זיך געהאַפּט דאָ צו ראַטעווען פון שונאס קויל, ווען זיי זיינען אַנטלאָפן פון די פּאָגראָמירטע קהילות אין וואַרשעווער געגנט, אָבער אויך דאָ האָט דערגרייכט דער פייערדיקער רוט. פון דער שטעטל־שער שול איז געבליבן אַ בערגל אַש. די ווילדע רוצחים האָבן גע־צוואונגען די גרייז־גרויע חסידים אַליין צו וואַרפן פייערדיקע שטור־קאַצן אויף דעם דאַך און ווענט פון דעם מקום קודש. די ספרי תורות זיינען עפנטלעך געשענדעט געוואָרן אין שטעטלשן מאַרק און אידן האָבן געדאַרפט טאַנצן אַ ריקוד אַרום דעם פאַרשוועכטן הייליגטום. פון פיל הייזער זיינען נאָר געבליבן די קוימענס. אידיש האָב און גוטס האָט זיך געוואַלגערט אין די גאַסן. שאָטנס פון מענטשן, סקעלעטן זיינען געשטאַנען אין ריי נאָך אַ שטיקל שוואַרץ ברויט, געמישט מיט האָלץ־שטויב, און אָט דעם לוקסוס האָט מען אויך ניט געקענט קריגן צו זאַט.

טערעזאַ איז דערשלאָגן געוואָרן דורך איר מוטערס אומקום. איבערגעריסן געוואָרן דער לעצטער פאָדים. איצט איז זי איינע אַליין אין דער וועלט. זי האָט געפילט אַז עס רוקט זיך אויף איר אָן אַ באַל־דיקער צוזאַמענברוך. צופיל קלעפּ האָט שוין אויף איר געהאַמערט דער שווערער גורל: פאַרלאָרן אַ היים, אַ מאַן, אַ טאַטן, און איצט אַ ביטערער פאַרבייסן: אַ קיילעכדיקע יתומה. אָבער אָט אין די מינוטן פון פאַרצווייפלונג איז אין איר געוואַקסן דער באַוואוסטזיין פון אחריות; זי מוז איצט ווייטער לעבן. זיי אויף צו־להכעיס, מוז זי מיט יעדן טאָג פון איר לעבן אויסברייטערן דעם טויטן־צוג פון די נאַציס. דאָס פּאָלק דאַרף זי יעצט האָבן נויטיגער ווי ווען עס איז פריער. זי איז דער גייסט פון נקמה און פאַר דעם מוז זי ווידמען אַלץ

וואָס זי פאַרמאָגט — איר נאָמען, איר כבוד און איר גוף. דער באַגער פון נקמה איז נאָך ביי איר געוואָרן שטאַרקער און רייפער און די פאַרהאַרטעוועטע רייזעלע, אין איר שפּאָגל נייער הויט פון טערעזאַ פונקע, אויסגעלייטערט אין יסורים און צעגליט דורך דעם לוסט פון נקמה, האָט אין זיך אויסגעשמידט שטאָלענע נערוון צו טראָגן ווייטער איר ביטערן גורל.

די קוואַרטיר פון געסטאַפּאָ אין שטעטל מ. איז געווען דער אינקוויזיציע פּלאַץ פון אומשולדיגע מאַרטירער. דער אויספאָרשונגסצימער, אין וועלכן טערעזאַ איז געזעסן, האָט מיט זיינע רויטע בלוטפלעקן אויף דער פּאָדלאָגע און אויף די ווענט, שוין געקענט עדות זאָגן אויף די גוואַלדטאַטן וואָס קומען דאָרט פאָר. פאַרביי אירע צאַרטע אויגן פלעגט מען דורכפירן צעביילטע און צעמזיקטע פּאַרטיזאַנער מיט אונטערגעשלאָגענע אויגן און אָנגעשוואָלענע פּנימער, געשמידט אין קייטן. דער אויספאָרשער פלעגט זיי פּייניקן מיט זיינע שרעקלעכע פראַגעס, צווינגען זיך מודה צו זיין אין פאַרברעכנס פון שפּיאָנאַזש און דערביי שלאָגן מכות רצח. טערעזאַ האָט אויך געוואוסט פון פאַלן, וואָס חברה יונגוואַרג פלעגן פאַרשווינדן אין אָנגעלאָדענע נאַצישע טראָקס, געבראַכט ווערן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער און אין איינציקע טעג שפּעטער פלעגט די משפּחה באַקומען אַ סאָווועניר, אַ קעסטעלע אַש מיט אַן אויפשריפט: „באַגאַנגען זעלבסטמאָרד".

אין איר מוטנעם זכרון, וועלכער איז פאַרטונקלט פון ביטערע דערינערונגען, עגבערט נאָך די שרעקלעכע סצענע, וועלכע זי האָט ביייגעוואוינט אין דער אינקוויזיציע־קאַמער.

מען האָט אַריינגעפירט אַ יונגן בחור, צעקיילט, צעמזיקט, געשמידט אין קייטן, צוזאַמען מיט זיין אַלטן טאַטן. דער העלד איז געבראַכט געוואָרן אַהער אונטער דעם פאָרוואורף, אַז ער האָט זיך באַטייליקט אין אַ שׂרפה פון שייערן, וואו עס זיינען געווען תבואה־זאַפּאַסן פאַר דער דייטשער אַרמיי. דער אויספאָרשער האָט ביי אים געפאָדערט אַז ער זאָל אַרויסגעבן די איבעריקע „באַנדיטן" פון דער אונטערגרונט. טערעזאַ האָט עס געשטעלט די פראַגן אין פּויליש, איבערזעצט אין דייטש און פאַרשריבן די ענטפערס. צוויי זשאַנדאַרן מיט בלאַנקע שווערדן זיינען געשטאַנען ביי דעם יונגנס ביידע זייטן. דעם טאַטן האָט מען אויסגעטאָן נאַקעט ביז העלפט, צוגעבונדן צום וואַנט און געפּאָכעט פאַרביי זיין ברוסט מיט אַן אָנגעגליטן האַקנקרייץ. מען האָט געדראָט דעם זון, אַז אויב ער וועט ניט אויסזאָגן, וועט מען פאַר זיינע אויגן איינפּרעסן דעם האַקנקרייץ אין זיין טאַטנס האַרץ.

דער יונג האָט פאַרפּרעסט די ליפּן און געשוויגן. אין זיינע אויגן האָט געפינקלט אַ הייליגער שימער פון אַ מאַרטירער, וועלכער האָט געקוקט מיט שטאָלץ דעם טויט אין די אויגן, מיט עקל פאַר דעם הענ־

קער און מיט אַ וויזיע פאַר אַ שענערער, בעסערער וועלט. דער אויס־
פאָרשער האָט געדונערט. פון זיין פאַרקרימטן מויל איז גערונען אַ
געדיכטער שוים פון כעס. ער האָט געקלאַפּט אין טיש, געבײַלט די
פויסטן און געפּאָדערט אַן ענטפער: „שפּרעכע, פאַרדאַמטע יונגע”!
דער בחור האָט ווייטער פאַרעקשנט געשוויגן. שווערע קלעפּ פון גו־
מענע שטעקנס, אָנגעלאָדן מיט בליי, זיינען געפאַלן אויף זיין מאָגער
לייב. ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן פון די פיס.

און אָט אין דעם פלאָנטער פון עקשנות און יסורים, האָט דער
יונג דערהערט זיין טאַטנס שטימע, וועלכע האָט געקלונגען דערמו־
טיקנד, נביאיש: „זון מיינער, טראָג אַוועק אין קבר דיין סוד, וואָס
דיינע חברים האָבן דיר פאַרטרויט. זאָרג זיך ניט פאַר מיר. איך וועל
שוין באַלד זיין אויך מיט דיר צוזאַמען, אויסגעלייזט פון די הענקע־
רישע הענט. דער טויט וועט אונז פאַראייניקן און איבער אונזער
בלוט און פלייש וועט אויפשטיין תחית המתים אַ נייע, דערוואַכטע
פוילן, יונג און דערפרישט אין דעם אַלטן שטאָלץ פון איר טראַדיציע.
געדענק די ווערטער פון אונזער גרויסן דיכטער מיצקעוויטש: „דעם
גוף קען דער שונא פאַרשקלאַפן אָבער דער גייסט בלייבט פריי”. אי־
בער אונזערע קברים וועלן חברים ווייטער טראָגן די פאָן פון פריי־
הייט און דער ווייסער אָדלער וועט שוועבן אין דער לופט הויך, שטאָלץ
און זיגעריש”.

געגנאיבער דעם טעראָר פון נאַצישע שווערדן און פּיסטאָלעטן
האָבן די פאַרפייניקטע טאַטע און זון זיגעריש מבטל געווען דעם
שונא, העלדיש אויפגענומען דעם ביטערן כוס פון גורל.

דער אויספאָרשער האָט געפרעגט טערעזאַן, וואָס דאָס אַלץ
מיינט, און ווען זי האָט אים איבערזעצט די גליענדע ווערטער פון
פויליש אויף דייטש, האָט זיך דער נאַצי אויפגעריסן פון אָרט ווי אַ
פאַרוואונדעטע חיה. זיינע אויגן זיינען פאַרלאָפן מיט בלוט און ער
האָט געררעוועט, ווי אַ געשוחטענער אָקס: „אַ טויט די באַנדיטן,
די קרעציקע הינט, שוין צופיל מיספּרויכן זיי אונזער געדולד”.

דאָס האַקנקרייץ האָט זיך איינגעגעסן אין זקנס לייב און זיין
ווייגעשריי האָט פאַרהילכט די לופט. דער יונגער פּאָליאַק איז גע־
פאַלן אין חלשות אונטער דעם זעץ פון אַ ביקס און פּריש, צאַפּל־
דיק בלוט האָט אויף די ווענט און דער פּאָדלאָגע פאַרשריבן די
סימנים פון ברוטאַלער גוואַלדטאַט איבער אַ שוצלאָזע מאַסע מענטשן,
וועמענס פאַרלאַנג איז צו לעבן פריי און פרידלעך.

טערעזאַ האָט געפיבערט פון גרויל. זי האָט דעם יונג גראָד
געקענט. דאָס איז פּאַוועל, איר שול חבר, מיט וועמען זי האָט זיך
צוזאַמען אין גימנאַזיע געלערנט. אַ וואויליער, איידעלער און פריינד־
לעכער.

שרעקלעכערע סצענעס זיינען זיך פאַרלאָפן פון אידישע גע־

פאַנגענע, ווען מען האָט געצוואונגען צו שלאָגן זייער אייגענע טאַטע־מאַמע, שניידן בערד ביי אַלטע אידן, פאַרשוועכן אידישע הייליקטימער. אַ שוידערלעכער גרילץ פון אַ „שמע ישראל” אין גסיסה־כאָרכל פלעגט איבעררייסן דעם לעצטן פאָדעם פון מאַרטירערישע לעבנס.

דער אויספאָרשער פלעגט אין אַזעלכע פאַלן ציניש לאַכן און פלעגט זיך רייבן די הענט פון הנאה. ער האָט זיך געפלייסט, אַז ער וועט שוין ביי די פאַרעקשנטע באַנדיטן קריגן לשון, בלויז צוטראַכטן נאָך אַ ביסל אַ שווערערע אינקוויזיציע. ביי די ווערטער פלעגט ער פאַרשייט ברומען דאָס אידן פרעסערישע ליד „ווען יודענבלוט פאָם מעסער שפריצט”. טערעזאַ האָט מיטגעלאַכט און מיטגעזונגען מיט איר פאַרדאָרבענעם שעף. איר פרעכער געלעכטער האָט פאַרהילכט די געסטאַפּאָ־קוואַרטיר און ניט געדאַכט האָט קיינער, אַז דאָס איז אַ בייסיקע איראָניע, וועלכע טראָגט אין זיך דעם סם פון אַ שפּעטערדיקער גרויזאַמער טאַט.

אין אונטערערדישן שוים.

דער בליץ־אָנגריף אויף פּוילן האָט טאַקע צעקריפּלט דאָס לאַנד, אָבער דאָך ניט באַוויזן צו באַצווינגען דעם גייסט פון זיינע זין און טעכטער. דאָס גרויסע האַרץ פון פאָלק האָט דאָ פּולסירט מיט דעם פּוילן ריטם, געאָטעמט מיט דער לוסט פון נקמה. אויף דעם באַשלוס פון דער אונטערערד פלעגן זיך פון דאָרט אַרויסשלייכן אויף דער אויבערפלאַך מיסטישע שאָטנס, וועלכע פלעגן שוין אויספירן דעם גערעכטן פּסק דין איבער דער „אויבער וועלט” און אָפּראַמען פון וועג די שמוציקע און רוצחישע נאַצים.

די אונטער ערד איז אַ מוסטערהאַפטע אָרגאַניזאַציע מיט שטרענגער אָרדענונג און דיסציפּלין. זי פאַרמאָגט מיליטער, צעטיילט די דיוויזיעס, רעגימענטן און אַנדערע פאָרמאַציעס, אונטער שטרענגע אָרדערס פון פאַראַנטוואָרטלעכע אָנפירער. ביי טאָג איז אָט־די אַרמיי אינגאַנצן ניט קאָנטיק. אירע מיטגלידער זיינען באַשעפטיקט אין אַלע צווייגן פון לעבן, און אָפטמאָל אויף הויכע, פאַראַנטוואָרטלעכע שטעלעס ביי די נאַצים גופא, ווען זיי נאַרן אויס מיט כלומרשטער לאָיאַליטעט. די אָונטערערד דאַרף זיי נויטיק האָבן, ווייל זיי זיינען די בעסטע שפּיאָנען און ליפערן דעם וויכטיקסטן געהיימען אינפאָרמאַציע מאַטעריאַל. ביינאַכט ווערן די אַלע שטילע מענטשן געשפענסטער, וועלכע לאָזן זיך פאַנאַנדער אויף וויכטיקע מיסיעס, וועלכע שטראָפן די שולדיקע און שיצן די שוצלאָזע. די אונטערערד פאַרמאָגט אַרסענאַלן מיט פּולווער, אַמוניציע און געווער, וועלכע זי גיט אַרויס אין באַרעכטיקטע פאַלן. אויף

דעם עושטן סיגנאַל פון די עלאַים ווען פון די קעלערן און היילן אַרויסטויכן אַ מעכטיקע באוואָפנטע קראַפט, אַ פאַסטקע פאַר די מערדער, אַ מעסער אין רוקן פון שונא.

אין דער אונטערערד פונקציאָנירט אַ טריבונאַל, וועמעס וואָרט עס איז געזעץ און וועמעס אורטייל עס איז אַ חוב און ערע אויס־צופירן. עס זיינען באַקאַנט פאַלן, אַז אָט־דער טריבונאַל האָט גע־משפט ניט בלויז דייטשן נאָר אויך פאַררעטערישע פאָליאַקן און זייער פסק דין איז אויסגעפירט געוואָרן גענוי און פינקטלעך. אַ באַ־זונדער כוח פון אונטערערד איז די פרעסע און ראַדיאָ. געהיימע סטאַנציעס גיבן איבער נייס פון דער גאַנצער וועלט, מוטיקן די באַפעלקערונג און אַגיטירן קעגן שונא. עס זיינען באַקאַנט פאַלן, ווען אין ביאַליסטאָקער געגנט האָט אַ געהיימע ראַדיאָ געהייסן די מיטגלידער צו געבן די איטאַליענער ציווילע זאַכן און העלפן זיי דעזערטירן אַהיים נאָכדעם, ווי איטאַליע איז אַרויס פון קריג. דאָס האָט געדאַרפט אָפּשוואַכן די דייטשע כוחות אין פוילן און אַרויסרופן פאַניק ביי דעם שונא.

עס ווערן אויך געדרוקט און פאַרשפּרייט געהיימע צייטונגען אין פויליש, אידיש און דייטש. די צייטונגען דערציילן אָפט וועגן אַטענ־טאַטן אויף דייטשע קאָמענדאַנטן אין די פוילישע שטעט, און זאָגן אויס סודות פון חדר, וואָס די דייטשן באַהאַלטן פון זייערע אייגענע געגנאָסן.

אַ באַזונדער קאַפּיטל אין אָט דעם עפּאָס זיינען די פּאַרטיזאַנער גרופן, אָדער די גערילאַס, וועמען די נאַציס רופן אָן „די באַנדיטן". זיי זיינען צעשפּרייט אין די וועלדער און צווישן די בערג און פון דאָרט, באַפאַלן זיי באַנען, קאָנוואָיען גרופן פון נאַציס. זיי זיינען אַ שרעק וואָרט ביי די האַקנקרייץ־ריטער, וועלכע ווייזן נאָר בריהש־קייט אויף שוצלאָזע זקנים, קינדער און פרויען, אָבער קאָנען זיך ניט פאַרמעסטן מיט אַ גלייכן שטאַלצן קעגנער.

די אונטערערד גיט זיך אָפּ ניט נאָר מיט קאַמף קעגן שונא אויף אַלע מעגלעכע וועגן נאָר אויך מיט זאָרג פאַר דער ליידנדער באַ־פעלקערונג. עס ווערן איינגעאָרדנט קיכן פאַר הונגעריקע, מעדיצינישע סטאַנציעס פאַר קראַנקע, שולן פאַר קינדער. עס ווערט אָנגעהאַלטן די ווידערשטאַנדספעאיקייט פון פאָלק ביז די שעה פון דערלייזונג וועט שלאָגן. פון באַזונדער אינטערעס איז די באַציאונג פון דער פוילישער אונטערערד צו דער אידישער טראַגעדיע. די בעסערע פוילישע באַפעלקערונג גייט אין איין האַנט מיט די אידן.

די אידישע פּאַרטיידיקונגס־קאַמפן דורך די גערילאַס זיינען אַ באַזונדער בלאַט פון העראָאיזם אין דעם קאַפּיטל פון אונטער־ערדישן געראַנגל פאַר פרייהייט. אין די פינסקער בלאָטעס זיינען צעשאָטן אידישע פּאַרטיזאַנער, וועלכע רעכענען זיך אָפּ מיט דעם

שונא אויף יעדן שריט און טריט, ווען ער פאלט נאָר אריין אין זייערע הענט. אַזעלכע גרופּן זיינען פאראַן אין אַלע ווינקלען פון לאַנד. דער הייליקסטער דאָקומענט און דענקמאָל פון אידישער מאַרטיראָלאָגיע איז דער ווידערשטאַנד פון דער וואַרשעווער געטאָ.

„תמות נפשי עם פלשתים" אָט דער אַלטער לאָזונג פון שמשון הגבור האָט יעצט אָנגעצונדן דאָס האַרץ און ווילן פון אַלטמאָדישן חסיד אין דער לאַנגער קאַפּאָטע און פון דעם מאָדערנעם חלוץ מיט דער צעכראַשטשעטער העמד און פאַרקאַשערטע אַרבל, דעם פּעדלער פון די נאַלעווקים צוזאַמען מיט דעם פאַבריק־אַרבעטער און דעם פראַכט־טרעגער פון די באַנען. דאָס פונק פון בר־כבאָן האָט אין זיינע געשיכטלעכע גלגולים דורך טויזנטער יאָרן געפונען זיין ברען שטאָף אין דעם צער און צאָרן פון אַ גוססדיק פאָלק וואָס האָט מיטאַמאָל דערפילט די הייליקע אַמביציע פון שטאַרבן, ווי ריטער, נאָכדעם ווי הויפנס פון נאַצישע פגרים זאָלן זיך וואַלגערן אין שטויב.

דאָס פאַרצוימטע, איינגעקלעמטע און דערשטיקטע געטאָ האָט אויפגעריסן די קייטן. באַלאָדן מיט געווער פון דער אונטערגרונט, אונטער דער קאָמאַנדע פון געשולטע פוילישע מיליטער לייט פאַר־שוואָרן צו שטאַרבן על קדוש השם מיט וואָפן אין האַנט, האָבן די יונגוואַרג זיך פאַרבאַריקאַדירט אין די קעלערן פון די הייזער, אַלס פאַסטקע פאַר דעם שונא. ווען די ווילדע שטורמיסטן זיינען אַריינ־געדרונגען אין געטאָ אויסצופירן מיט גוואַלד זייער עקספּעדיציע־פּלאַן האָט פון „דעם טאָל פון די טרוקענע ביינער" ווי אין יחזקאל הנביאס צייטן, אַ שטראָם געטאָן אַ באַוואָפנטע אַרמיי פון העלדן, פאַר וועמען דורות וועלן בויגן די קעפּ אין טיפסטן דרך ארץ. די געהיימענישפולע שפּאַלטן און לעכער פון דער גרויסער קאָלעקטיווער וואַרשעווער חורבה זיינען געוואָרן די סטראַטעגישע פּאָזיציעס, פון וואַנען פייער האָט געהאָגלט אויף די טיראַנען.

4 וואָכן צייט האָט זיך די געטאָ געוויקלט אין פלאַמען. די דייטשן האָבן ביטער באַצאָלט פאַר זייער ווילדן אַפּעטיט נאָך אי־דישע לעבנס. אויף דעם ברוק פון לעשנאָ, נאַלעווקי, מוראַנאָוו און גענשא האָבן זיך געגאָרנט זייערע פגרים זייט ביי זייט מיט אידישע קדושים. טראָקס, מאַשין־ביקסן און פאַנצער־אויטאָמאָבילן זיינען געלעגן אין ברוך צעשמעטערטע.

אומגליקלעכערווייז, האָבן די רעשטלעך פון וואַרשעווער אידנ־טום באַצאָלט מיט זייער מאַרך פאַר דעם געוואַגטן שריט, אָבער עס איז דאָך דערגרייכט געוואָרן אַ גרויסער נצחון. וואַרשע איז דורכ־געווייקט געוואָרן מיט דעם טריפהנעם נאַצישן בלוט און דער אי־דישער כבוד, געהילט אין דער בלוי־ווייסער פאָן, וועט קענען קו־מען, אין טאָג פון חשבון, צו דעם רונדן טיש פון פעלקער מאָגען זיין טראָפּיי פון נצחון פאַר מאַרטירערשאַפט און העלדנטום אין

יענעם גרויסן און הייליקן געראַנגל, ווען הימלען האָבן געדונערט, ערד האָט זיך געטרייסלט און דער גורל פון וועלט און מענטשהייט איז געשטאַנען אין קאָן...

דער בלאָנדער טייוול

טערעזאַ פונקע איז געווען געאַכטעט בײַ די נאַציס פאַר איר עקסטרעמען אידן־האַס, אויפגעלייגטקייט און גוטן הומאָר. זי פלעגט זיך אונטערהאַלטן אין דער געזעלשאַפט פון דײַטשע באַאַמטע, וועלכע האָבן פאַר איר געהאַט גרויס דרך ארץ און זיך צו איר באַצויגן מיט אָנשטענדיקייט און באָן־טאָן. זי איז געווען די דאַמע פון דעם העכערן קרייז, פון די אָנגעזעענע אָפיצירן און גענעראַלן און פון די קאָמענדאַנטן פון געסטאַפּאָ. אַ גאַנץ אַנדערע באַציאונג האָט צו איר געהאַט די „אונטערגרונט". עס זײַנען דערגאַנגען אַהין קלאַנגען, ווי קאַלטבלוטיק זי באַציט זיך צו די אַרעסטאַנטן בײַ דער אויספאָרשונג; ס'אַראַ ווילדע הנאה זי האָט צוזעענדיק זייערע יסורים און ווי זי לאַכט הויך אויפן קול ווי אַ גיפטיקע שלאַנג, ווען דער אויספאָרשער באַליידיקט די אומגליקלעכע געפאַנגענע, פּאָליאַקן און אידן. אין דעם שוים פון דער אונטערערד האָט מען איר דערפאַר גערופן מיט דעם פאַרהאַסטן נאָמען „דער בלאָנדער טייוול" און מען האָט ערנסט באַטראַכט דעם פּלאַן פון מאַכן אויף איר אַן איבערפאַל און פאַרשלעפּן זי אין די הײַלן. דאָרט וועט מען פון איר צום אַלעם ערשטן אַרויספּרעסן געהיימענישן וועגן דאָקומענטן און אינפאָרמאַציע, וועלכע זײַנען וויכטיק פאַר דער אונטערערד. מען וועט טאַקע זען, ווי עס וועט איר אַליין שמעקן דער טעם פון ברעכן פינגער צווישן טירן, שטופּן פּייער אין מויל, רוקן נאָדלען אין די אויגן.

דערווייל האָט מען אויסגעהאַנגען אין שטאָט פּלאַקאַטן, אַז אין אַ באַשטימטן אָוונט וועט פאָרקומען אַ פאָרוויילונג פאַר די דײַטשע באַאַמטע אין דער מיליטערישער קאַסינאָ. אין דער „אונטערערד" האָט מען פאַרשטאַנען, אַז אויך טערעזאַ וועט זײַן אָנוועזנד בײַ דער נאַצישער שמחה. מען האָט באַשלאָסן זי אָפּצוּוואַרטן און קידנעפּן בײַ איר צוריקקער אַהיים און מען האָט באַשטימט וואַכן אויף דעם וועג פון קאַסינאָ צו איר וואוינונג און אַפילו הינטער דעם שוועל פון איר טיר. בראַווע חברה־לײַט האָבן אונטערגענומען אָט די געפערלעכע שטיקל אַרבעט.

טערעזאַ, די פאַרביטערטע דייזעלע אין אַ פאַלשער אַרישער הויט, האָט אַליין געזוכט דעם וועג צו דער „אונטערערד". זי האָט געוואָלט קומען צו אירע לײַדנדיקע ברידער, דערציילן זיי וועגן איר

טו־גײַשער דאָפּלטער ראָל פֿון אַ װאָלף און אַ פֿוקס, דערקלערן זײ די סיבה פֿון איר פֿרעכער באַציאונג צו די אַרעסטאַנטן און שטעלן אין דינסט פֿון די חברים איר לײַב און לעבן. זי האָט אָבער ניט געװאוסט, װי אַזױ דאָס קען געשען. אמת, זי האָט זיך אין גאַנג פֿון די אױספֿאָרשונגען דערװאוסט װעגן די הינטערגעסלעך, װאו די נאַכט־געשפּענסטער דרײען זיך אַרום, אָבער װי קען זי דאָך מיט זײ קומען אין באַרירונג? װי װעלן זײ איר אױפֿנעמען, װי װעלן זײ איר גלױבן?

אין איר אומגעשטילטער לוסט פֿון נקמה האָט טערעזאַ פֿאָרט גענומען שפּאַצירן אין שפּעטע נאַכט־שעהן אין די פֿאַרהױלענע קװאַרטאַלן פֿון שטאָט. זי האָט געװאוסט, װאָס פֿאַר אַ ריזיקע דאָס איז. זי האָט זיך אָפּגעגעבן אַ קלאָרן חשבון, אַז אַ בײזע אױג פֿון אַ נאַצי קען אַרױסרופֿן אױף איר אַ פֿאַרדאַכט און אַז אַ מסירה בײ דער מאַכט קען איר אױך ברענגען דעם ביטערן בעכער פֿון גאַל. זי האָט אױך געװאוסט, אַז אַ קויל פֿון אַ פּאַרטיזאַנער פֿון הינטער אַ פּלױט קען אױך מאַכן אַ סוף צו איר לעבן. פֿונדעסטװעגן האָט זי געװאָגט און איז געגאַנגען. זי האָט אָבער קײנעם ניט געפֿונען.

און אָט, װען זי האָט זיך אין יענער גורל־נאַכט אומגעקערט פֿון קאַסינאָ, און פֿאַר איר װאױנונג זיך צעשײדט מיט איר באַגלײטער, אַ הױכן דײטשן אָפֿיציר, איז געשען דאָס אױסטערלישע און אומדערװאַרטעטע. זוכנדיק אין איר טאַש דעם שליסל צו איר טיר, האָט זי אים אױפֿריכטיקערהײט אַראָפּגעװאָרפֿן אױף דער ערד און גענומען עס נישטערן אױף דעם ברוק בײ איר שװעל. אָבער מיטאַמאָל האָט זי דערפֿילט, אַז אַ דיקע מענערישע האַנט האָט שטײף פֿאַרזיגלט איר מױל. פֿון הױפֿען האָבן זיך פֿינסטערע שאָטנס אַרױסגעשליכט, װי שדים אין אַ פֿאַרלאָזטער חורבה, און אַרומגערינגלט זי פֿון אַלע זײטן. אײנער פֿון די אָנפֿאַלער האָט אױף איר בליץ־שנעל אַרױפֿגעװאָרפֿן אַ זאַק און מען האָט אין אײן אױגנבליק איר אַרײַנגעשלײדערט אין אַ פֿור און אַװעקגעשװעבט מיט איר אין דער פֿינצטערער װײטקײט. פֿון פּלוצלונגדיקײט האָט זי זיך פֿאַרלאָרן און זי האָט קוים באַגריפֿן, װאָס דאָ איז פֿאָרגעקומען. זי געדענקט בלױז, װי דורך אַ נעפּל, אַז אַ לאַמטערן האָט איר אַ שײַן געטאָן אין די אױגן אַרײַן און נאָכדעם איז געשען אָט די געהײמענישפֿולע קידנעפּינג. די אָנפֿאַלער האָבן זיך געסודעט און אָפּטמאָל אױפֿגעהױבן זײער קול, אָבער זי געדענקט ניט, װאָס זײ האָבן געזאָגט. דאָס אײנציקע, װאָס איז איר געבליבן אין זכרון איז, אַז זײ האָבן גערעדט פּױליש.

אױף דער פֿור האָבן זײ אַראָפּגענומען פֿון איר דעם זאַק. שטאַרקע פֿױסטן האָבן צוזאַמענגעדריקט אירע צאַרטע הענט און זײ

פֿאַרבונדן מיט אַ שטריק אויף הינטן. דאָס מויל האָט מען איר פֿאַר־שטאָפּט מיט אַ טיכל. פֿון ביידע זייטן זיינען געזעסן צוויי שטאַרקע יונגען מיט אָנגעלאָדענע פּיסטאָלעטן.

אַ פּיינלעכע שווייגעניש האָט געהערשט. דער פֿערד איז געפֿלויגן פֿייל פֿון בויגן, אָבער עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די געציילטע צענדליקער מינוטן זיינען אַן אייביקייט. ווען חברה איז שוין גע־ווען ווייטלעך פֿון שטעטל, האָט מען ביי טערעזאַן אַראָפּגענומען דאָס טיכל פֿון מויל, אָבער אויפֿן וואונק האָט מען איר געוואָרנט מיט די אָנגעשטעלטע רעוואָלווערן, אַז זי זאָל בעסער שווייגן, אויב דאָס לעבן איז איר ליב. די פֿור האָט זיך פֿאַרקירעוועט אין אַ גע־שלענגלטן אומוועג, וועלכער האָט געפֿירט צו אַ הייל. דאָרט האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און חברה האָבן איר אַריינגעפֿירט אין הייל.

אויף טערעזאַן האָט עס געמאַכט אַ פּיינלעכן איינדרוק. עס האָט זיך איר געדוכט אַז דאָס איז אַ נעסט פֿון שדים, פֿון „ניט גוטע" און אַז פֿון יעדן ווינקל לויערט דאָ דער טויט. ׳אַ קאַלטער גליווער איז איר אַדורך אין די אָדערן. האָר און אויערן האָבן זיך אָנגעשפּיצט. עס האָט איר געטרייסלט אַ צאָן אָן אַ צאָן.

אין צענטער פֿון דער הייל האָט געצאַנקט אַ לעמפּל און דאָרט האָט טערעזע באַמערקט, אַז ביי אַ טישל, פֿאַרלייגט מיט פּאַפּירן און דאָקומענטן, זיצן צוויי יונגע מענטשן. עס זיינען דאָרט אויך געלעגן פּיסטאָלעטן און האַנט־גראַנאַטן. דאָס איז געווען די הויפּט־קוואַרטיר פֿון טריבונאַל. אין די ווינקלען האָט טערעזאַ באַמערקט ביקסן און שווערדן. אויף דער ערד איז געווען צעשפּרייט פֿיל וואָפֿן. אין דעם הינטערגרונט האָט זי דערזען עטלעכע צענדליק יונגע חברה, מענער און פֿרויען.

טערעזעס באַגלייטער האָבן זי צוגעפֿירט צום טישל, סאַלוטירט און אָפּגעגעבן אַ רעפּאָרט, מיטטיילנדיק אַז זיי האָבן עס געבראַכט די פֿאַרהאַסטע סעקרעטאַרין פֿון דייטשן אינקוויזיציע־אַמט. נאָך דעם באַריכט האָבן זיי זיך אָוועקגעשטעלט פֿון ביידע זייטן מיט אָנגע־שטעלטע פּיסטאָלעטן. דאַן האָט זיך אָנגעפֿאַנגען דער קרייץ־פֿאַר־הער:

דער אונטערערדישער אויספֿאָרשער איז צוגעקומען נעענטער צו איר, אָנגעשטעלט דעם רעוואָלווער, אַ קריץ געטאָן בייז מיט די ציין און ציניש געזאָגט:

„נו, יעצט וועט מען זיך אַ ביסל בייטן מיט די ראָלן, דו ביסט געוואוינט צו זיצן אין געסטאַפּאָ, בייוואוינען און פּראָטאָקאָלירן אויספֿאָרשונגען פֿון אונזערע געפֿאַנגענע חברים, לאַכן פֿון זייערע יסורים. איצט בין איך אויספֿאָרשער און דו וועסט שוין געבן דער־קלערונגען. וועסט פֿאַרזוכן דעם טעם, וואָס מיר לעבן דורך טאָג־טעגלעך אין דער אויבערוועלט, מיר וועלן שוין זען ווי דיר וועט עס

שמעקן. נו, רייד, קרעציקע צויג!"

עס האָבן זיך אַ שאָט געטאָן פראַגן איינע נאָך די אַנדערע: וואו זיינען די פּראָטאָקאָלן פון די אַרעסטאַנטן? וועלכע געהיימע דאָקומענטן געפינען זיך אין דער געסטאַפּאָ? וואָס זיינען די נעקסטע שריט פון די נאַצישע מערדער?

טרעזע האָט זיך בשעת מעשה צעטומלט, אָבער בליץ שנעל איז איר צוריקגעקומען די ניכטערקייט. זי האָט זיך אומגעקוקט און ווי דערשטוינט איז זי געוואָרן, אַז זי האָט אין איר אויספאָרשער דערקענט איר אַמאָליקן שכן און גימנאַזיע־חבר, טאָדעאוש. אין די אַרומיקע האָט זי אויך אַנטדעקט אַלטע חברים פון שול־באַנק, אָט איז יאַן, אָט איז מיכאַל, אָט דאָרט ווייטער, די פּלאַקס־האָריקע שיקסע איז זאָסיע, נעבן איר איז טאַניע. צווישן דעם עולם האָט זי אויך באַמערקט אַ פּאָר אידישע בחורים און מיידלעך. אָט דאָרט איז יאַנקל, דער אַלמנהס זון, וועלכער האָט פיל געהאָלפן אין גרינדן די חלוצישע קבוצים אין שטעטל און אָט איז שיינקע, די שניידער־מיידל, וועלכע פלעגט איר נייען אירע קליידער. אַלץ אַזוי היימיש, באַקאַנט, אָבער דאָך אַזוי אויסטערליש, אַזוי געהיימניספול. טע־רעזא האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און אויסגעשריען אין אַ פּליסיקן פּויליש:

— „קאָלעדזי אי קאָלעזשאַנקי, טאָוואַזשישע, ראָדאַצי! (חברים חברות, גענאָסן, לאַנדסלייט) איך בין אייער בלוט און פלייש. וואָכן־לאַנג האָב איך אייך אַרומגעזוכט, בכדי צו קומען טיילן אייער נויט און פלאַקערן אייער נקמה לוסט. איך בין די זעלבע פאַרשטויסענע טאָכטער, אָבער אַנדערש געשלייערט, בכדי צו פאַרפירן דעם שונא און העלפן אייך געווינען דעם נצחון. איך האָב זיך מיט אייך אַלע־מען אין גימנאַזיע דאָ געלערנט. דינען זאָלן אייך די הענט, געשטאַרקט זאָל זיין אייער מוט פאַר אונזער אַלעמענס פרייהייט! איך בין צו אייער דינסט. יעצט קען איך אייך קיינע געהיימענישן ניט אַרויס־געבן, ווייל אַלץ איז אונטערן שלאָס, אָבער לאָזט מיך פריי, איך וועל שטיין מיט אייך אין פאַרבינדונג און באַזאָרגן אייך אַלעם וואָס נויטיק".

„גלויבט ניט דעם געביל פון אָט דער קרעציקער צויג" — האָט איינער אויסגערופן, — זי איז אַ שמוציקע דייטשקע און יעצט וויל זי אונז פאַרפירן. פייניקט איר ביז זי וועט אַלץ דערציילן און דאַן טויטעט זי אויפן אָרט".

„ער איז גערעכט. דאָס איז אַ הינטישער נאַצישער איינפאַל צו פאַרפירן אונז" — האָבן אַנדערע צוגעגעבן.

„שטיל" — האָט דער אויספאָרשער באַפוילן", — מיר זיינען דאָך ניט קיין טיראַנען, ווי די דייטשן. מיר וועלן זי ווייטער אויס־פרעגן און עפּעס דערגיין, אָבער גלייך פייניקן טאָרן מיר ניט. לעבן

איז ניט הפקר.

„קאַכאַני מאַי" (מיינע טייערע) — האָט טערעזע געבעטן. „גלויבט מיר, איך בין אייערע. איך וועל אייך העלפן. איך בין אַ אידיש קינד, די אומגליקלעכע וואַנדערין, וועלכע איז פאַרטריבן גע־וואָרן פון דייטשלאַנד און לעבט יעצט דאָ אונטער אַ פרעמדער הויט און נאָמען. איך שטאַם פון אייער שטעטל. איך בין רייזעלע דעם שוחטס".

„עס איז אַ ליגן, אַ פרעכער ליגן" — האָט זיך געבייזערט אַ יונגער פּאָליאַק. רייזעלע דעם שוחטס איז שוין יאָרן־לאַנג פאַר־שוואונדן. מען האָט איר געזוכט און ניט געפונען. ווער ווייסט צי זי לעבט נאָך. זייט פאָרזיכטיק, דאָס איז אַ טריפהנער שפּיצל.

— רעווידירט מיר, וועט איר זיך איבערצייגן — האָט זיך טערעזע געבעטן — האָט מיטלייד. מיין לעבן קען אייך פיל צונוץ קו־מען. איך זאָרג ניט פאַר זיך, איך לעב איצט נאָר פאַר מיינע ברידער און פאַר מיין פאָלק.

מען האָט דורכגענישטערט רייזעלעס זאכן און .צו אַלעמענס דערשטוינונג האָט מען טאַקע אין אַ געהיימער קעשענע געפונען, איינגענייט אין דעם אונטערשלאַק פון איר אויבערמאַנטל, אַן „אויס־וויז־שיין פאַר אָסט־יודען" מיט דעם שטעמפּל פון דעם פּאָליציי פּרעזידענט אין דרעזדען און מיט דעם באַן־שטעמפּל פון זבאָנ־זשין. דערויף איז טאַקע געווען אויפגעשריבן דער נאָמען „ראָזע" מיט אַן ארויפגעקלעפּטער פאָטאָגראַפּיע.

„עס איז ניט קיין געגונגנדער באַווייז און מען טאָר איר ניט גלויבן. מעגלעך, אַז דאָס איז אַ געגנבעטער דאָקומענט פון אַן אומ־גליקלעכער אידישער עמיגראַנטין, וועלכע איז פאַרפּייניקט געוואָרן צום טויט. מיר וויסן אויף וואָס די פּיפּיקע און באַטריגערישע דייטשן זיינען פעאיק. איך געדענק רייזעלע דעם שוחט מיט איר פרעכטיקן קאָפּ פון שווארצע האָר, און פאַר אונז שטייט אַ פאַרשייטע דייטשקע, אַ בלאָנדער טייוול. שיסט זי, ווי אַ צויג, צעטרעט זי ווי אַ גיפטיקע שלאַנג! געגוג האָט זיך אָנגעזאָפּט אונזער בלוט".

טערעזא האָט געזען, אַז איר ווידוי העלפט ניט, מען גלויבט איר ניט. זי האָט נאָך אַמאָל פּרובירט זיי פאַרזיכערן, אַז זי האָט געבליטשט אירע האָר, בכדי אויסצוזען אַריש און קענען פאַרפירן די דייטשן מיט זייער אייגענעם וואָפן. זי האָט באַמערקט, ווי חברה סודען זיך און זי האָט פאַרשטאַנען, אַז מען פאַרהאַנדלט איר גורל און אָט באַלד, באַלד וועט מען מאכן אַ סוף צו איר לעבן.

מיט דעם זעלבסט־דערהאַלטונגס־אינסטינקט פון אַ מענטשן, וועלכער שטייט ביי דעם שוועל פון אָפּגרונט האָט זי אָנגעגריפן דעם אויספאָרשערס האַנט, געקניט אין שטויב און געבעטן:

„קאָלעגאַ! (חבר) דערפיל כאָטש מיין לעצטן וואונטש, איידער דו האַקסט איבער דעם פאָדעם פון מיין לעבן"!

דער אויספאַרשער האָט איר נאָכגעגעבן און טערעזא האָט מיט צעשטראַלטע אויגן אין אַ הערלעכער וויזיע און מיט אַ צעהעלטן פּנים אָנגעפאַנגען צו זינגען דעם פּוילישן נאַציאָנאַלן הימן און נאָכדעם די „התקוה”, פון וועלכער זי האָט קינדוויז געדענקט איין פערז.

חברה זיינען מיטגעריסן געוואָרן מיט דער מיסטעריעזער סצע־נע אין דער הייל. אַ אידיש־פּוילישע מאַרטירערין און העלדין, פאַר־טריבן דורך דעם שונא, באַשפּיגן דורך אירע מיטבירגער, אַנטרונען פון איר היים און פּאַק האָט יעצט געהייליקט אירע לעצטע מינוטן פון לעבן מיט די קלאַנגען פון אייביקייט, מיט די טענער אין וועלכע פעלקער ווייטאָגן אוים זייער צער און שמידן זייער גלויבן טראַגיש און פּראָפעטיש איז עס געווען. ווען דער געזאַנג האָט אויפגעהערט און עס איז געפאַלן אַ מיסטישע שטילקייט, האָט טערעזעס קול געצי־טערט, ווי סטרונעס פון אַ האַרפע, באַוועגט דורך אַ פרימאָרגן־ווינט:

— קאָלעגן ! איך שייד זיך מיט אייך אויף אייביק. איר פאַר־טרייבט מיר אין האַס און עקל און איר שליידערט מיך אין די אָרעמס פון טויט, אָבער איך גיי אוועק פון דאַנען מיט ליבע און פאַרגעבונג צו אייך אַלעמען, געגן וועמען איך האָב אַזוי געזינדיגט דורך מיין לעבנס־גרייז. איך וויל אַז איר זאָלט וויסן, אַז איך שטאַרב מיט טריי־הייט צו דער היים פון מיין וויגעלע, דאָס גאָלדרייכע פּוילן, און צו דער וויג פון מיין שטאַם, די געבענטשטע ארץ ישראל. זאָל מיין יונג פאַרגאָסן בלוט זיין אַ באַווילינגטער קרבן אויף דעם מזבח פון פריי־הייט. עס איז מיין האָפענונג, אַז איר חברים וועט ווייטער אָנהאַלטן דעם קאַמף און אויף די חורבות פון היינט וועט אויסוואַקסן אַ שע־נערע, בעסערע וועלט פון מאָרגן. אויב איר וועט נאָך אַמאָל באַגע־גענען אין לעבן מיין יוגנט־פריינט, יהודה, וועלכער האָט „טעג” גע־געסן ביי מיין טאַטן, דעם אַלטן שוחט, טיילט אים מיט, אַז איך האָב תשובה געטאָן און בין געשטאָרבן, ווי אַ העלדישע אידישע טאָכטער.

חברה איז געשטאַנען, ווי געפּלעפט. עס זיינען אָפּגעווישט גע־וואָרן אַלע צווייפלען. פיל האָבן נאָך געדענקט רייזעלעס קול פון די גימנאַזיע־יאָרן. דאָס איז די זיסע, צאַרטע אָבער שווער־געפּרואווטע אידישע טאָכטער; דאָס איז זי די פּאַטריאָטין, וועלכע האָט אין אַ דייטשער פעל געטראָגן אַ וואַרעם האַרץ. איר לעצטער וואָרט איז גע־וואָרן דער ערשטער באַגלויבער סימן פון איר גרויסן אמת און טראַ־גישן גורל.

די פּוילישע און אידישע פּאַרטיזאַנער האָבן זיך ארומגעשטעלט אַרום רייזעלען, זיך געהאַלדזט און געטוליעט איינע צו די אַנדערע. יאָ, זיי האָבן זיך אָפּגעפונען, די גרויסע קעמפער, די לייבן פון דער אונטערוועלט און די פיקס פון דער אויבערוועלט. דער „בלאָנדער

טייוול״ איז געוואָרן אַ שיינענדער מלאך הגואל פון האָפענונג און אַ פאַרביסענער גואל הדם פון נקמה....

עס רופט אונז די פליכט, עס מאָנט אונזער צעטראָטענע ווירדע, אונזער פאַרשוועכטע הייליקייט, אונזער פאַרגאָסן ברידערלעך בלוט; אַ טויט די נאַצים!״

טערעזא האָט געפלאַמט און איר פלאַקער האָט עלעקטריזירט די גאַנצע הייל.

„אַ טויט די נאַצים״ — האָבן געדונערט צענדליקער שטימען. ציינער האָבן זיך געקריצט און פויסטן האָבן זיך געבײַלט אין הייליקן צאָרן.

מען האָט אויסגעפּלאַנט די גאַנצע טאַקטיק. דאָס האָט געדאַרפט זיין אַן אַקט פון סאַבאָטאַזש. פינף אַנטשלאָסענע חברה־לייט האָבן וואָלונטירט. מען וועט דאַרפן אונטערמינעווען דעם בריק און צינדן די פיוז, ווען דער טראַנספּאָרט וועט שוין זיין אויף דעם סאַמע מיטן. דער שטאַב פון דער אונטערערד האָט אויסגערעכנט און מיטגעגעבן די אַטענטאַנטן צייכענונגען מיט גענויע סימנים, וואו זיי דאַרפן זיך געפינען און וואָס זיי דאַרפן טאָן. אויף די אינסטרוקציעס, געשריבן אין שיפרירטן שריפט, זיינען אויך געווען די געהיימע איניציאַלן פון דער אונטערערד: די אַטענטאַנטן האָבן געדאַרפט זיין פאַרקליידט פאַר נאַצישע סאָלדאַטן, וועלכע האַלטן אויך כלומרשט וואַך ביי דעם בריק. אין פאַל פון אַ טומל, ווען די פאַרשווערונג וועט אויפגעדעקט ווערן, דאַרפן זיי די אַנדערע העלפן אַנטלויפן.

דער אויפרייס פון אַ דייטשער באַן,
אַלס סאַבאָטאַזש־אַקט פון פוילישן
אונטערגרונד אין ביאַליסטאָקער געגענט

און איז געקומען די קריטישע נאַכט. אונטער דעם בריק בײַ אַ טײַכל אין ביאַליסטאָקער געגנט האָבן זיך געשלײַכט פֿינצטערע שאָטנס, געטאַפּט דעם אײַזערנעם סקעלעט און די זײַלן איבער װעלכע עס זײַנען געװען אױסגעלײגט די באַן־רעלסן און געלײגט דאָרט באָמבעס. געשיקטע הענט האָבן אײַנגעקלעמט דעם אײַזערנעם געפלעכט אין נעגל פֿון חורבן און טױט. האַסטיק, מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם האָט שױן פֿון דער װײַטנס געיאָגט דער באַן, ער האָט געשניטן די װעג מיט אַ צעהיצטער שנעלקײט, װי ער װאָלט זיך געװאָלט אַרױסכאַפּן פֿון דער פֿאַסטקע פֿון דער נאַכט. אָבער דאָס איז ניט געלונגען. װען דער באַן איז שױן געװען אין סאַמע מיטן בריק האָט אַ שרעקלעכער גרילץ אױפֿגעריסן די לופֿט. דער אײַזערנער סקעלעט האָט געקראַכט, דער באַן איז פֿאַרװיקלט געװאָרן אין אַ קנױל פֿון רױך און פֿײַערדיקע צונגען.

עס איז אַנטשטאַנען אַ בהלה. פֿון אַלע זײַטן האָבן זיך אָנגעהױבן צו שיטן נאַצישע װעכטער, װעלכע זײַנען אַלאַרמירט געװאָרן דורך דעם שױדערלעכן קראַך. פֿאַקעלן האָבן געצונדן אין דער לופֿט. װיסטע קללות פֿון „דאָנערװעטער" און „פֿאַרדאַמטע קערלס" האָבן זיך געשאָטן און אַ סאַלװאָ פֿון מאַשין־ביקסן האָט געהאָגלט איבער דעם קאָפּ. די פֿינף בראַװע חברה־לײַט האָבן אױך אָנגעהױבן צו שיסן און דערבײַ זיך באַמיט צו אַנטלױפֿן, אָבער עס איז שױן געװען צו שפּעט. דאָס אַלץ האָט געדױערט אַן אױגנבליק. װײַל זײ זײַנען אױך געװען געקלײדט אין דײַטשע מונדירן האָט מען זײ ניט אַזױ לײַכט געקענט דערקענען, אָבער דאָך בײַ דעם ליכט פֿון אָנגעצונדענע שטורקאַצן האָט מען זײ אַרומגערינגלט און דערבײַ האָט מען באַמערקט, װי די איבערפֿאַלער נישטערן אין זײערע קעשענעס און באַמיען זיך צו פֿאַרניכטן געװיסע פּאַפּירן. דאָס איז בײַ די נאַצים געװאָרן פֿאַרדעכטיג און זײ האָבן אַרױסגעריסן די געהײמע שריפֿטן פֿון די הענט פֿון די אַטענטאַנטן. אַ געסטאַפּאָ־אַגענט, װעלכע איז אױך געװען צװישן די פּאַטראָלן און װעלכער האָט בײַגעװאױנט אײניקע מאָל די פֿאַרהערן פֿון די אונטערערדישע געפֿאַנגענע אין דער אינקװיזיציע־קאַמער, האָט דערקענט די איניציאַלן אױף די פּאַפּירן. ער האָט שױן דאָס עטלעכע מאָל געזען בײַ די פֿריערדיקע פֿאַלן, װען מען האָט בײַ די „באַנדיטן" געפֿונען דאָקומענטן מיט די זעלביקע אותיות. דער אַגענט האָט גלײַך דערקלערט, אַז די קאָנספּיראַטאָרן שטאַמען פֿון דער אונטערערדישער באַװעגונג אין שטעטל מ. און אַז במילא קומט פֿון דאָרט די גאַנצע פֿאַרשװערונג. צװישן די געפֿאַנגענע זײַנען אױך געװען דרײַ אידן. געשמידט אין קײטן, אונטער אַ שטרענגן קאָנװאָי, האָט מען די פֿינף העלדן געבראַכט צומאָרגנס אין שטעטל פֿאַר אַ פֿאַרהער. די נאַצים האָבן געפּלאַנט, אַז זײ װעלן פּײַניקן די מאַרטירער אַזױ לאַנג, ביז זײ װעלן זיך מודה זײַן און אױסזאָגן, װאו די הױפּטקװאַרטיר פֿון דער אונטערערד געפֿינט זיך.

אַ וואָלקנדיקער פרימאָרגן האָט זיך אַראָפּגעלאָזן איבערן שטעטל. די זון איז אויפגעקומען אַ קאַלטע, טריבע און ברוגזע. אַ בייזער ווינט האָט געוואָיעט איבער די גאַסן.

די באַפעלקערונג איז אויפגעריסן געוואָרן פון שלאָף דורך אַ שרעקלעכן גרילץ פון דעם ראַדיאָ־הילכער אויף דעם מאַרק. דער קול האָט פאַרטויבט די אויערן. ער האָט גערעוועט, ווי אַן אָנגעזויפענער שיכור:

„סאַבאָטאַזש, פאַררעט, מאָרד. אַ פראַכט־צוג מיט פאָלקס־גענאָסן און פראָוויאַנט פאַר קאַמעראַדן אויף דעם רוסישן פראָנט אויפגעריסן, געשטירצט און געזונקען. אידן און קאָמוניסטן שולדיק. בלוט פר בלוט. גרויזאַמע ראַכע פאָלגט. קריגס־צושטאַנד דערקלערט. הויז צו הויז אונטערזוכונג פאַראָרדנט. באַפעלן מוזן אויסגעפאָלגט ווערן אונטער דראָונג פון באַלדיקן טויט".

אַ פּאַניק האָט באַהערשט דאָס שטעטל. אַלץ און אַלעם האָט זיך געגומען באַהאַלטן אין די קעלערן, אין די לעכער. די גאַסן זיינען געוואָרן טויט. מיליטער האָט איבערגענומען די אָרדענונג. עס האָט געשווידערט פון גרויל און עס האָט אַלעמען געטרייסלט אַ צאָן אָן אַ צאָן.

באַזונדערס צעשראָקן זיינען געווען די פאַרבליבענע רעשטלעך אידן. אויסגעפלאָשעט, צעציטערט האָבן זיי זיך געטוליעט איינע צו די אַנדערע, געוויינט און געזאָגט ווידוי. אין דער געסטאַפּאָ קאַנצעלאַריע האָט כסדר געקלונגען דער טעלעפאָן. דער צערייצטער אויספאָרשער האָט גערופן די הויפּט־קוואַרטיר פון געסטאַפּאָ אין ווארשע, דערציילט וועגן דער קאַטאַסטראָפע און געפרעגט וואָס צו טאָן. דער ענטפער איז געווען, אַז מען זאָל דערשטיקן דעם אויפשטאַנד אין טייכן בלוט און אויסראַמען די אונטערערד ביז דעם סאַמע וואָרצל. באַזונדערס זאָל מען ניט שוינען די פאַרפלוכטע אידן פון וועמען עס וואַקסט די גאַנצע פאַרשווערונג: וואָס אָנבאַלאַנגט די אויספאָרשונג פון די פינף קאָנספּיראַטאָרן וועט קומען פון ווארשע איינער פון די אָבער־אינספּעקטאָרן און ער וועט שוין אויסמעסטן די פאַרדינטע שטראָף.

טערעזע האָט פון אַלעם געוואוסט. זי האָט געהערט דעם טעלעפאָן געשפּרעך. די הויט האָט אויף איר געגרוילט, אָבער זי האָט געשוויגן. מיט קאַלטער גלייכגילטיקייט האָט זי זיך אַרומגעוויצלט מיט די דייטשן, ווען זיי האָבן זיך געריבן די הענט פון הנאה אין דערוואַרטונג פון דעם גערעכטן משפּט אויף די „באַנדיטן". זי האָט געהערט, ווי זיי האָבן גערעדט צווישן זיך וועגן דער גרויזאַמקייט פון דעם „אָבער־אינספּעקטאָר". ער איז שוין באַוואוסט פאַר זיין אכזריות און וואו ער קומט, גיסן זיך טייכן בלוט. האָט אויך געהערט אַז אין אַנדערע שטעט, האָט דער אָבעראינספּעקטאָר פאַר־

אָרדענט אויפצושטעלען אין מיטען מאַרק אַ תליה, צוזאַמענרופען אַלע איינוואוינער און אויפהענגען די שולדיגע פאַר אַלעמען אין די אויגן. די נאַציס האָבן דערוואַרטעט, אַז אויך דאָ וועט זיך אָפּשפּילן די זעלבע שפּיל און זיי האָבן אָנגעקוואָלן פון דער גרויסער אַטראַקציע, וועלכע דערוואַרט זיי. דערווייל האָט דער שטעטלשער אויספאָרשער אַליין געוויזן, וואָס ער קען. ער האָט געהייסן אַריינברענגען די פינף־מאַרטירער און זיך גענומען צום אינקוויזיטאָרישן פאַרהער. טערעזע האָט, ווי געוויינלעך, געדאַרפט איבערזעצן זייערע־דערקלערונגען פון פויליש אָדער אידיש אין דייטש און שרייבן דעם פּראָטאָקאָל.

ביי דעם אויספאָרשער זיינען די קליינע אויגעלעך אויף דעם שמאַלציקן פּנים פאַרלאָפן מיט בלוט. ער האָט געשטורעמט פון כעס און דער שוים האָט אים געזעצט פון די ליפּן. די ווילדע רציחה פון אָנגעזויפנקייט און שטאַרקן ביר האָט געשלאָגן פון אַלע זיינע אברים.

— פאַרדאַמטע קערלס, באַנדיטן, שמוציקע הינט! רעדט, דערציילט, ווי איר האָט עס געטאָן דעם פאַרברעכן קעגן דעם פירער, דריטן רייך און אונזערע פאָלקס־גענאָסן, זאָגט, ווער זיינען אייערע קאַמעראַדן און וואו איז אייער טייוולשער נעסט".

די מאַרטירער האָבן געשוויגן. אויף זייערע צעבלוטיקטע פּנימער פון כסדרדיקע נאַצישע קלעפּ, אין זייערע אונטערגעהאַקטע אויגן און געשוואָלענעם לייב איז געווען אויסגעגאָסן אַ שטאָלענער כוח פון עקשנות און ווידערשטאַנד. זיי האָבן פאַרביסן זייערע פאַרשמאַכטע, צעטריקנטע ליפּן און געבליבן שטום. דער אויספאָרשער האָט זיך נאָך מער געבייזערט. ער האָט צווישן זיינע ציינער געזייט רעכטס און לינקס אַ נערוועזן שפּיי, געשאָלטן און געדונערט, אָבער די געפאַנגענע האָבן זיך מיט אַ וואָרט ניט אָפּגערופן. דאַן איז געקומען די אינקוויזיציע. דער אויספאָרשער האָט זיי געהייסן אויסטאָן האַלב נאַקעט און באַפוילן איינעם צו שלאָגן מערדערלעך די אַנדערע. ווען זיי האָבן זיך עס אַנטזאָגט צו טאָן, האָט ער פאַרטראַכט אַ שרעקלעכערן שפּיצל. ער האָט באַפוילן זיי אויסצוטאָן באָרוועס, געהייסן ברענגען אַ טאַץ מיט הייסע קוילן און געפאָדערט אַז זיי זאָלן טרעטן איבער דעם גליענדן פייער. פון די זייטן זיינען געשטאַנען זשאַנדאַרן און האָבן געשמיסן.

די מאַרטירער האָבן געטראָטן אויף די קוילן און געשריען יאָמערלעך פון ווייטאָג. זייער גוואַלד האָט געקאָנט שפּאַלטן אַלע זיבן הימלען. די פיס זיינען אויפגעלאָפן פון בלעזלעך און געשווירן. זיי האָבן אָבער אַלץ דעם סוד ניט אויסגעזאָגט.

טערעזע האָט געצאַפּלט אין קאָנוואולסיעס. אַלץ אין איר האָט געשטורעמט, אָבער זי האָט זיך איינגעהאַלטן מיט די לעצטע כוחות.

פון דער ווייט האָט זי געשיקט אַ פריינטלעכן בליק צו די מאַרטירער, וועלכע האָבן אין זייער לויטערער העלקייט אויסגעזען ווי קדושים פון די אַמאָליקע אינקוויזיציעס. זיי האָבן איר צוריקגעגריסט מיט אַ וואַרעמען, גלעטנדן שמייכל, אוועקגעשמוגלט אין באַהעלטעניש פון דער בייזער נאַצישער אויג.

דער אויספאָרשער האָט געהייסן צונעמען די קוילן, אויפגעגעבן זיין אַרבעט און געדראָט: „וואַרט באַנדיטן, דאָס איז בלויז געווען אַ פאָרשפּייז, די אמתע אויספאָרשונג וועט איר ערשט האָבן שפּעטער, עס וואַרט פאַר אייך אַן איבעראַשונג, כאַ, כאַ, כאַ!"

דער פעטער, בייכיגער באַאַמטער האָט ציניש געלאַכט. די געפאַנגענע האָבן ניט געדאַכט, אָבער טערעזע האָט געוואוסט, וואָס דער סופּרייז מיינט. דאָס איז דער „הער אָבעראינספּעקטאָר". זי האָט עס פאַרטרויט אויף אַ ספּעציעלן מיטינג פון דעם אונטערערדשטאַב און עס איז דורך דעם טריבונאַל פון שטאַב אַרויסגעטראָגן געוואָרן אַן אורטייל צו דערמאָרדן דעם שליח פון דייטשער גערעכטיקייט, אָבער ווער וועט עס טאָן?

ווי דערשטוינט זיינען אָבער אַלע געוואָרן, ווען אַלס פרייוויליגע מערדערין פון אָבעראינספּעקטאָר האָט זיך געמאָלדן ניט קיין אַנדערע, ווי טאַקע טערעזע אַליין.

„מיין לעבן איז הפקר, עס האָט קיין ווערט ניט פאַר מיר אַליין, עס איז בלויז נוצלעך פאַר מיינע געפּלאָגטע ברידער. איך וויל אייך עס געבן אַלס קרבן אויף דעם מזבח פון פרייהייט, אַלס אָנרעגונג צום ווייטערדיקן קאַמף. זאָל מיין יוגנט, מיין מאַרך און בלוט באַפּרוכפּערן דעם קערן פון אַ נייער, בעסערער און ליכטיקערער וועלט פאַר אַלע פעלקער און גלויבנס".

די חברים האָבן אַפּלאָדירט דער העלדין פון דער אונטערערד. איר אויפטראָג איז אָנגענומען געוואָרן.

און אָט אַזוי האָט דער אויסגעפּאַשעטער דייטש, דער אָבעראינספּעקטאָר ניט געפילט, אַז ער איז אויפן וועג צו אַ שענדלעכן טויט אין די נעגל פון האַס און נקמה...

דער „הער אָבעראינספּעקטאָר".

מערקווירדיק קייקלען זיך געשעענישן אין דעם מיסטעריעזן ראָד פון דעם גורל.

נאָך דעם שענדלעכן אַטענטאַט אויף יהודה, זיין רעטער און דערלייזער אין די וויסטע זאַמדן פון סאַהאַראַ, איז דער אומדאַנקבאַרער און פאַרדאָרבענער האַנס פאָן האַלשוואַנג צוריקגעלאָפן צו דעם הויפּט־רעגימענט פון ראָמעלס אַרמיי, וועלכע האָט יעצט געבראָכן האַלדז און נאַקן אין איר ריקצוג פון מדבר. עס איז האַנסן געלונגען זיך צו ראַטעווען פון דעם מבול פון פייער, וועלכער האָט גערעגנט

איבער די נאַציִשע קעפּ און צו קומען צוריק אין רייטשלאַנד מיט די רעשטלעך פון די זייער „בראַווע" אַנטלויפער. דער גאַנג פון קריג, דאָס קוקן דעם טויט אין פּנים אַריין, דער גרילץ פון די באָמבעס האָט אין אים נאָך מער פאַרשאַרפט די בייזקייט. ער איז געוואָרן אינגאַנצן גלייכגילטיק צו מענטשלעך בלוט, וועלכע איז שוין ביי אים געווען הפקר. דער „פירער" און „דאָס דריטע רייך" זיינען געשטאַנען איבער אַלעם.

דערצו איז נאָך דעם בלוט־דורשטיקן האַנסן צוגעקומען אַ נייע מידה, וועלכע האָט זיך שוין אָנגעפאַנגען אין דייטשלאַנד אין די וויקעלעך פון קריג און יעצט איז עס שוין געוואָרן ממש אַ האַזאַרד־שיכּרות. ער האָט ניט געקענט שטילן זיין דאָרשט נאָך דעם בי־טערן־טראָפּן און פלעשער בראַנפן זיינען אים נישט געווען גענוג.

אין בערלין האָט אים דער גענעראַל־שטאַב ערווירדיק פריינגע־לאָזן פון דער אַרמיי און איבערגעגעבן אים די פונקציעס פון אַ געסטאַפּאָ אַגענט. אויך אין דער נייער הויט איז ער אויסגעוואַקסן העכער און איז צוגעטיילט געוואָרן צו דעם הויפּט־קוואַרטיר פון דער געסטאַפּאָ אין וואַרשע מיט דעם טיטל פון „הער אָבּעראינספּעק־טאָר". ווי שוין פריער געזאָגט, האָט ער זיך באַרימט געמאַכט מיט זיינע אויספאָרשונג־מיטיעס אויף דער פּראָווינץ און האָט שוין גע־האָט אויף זיין געוויסן הונדערטער אומשולדיקע קרבנות, וועלכע האָבן צוליב אים אויסגעהויכט אויף די תּליות זייער לעצטן אָטעם. צוליב דעם וואָס ער איז שוין געווען פאַר דעם קריג אין פוילן אַלס גימנאַ־זיע לערער, איז געווען באַקאַנט אין דער שטעטל מ., וואו ער האָט די שטעלע אָנגעהאַלטן, האָט ער באַשלאָסן צו בייטן זיין נאָמען. עס איז לייכטער, באַקוועמער און זיכערער צוקומען צו דעם קנויל פון דער אונטערערדישער באַוועגונג און צו אָנפירן אויספאָרשונגען אונטער אַ שפּאָגל־נייעם נאָמען אָן קיין שייכות צו דער פאַרגאַנגענ־הייט. ער האָט יעצט געהייסן „הער יוליוס פאָן פראַנקענשטיין".

אָט דער אַמאָליקער גימנאַזיע לרער פון קליינעם פוילישן שטעטל, דער דייטשער שגץ מיט די בלאָנדע האָר, רייזעלעס טראַגישער מאַן און פאַרפירער, האָט עס יעצט געזאָלט זיין דער ריכטער פון דייטשן דין און יושר איבער די סקאַנדאַלן פון דער אונטערערד, זיין מאַ־יעסטעט, הער יוליוס פאָן פראַנקענשטיין, דער אָבּעראינספּעקטאָר פון געסטאַפּאָ. אַראָפּגעקומען איז ער אין שטעטל אין אַן אַריסטאָקראַ־טישן אויטאָמאָביל אונטער אַ וואַך פון נאַציִשע מאָטאָציקליסטן מיט מאַשין־ביקסן פון אַלע זייטן.

צובײַלט און צעוואונדעט האָט מען פאַר אים אַריינגעפירט די פינף מאַרטירער פון דער אונטערערד אונטער אַ קאָנוואָי פון נאַ־ציס, באַוואָפנטע פון קאָפּ ביז די פיס.

אָבעראינספעקטאָר יוליוס פאָן פראַנקענשטיין,
אַמאָליגער האַנס, פירט דורך די אויספאָרשונג
איבער דעם סאַבאָטאַזש־אַקט פון דעם „אונטערגרונד”.

ער האָט פאַרלאַנגט אַז די אַרעסטאַנטן זאָלן נאָכזאָגן די באַ־גריסונג פון „הייל היטלער”. אָבער זיי האָבן זיך אַנטזאָגט עס צו טאָן. אַ האַסטיקער קלאַפּ איבער זייערע קעפּ מיט די קאָלבעס פון די נאַצישע ביקסן איז שוין געווען דער ערשטער אָנזאָג פון דער אָנ־קומענדער גרויזאַמקייט.

בראַוו און מוטיג, מיט אַ הייליגן פונק אין די אויגן, האָבן חברה אויפגענומען די קלעפּ. פון זייער לייב און פּנימער האָט גע־רונען פריש, צאַפּלדיק בלוט.

„קרעציקע הינט” — האָט דער אָבעראינספּעקטאָר געריעוועט און זיין פאַרזויפטער, טריפהנער פּנים האָט זיך העסלעך געקרימט אין כעס — „איר מיינט אַז עס וועט אייך גלאַט אָפּגיין. דער פירער און דאָס דריטע רייך איז צו אייך געווען גענוג גנעדיק ביז יעצט, אָבער אונזער געדולה האָט געפּלאַצט. יעצט איז אייער אויסוואַל, אָדער איר גיט אַרויס דעם סוד פון אַטענטאַט און די הויפּט־קוואַרטיר פון די אונטערערדישע באַנדיטן און מיר וועלן אייך שענקען דאָס לעבן, אָדער איר וועט פּגרן ווי נבלות און הינט וועלן לעקן אייער בלוט”.

חברה האָבן געשוויגן מיט שטאָלצן מוט און פאַרביסענער עקשנות. דער אָבעראינספּעקטאָר האָט באַפוילן אויסטאָן זיי האַלב־נאַקעט און שמייסן זיי ביז בלוט. דער אָרדער איז אויסגעפירט גע־

וואָרן מיט „דייטשע פּינקטלעכקייט". דאָס דאָזיקע רימען האָט זיך ווייטאָגלעך איינגעגעסן אין זייערע מאָגערע לייבער און געצייכנט רויטע פּאַסן. נאָכדעם ווען חברה זיינען אַ ביסל געקומען צו זיך פון די וואונדן און ווייטאָג, האָט דער אָבעראינספּעקטאָר באַפוילן זיינע הענקער צוטראָגן דעם רוט צו די מיילער פון די באַנדיטן, אַז זיי זאָלן קושן דעם אינסטרומענט פון גערעכטיקייט. מיט עקל האָבן זיי זיך אַנטזאָגט עס צו טאָן און ווייטערדיקע קלעפּ זיינען געפאַלן אויף זייערע פאַרפּייניקטע גופים.

דער אָבעראינספּעקטאָר איז נאָך געגאַנגען ווייטער. ער האָט אויפגעוויקלט די פּוילישע נאַציאָנאַלע פאָן, אַ שליידער געטאָן זי אויף דער ערד און געהייסן די פּאָר פּוילישע געפאַנגענע צו טרעטן איבער דעם. פאַר די איבעריקע אידישע חברה האָט ער אויך צוגעטראַכט אַ שפּיצל. ער האָט פאַנאַנדערגענומען די בלוי־ווייסע פאָן און זיי געהייסן צו צערייסן איר אויף שטיקער און מיט דעם פּוצן זיינע שטיוול. די העלדן האָבן זיך ווידער אַנטזאָגט עס צו טאָן און אַ נייע סעריע פּייניקונגען איז געפאַלן אויף זייערע קעפּ.

דאַן האָט דער ווילדער נאַצי פאַרטראַכט נאָך אַ גרויזאַמערן מיטל. ער האָט אויפגעריסן אַ ספר תורה, געהייסן די פּאָליאַקן צערייסן עס אויף באַזונדערע יריעות און באַפוילן די אידן צו שפּייען דערויף און טאַנצן אַ „מה יפית" טאַנץ אויף דעם חורבן פון זייער הייליקטום. ער האָט דערמיט געוואָלט רייצן איין גלויבן קעגן אַנדערן און פאַרשאַפן די מאַרטירער אומהיילבאַרע מאָראַלישע שמערצן. ער האָט געגלויבט, אַז דאָס וועט ווירקן. אָבער פאַרפירט האָט זיך דער נאָרדישער אַכזר אין זיינע חשבונות. ניט געקלערט האָט ער, אַז אברהם אָבינו איז געגאַנגען אין אויוון פאַר אידישקייט, אַז דניאל האָט זיך געלאָזט וואַרפן אין לייבן גרוב, אַז חנניא, מישאל ועזריה זיינען מיט שמחה אין פייער געלאָפן, אַז טויזנטער אידן זיינען אין שפּאַניען אויף דעם עשאַפאָט אומגעבראַכט געוואָרן און האָבן דעם גלויבן ניט פאַרראַטן. ניט געדאַכט האָט ער, אַז אים שטייען איצט אייניקלעך פון אויסגעלייטערטע אָבות מיט שטאָלענעם ווילן און אָדלערשע הערצער וועלכע וועלן ניט פאַרקויפן גאָט, פאָלק און אידישקייט פאַר אַ הינטישן לעבן אונטער די נאַצים. ניט געגלויבט האָט ער אויך, אַז די פּאָליאַקן, דורכגעפילטרירט און פאַרברידערט אין דעם שמעלץ־טאָפּ פון די זעלבע ליידן, וועלן ניט וואַגן צו פאַרשוועכן אידישע קדושה אין מאָמענט פון שותפותדיקן נסיון.

אָנשטאָט שפּייען אויף דעם הייליקן פאַרמעט האָבן אָט־די בחורים עקלהאַפט אַ שפּיי געטאָן אויף זייער פאַרפאָלגער. די זעלבע זאַך האָבן געטאָן די פּאָליאַקן און דעם אָבעראינספּעקטאָרס פּנים האָט זיך באַדעקט מיט דעם קלעפּיקן אָפּפאַל, וועלכער האָט זיך אַדורכגעריסן פון די מיילער פון מאַרטירער אַלס אויסדרוק פון שנאה און פאַר־

אכטונג. די פאַרפייניקטע העלדן האָבן דאַן אָנגעפאַנגען צו זינגען זייערע נאַציאָנאַלע הימנען, די פּאָליאַקן „יעשטשע פּאָלסקאַ ניע זגינעלאַ" און די אידן די „התקוה", אָבער זייערע קולות זיינען איבערגעהאַקט געוואָרן דורך דעם האָגל פון קלעפּ וואָס האָט אָנגעפאַנגען צו פאַלן אויף זייערע פּנימער. צעקיילט און צעביילט מיט אונטערגעקלאַפּטע אויגן און געשוואָלענע לייבער זיינען זיי געפאַלן אין חלשות און אין אַ באַוואוסטלאָזן צושטאַנד האָט מען זיי אין אַ פאַרמאַכטן טראָק אַוועקגעשלעפּט צוריק אין דער תפיסה־קאַמער.

דער באַשפּיגענער אָבעראינספּעקטאָר האָט געשאָלטן און גערעוועט:

„דאָנערוועטער! אַ פאַרשאָלטענע ראַסע, אַ האַרטנעקיג פאָלק, אָבער מיר וועלן ·זיי לערנען דרך ארץ. זיי וועלן צאָלן מיט זייערע הינטישע לעבנס. „בלוט, טייכן בלוט, ימים בלוט" — האָט ער געשריען אַרומלויפנדיק איבער דעם צימער, ווי אַ משוגענער. אין זיין רוצחישן מוח האָט שוין געפינסטערט דער פּלאַן פון אורטייל אויף די מאַרטירער און ניט געדאַכט האָט דער האָפּערדיקער נאַצי, אַז דאָס איז אַן אורטייל אויף אים אַליין, אַז ער גראָבט זיין אייגענעם קבר און אַז זיין הינטיש געביין וועט אָפּגעווישט ווערן פון דער ערד, נאָך איידער ער וועט באַוויזן צו שטערן די ברידערלעכקייט פון פעלקער און די לוסט פאַר פרייהייט...

רייזעלע, די פאַרשטעלטע טערעזע, האָט זיך אַלץ געקליגט ווי אַזוי צוצוקומען צו דעם אָבעראינספּעקטאָר און צו פאַרווירקלעכן איר נקמה־פּלאַן, אָבער אָט האָט איר די השגחה אַליין צוגעטראָגן די געלעגנהייט. דער אָבעראינספּעקטאָר האָט געוואָלט איבערקוקן די גאַנצע אַקטן פון דעם ביאַליסטאָקער סקאַנדאַל, איידער ער גיט אַרויס דעם אורטייל און די פּאַפּירן און פּראָטאָקאָלן זיינען געפירט געוואָרן נאָך פון פריער דורך טערעזען ביי דעם לאָקאַלן אויספאָרשער. דער אָבעראינספּעקטאָר האָט פאַרלאַנגט אַז טערעזע זאָל פאַר אים צוגרייטן די נויטיקע מאַטעריאַלן. דערווייסנדיק זיך פון טערעזעס שיינקייט האָט דער אָבעראינספּעקטאָר באַשלאָסן שוין אויסנוצן די געלעגנהייט און מיט איר זיך אַ ביסל אונטערהאַלטן. זי איז דאָך אַ הונדערטפּראָצענטיקע אַריערין מיט דעם געזונטן דייטשן בלוט אין אירע אָדערן... און עס וועט זיין אַ פאַרגעניגן מיט איר צו פאַרברענגען. מיד און אויפגערעגט פון די איבערלעבענישן פון טאָג און פון דעם שענדלעכן פּאַטש אין פּנים, האָט זיך דער אויסגעפרעסענער דייטש געוואָלט אַ ביסל צעשטרייען און ווער קען נאָך אים פאַרשאַפן אַזוי פיל רו און גענוס?

אין שטעטל האָט דערווייל גערעוועט די ראַדיאָ און אַנאָנסירט אַז מאָרגן פרי וועלן קלינגען די גלעקער און עס וועט געמאָלדן ווערן און אויך עפנטלעך אויסגעפירט ווערן דער גערעכטער אורטייל איבער די ווילדע באַנדיטן. דער אומהיימלעכער אַנאָנס האָט נאָך מער פאַרוואָלקנט דעם ביטערן געמיט פון שטעטל.

דערווייל איז אַהער אַראָפּגעקומען אַ דייטשע טרופּע אַרטיסטן

און אן אפעראטאר פון א בערלינער מאווי־געזעלשאפט צו פארוויילן א ביסל דעם פאלקסגענאסע אין דער טריבער לאנגוויילעקייט פון זיין לעבן אין די אקופירטע לענדער. אים איז נעבעך אזוי אומעטיק, האט גאר קיין שטאך ארבעט ניט, קיינע אטראקציעס... און דאס פאטערלאנד זארגט פאר דעם גייסטיקן געגוס פון זיינע געטרייע בירגער... פארשטענדלעך, אז קיין אינטערעסאנטערע טעמע צו שפייזן די דייטשע אינסטינקטן און צו אמוזירן זייערע שמוציקע נשמות האט מען ניט געפונען, ווי די „אידן־פראגע". אין דייטשלאנד האט מען שוין לאנג פארקלערט דעם שפיצל פון שפריצן ראסן־גיפט דורך קאריקאטורן און גרויל־פראפאגאנדע אויף דעם „אייביקן אידן". מען האט געמאכט א ספעציעלע אויסשטעלונג, טעאטער־פראגראמען און מאווי־בילדער צו אפלאכן פון אידן, צו דערווייזן זיינע פארשווערונגען אלס דער וועלט־שונא פון אלע פעלקער בכלל און פון דייטשן פאלק בפרט און צו רייצן נאך מער דעם האס קעגן אידן. די ספעקטאקלען פלעגט מען ארומפירן אין דייטשלאנד פון שטאט צו שטאט און איצט האט מען אנגעפאנגען צו טאן עס אויך אין די אקופירטע לענדער. מען האט דערביי אויך געוואלט רייצן די ארטיקע קריסטלעכע באפעלקערונג פון יעדן לאנד קעגן די אידן. אין שטעטל מ. האבן זיך געוויזן פלאקאטן מיט קדוש־לבנה אותיות, מעלדנדיק וועגן ספעקטאקל און רופנדיק אויך פאליאקן צו באזוכן דעם בלוטיקן שפיל. זאלן זיי זען ווער זייערע אידישע שכנים זיינען און ווי זיי לויערן פון באהעלטעניש צו צעשטערן דאס פוילישע פאלק און לאנד.

אייניקע שעהן שפעטער האבן זיך באוויזן מעלדונגען פון דער אונטערערדישער באוועגונג, געדרוקט אין א געהיימער דרוקעריי מיט דעם רוף און ווארנונג צו פאליאקן זיך ניט צו לאזן פארפירן דורך דער העסלעכער העצע און ניט צו גיין צום ספעקטאקל. דערביי איז געווען באטאנט, אז יעדער פאליאק וואס וועט וואגן צו ברעכן אט די פארארדענונג וועט באטראכט ווערן אלס פאררעטער און דער אונטערערדישער געריכט וועט אים שוין געבן זיין פארדינטן פסק... עס איז געווען אונטערגעשריבן דער „שעף פון קאנספיראטיוון טריבונאל" אונטער א פארשטעלטן נאמען. דער הער אבעראינספעקטאר האט באגריסט די גוטע געלעגנהייט צו פארברענגען אן אוונט אין דער געזעלשאפט פון פאלקסגענאסן ביי דער זייט פון א פיקאנטער דאמע, זעטיקן די אויגן מיט דעם באליבטן שטאף פון אידישע צרות און יסורים און דעם גומען מיט א שטארקן, געשמאקן קאניאק. א, וועט ער עס פארברענגען, וועט ער עס זיך לאזן וואוילגיין. טערעזע וועט דאך אוודאי זיין שטאלץ אנצונעמען די איינלאדונג פון אזא הויכן געסטאפא־באאמטן.

אויפגעלייגט און מונטער מיט א וואוילינגערישן פייף איז ער אין א רייכן אויטאמאביל צוגעפארן צו טערעזעס וואוינונג, פארגע־

שטעלט זיך פאַר איר, הער יוליוס פאָן פראַנקענשטיין, דער אָבער־
אינספּעקטאָר, און איינגעלאַדן זי צום ספּעקטאַקל. פון טערעזעס פּנים
האָט געשלאָגן אַ רייץ, וועלכער האָט דעם דייטש פאַרכישופט. זיין היים
בלוט האָט נאָך מער גענומען זידן. די שיינע אַריערין האָט צענומען
אַלע זיינע גלידער. ער האָט זי ניט דערקענט, ווייל אירע האָר זיינען
געווען געבליטשט. טערעזע האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעקוקט צו דעם
דייטש און מיטאַמאָל איז איר פינצטער געוואָרן אין די אויגן. דאָס
בלוט איז איר פאַרגליווערט געוואָרן אין די אָדערן און אַ קאַלטער צי־
טער איז אַדורך איבער איר לייב. אַ מבול מיט ביטערע זכרונות האָט
אַ שטראָם געטאָן פון די טיפענישן פון איר טונקעלן מוח.

יאָ, דאָס איז ער, האַנס פאָן האַלשוואַנג, דער בלומרשטער לע־
מעלע פון פּוילישן שטעטל און דער אויסוואורף און לומפּ פון בערלין.
ער האָט עס זי אַרויסגעשמיסן פון הויז נאָכדעם ווי ער האָט זי אויס־
גענוצט ווי אַ שמאַטע. ער האָט עס צעטראָטן איר יונג לעבן, — האָט
זי ביי זיך געטראַכט.

פייערדיקע רעדער האָבן זיך פאַר איר געדרייט און געשווינדלט.
זי האָט געפילט אַז זי פאַלט באַלד אין חלשות, אָבער דאָ איז געקומען
דער ניכטערער געפיל פון חשבון. זי האָט זיך דערמאָנט וועגן איר
ראָל און אונטערנעמונג, פאַרשטאַנען ווי געפערלעך עס איז צו זיין
יעצט סענטימענטאַל און אומפאַרזיכטיק און זי האָט זיך באַהערשט.

„איך בין טערעזע פאָן פונקע. בין גליקלעך פון אייער וויזיט און
גערן אייך צו באַגלייטן צו דער פאַרוויילונג. עס איז אַן ערע צו זיין
אין דער געזעלשאַפט פון איינעם פון אונזערע בעסטע פאָלקסגענאָסן,
די העלדישע זין פון אונזער „דריטן רייך".

„דאַנקע שיין פאַר דעם קאָמפּלימענט" — האָט זיך דער אָבער־
אינספּעקטאָר פאַרנויגט און זיך געשמאָלצן פון נחת. זיינע אויגלעך
אין דיקן פּנים האָבן געשמייכלט אין פעטער הנאה און ניט געדאַכט
האָט ער אַז דאָס זיינען ניכער שטעכווערטלעך, ווי אמתע התפעלות,
און אַז די בלאָנדע אַריערין איז זיין צוקונפטיקער אידישער מלאך־
המות. טערעזע האָט זיך אַנטשולדיקט, אַריינגעגאַנגען אין איר בודואַר,
זיך איבערגעטאָן, אַריינגעלייגט אין איר פּאַקעטבוק די רוזש, קאָס־
מעטיק און אַרטיקלען פון פרויען־רייץ און צווישן דעם ריח פון פּער־
פיום און פּוידער, צווישן דער ווייכקייט פון אירע טאַשן־טיכלעך און
פּוידער־קישעלע האָט זי אָבער ניט פאַרגעסן אויך מיטצונעמען דעם
טאַטנס חלף, דאָס איינציקע וואָס איז איר פאַרבליבן פון שוחטס צע־
בראָכענע היים. יאָ, דער שאַרפער גואל הדם וועט נאָך גוט צונוץ
קומען...

דאָס שטעטלשע טעאַטער איז געווען באַזעצט מיט אויסגעפּרע־
סענע, גראָב־בייכיקע דייטשן פון וועלכע עס האָט אַגב געשלאָגן דער
ריח פון שאַרפן ביר און בראָנפן. זיי האָבן זיך געוויצלט און געלאַכט

ווילד, פֿרעך און פֿאַרשייט. יעדער וויץ, יעדעס וואָרט האָט טערעזען געשטאָכן ווי מיט נאָדלען, אָבער זי האָט פֿאַרשנירלט די ליפּן, זיך געחנדלט און קאָקעטירט.

אויף דער סצענע האָבן זיך באַוויזן אַקטיאָרן, פֿאַרקלײדט פֿאַר אידן אין לאַנגע קאַפּאָטעס און אַלט־ווייסע בערד. זיי האָבן עס אין דער פֿינסטער, אין אַן ערב פּסח נאַכט, געטראָגן פֿאַרוויקלט אַ צעפּויניקט גופֿל פֿון אַ שגצל וועמען זיי האָבן געקידנעפּט, מערדערלעך געקוילעט, בכדי צו האָבן בלוט אין די מצות.

אזוי פֿיל צרות און פּאָגראָמען, שחיטות, שרפֿות און קרבנות נאָך אין די פֿינצסטערע צייטן פֿון דעם בײליס־פּראָצעס אין רוסלאַנד און איז אויף אַ ביסל צייט פֿאַרגעסן געוואָרן, בכדי ווייטער אַרויסקומען ווי אַ שד אין דער ליכטיקייט אונטער דער מלוכה פֿון דעם ווילדן האַקנקרייץ.

„יודע פֿאַרעקע, אַ טויט צו די פֿיינדע פֿון דייטשן פֿאָלק און פֿון דער גאַנצער וועלט" — האָבן הײזעריק גערעוועט די צושויער. פּנימער האָבן זיך אָנגעצונדן צונטער־רויט מיט כעס, ציינער האָבן געקריצט און פֿויסטן האָבן זיך געבײלט. אין דער לופֿט האָט זיך געפֿילט אַ כוליגאַנישע פּאָגראָם־שטימונג.

שפּעטער האָט זיך אויף דעם לייוונט איבערן פֿאָרהאַנג געוויזן אַ מאָוווי־בילד פֿון דעם הורבן, וואָס די נאַציס האָבן אָנגעמאַכט אין אידישע שטעט און קוואַרטאַלן אַלס אויסדרוק פֿון דעם געזונטן פֿאָלקס־אינסטינקט פֿון נקמה. פֿון איין זייט האָט מען געצייגט אַ געפֿעלשטן מאָטיוו פֿון די טרויעריק־באַרימטע „פּראָטאָקאָלן פֿון די זקני ציון", ווי די גרייז־גרויע אידן האַלטן אָפּ געהיימע מיטינגען און פּלאַנען אומצוברענגען די גוים אין בלוט און פֿייער און צו פֿאַרכאַפּן די הערשאַפֿט פֿון דער וועלט. פֿון דער אַנדער זייט קומט דער גערעכטער שווערד פֿון נאַציזם. בערג הרוגים וואַלגערן זיך איינע אויף די אַנדערע. קהילות און היימען, בתי מדרשים און הייזער שטייען אין פֿלאַמען. בכדי נאָך צופּוצן דאָס גרוילהאַפֿטע בילד האָט די מאָוווי־געזעלשאַפֿט צוגעגעבן נאָך אַ פּיקאַנטע בלימל: אידישע מענער און פֿרויען, יום־טובדיק געקליידט, טאַנצן אַ ריקוד אויף די קערפּערס פֿון זייערע דערהרגעטע ברידער אַרום טישן פֿול מיט געשמאַקע געטראַנקען און זאַטע מאכלים און זיינען זיך משמח ביי דער סעודה מיט דעם אומגליק און חורבן פֿון זייער אייגן בלוט און פֿלייש. דאָס האָט געדאַרפֿט וויזן די גרויל און געפֿאַלנקייט פֿון דער אידישער ראַסע. די דייטשע צושויער האָבן זיך געריבן די הענט פֿון הנאה. פֿרעך געלאַכט און געשריען „שמוציקע הינט, נידעריקע ראַסע, ווילדע באַשעפֿענישן, אַ טויט פֿאַר זיי אַלעמען!" דער אָבעראינספּעקטאָר האָט זיך אויך געפּרעגלט פֿון נחת און אַלע ווײלע געקוקט אויף זיין שכנה צו זען, ווי זי גלייכט זיין כיבוד, ווי זי אַמוזירט דעם פֿאַרגעניגן, וואָס ער האָט איר היינטיקן

אונט פארשאפט. טערעזע האט געשמייכלט און געדאנקט פאר דעם גרויסמוטיקן זשעסט און גרויסן גענוס, און געווען איז דאס א געלעכ־טער מיט יאשטשערקעס, גיפט און גאל.

זי האט געגרוילט. א פיבער האט געשלאגן אין אלע אירע גלי־דער. דער קאפ איז איר צעשפרונגען געווארן פון ווייטאג און פאר־דראס. זי האט געוואלט שרייען, שילטן, שלאגן און אליין אומקומען, ווי אלע קדושים פון איר גרויסן פאלק, אבער זי האט זיך קאנטראָ־לירט און באהערשט. די שעה פון נקמה וועט נאך שלאגן, דערוייל מוז מען זיין געדולדיק און זייער פארזיכטיק.

דער אבעראינספעקטאר האט זי איינגעלאדן אין בופעט צום טישל, אבער זי האט זיך אנטשולדיקט, געזאגט אז זי פילט פארמאַ־טערט, אנגעשטרענגט און קען גאר נישט פארזוכן. דער זולל וסובאדי־קער דייטש האט גענומען טרינקען איין בעכער בראנפן נאך דעם אנ־דערן. וואס מער ער האט געשיכורט, אלץ מער האט אים דער בי־טערער טראפן געצויגן און געלאקט. ער האט שוין אנגעפאנגען רויט צו ווערן פון שכרות און דאס צערייצטע בלוט האט אים געזעצט אין פנים.

